בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# דֶער קְוַואל פוּן אֱמוּנָה

שַׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

## סֵדֶר שְׁמוֹת תשע"ג לפ"ק

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

© כל הזכויות שמורות

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# מַפְתֵּחַ

1) עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת. . . . 1

2) הַכָּרַת הַטוֹב. . . . . . . . . . . . . . . . . 29

3) דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר . . . . 47

4) דו בִּיזְט אַ חִידוּשׁ. . . . . . . . . . . . . 77

5) גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג. . . . . . . . . . . . . 105

6) דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דַארְף דִיךְ יָא. . . . . 135

7) אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ . . . . . . . . . . . . . 155

8) מִיר אִידְן אִינְאֵיינֶעם. . . . . . . . . . . 167

9) הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק. . . . . . . . . . . . 183

10) שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. . . . . 213

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אָדָם אֲ'שֶׁר לְ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אֲ'רֻכּוֹת לְ'עוֹלָם, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**, אַ מֶענְטְש זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה, וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַריין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין ?

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י"ט) אַז מִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ אַלֶעס פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דֶעמָאלְט'ס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵז, אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת תּוֹרָה ב)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת שְׁמוֹת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

מוֹהֲרָאשׁ זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת אַזוֹי וְוִי פוּן פַייעֶר אַפִילוּ מֶען אִיז גֶערֶעכְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת יַיִן נֶסֶךְ): אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): אַז דִי יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְווֹת: אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא מִצְוָה וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ וְוִי דִי זַאךְ פוּן מַחְלוֹקֶת כְּאִלוּ מֶען דַארְף קְרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם וֶועגְן כָּבוֹד שָׁמַיִם, אוּן פוּן דוּ מִצְווֹת מֵיינְט דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי צוּ זָאגְן אַז דִי יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ מִיט מִצְוֹת אוּן מֶען דַארְף פוּן דֶעם אַנְטְלוֹיפְן.

**(אמרי מוהרא"ש תתקפו)**

# עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

**א.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן **׳לֵיל שִׁשִּׁי׳** פוּן **׳שׁוֹבָבִי״ם׳**; וָואס דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן **שׁוֹבָבִים** אִיז גֶעשְׁטֶעלְט מְתַקֵּן צוּ זַיין דֶעם חֵטְא פוּן **׳פְּגַם הַבְּרִית׳**, וָואס מִיר אַלֶע זֶענֶען לֵיידֶער גֶעכַאפְּט דֶערִין, אוּן מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ **׳תִּיקּוּן הַבְּרִית׳**.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קיד): עֶס הָאט אַ פָּנִים, אַז מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן. פִּירְט אוֹיף דֶעם אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען, אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אֲפִילוּ אֵיין שְׁלֶעכְטְן גֶעדַאנְק, אִיז דָאס שׁוֹין אַ מוֹרָא׳דִיגֶער פְּגַם רַחְמָנָא לִצְלָן. וַוייל דִי מַחְשָׁבָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (לְשֵׁם יִחוּד קוֹדֶם הֲנָחַת תְּפִילִּין): **הַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמוֹחִי**. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כא): דָארְט וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצג): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרַיין לֵייגְן מִיט זַיין גַאנְצֶער מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה אִין אֵיין זַאךְ, וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען אוֹיסְפִירְן בְּלוֹיז מִיט דִי כֹּחַ פוּן זַיין מַחְשָׁבָה, וַוייל דִי מַחְשָׁבָה הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

אָבֶּער דִי מַחְשָׁבָה - נְשָׁמָה אִיז אַרוּמְגֶעְנוּמֶען מִיט צֶען לְבוּשִׁים, וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן עֶשֶׂר סְפִירוֹת, וָואס דָאס זֶענֶען צֶען עֶרְלֵיי דִמְיוֹנוֹת, וָואס פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַלֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן תַּאֲווֹת. לְמָשָׁל: אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן כָּבוֹד, אֵיינֶער פוּן גֶעלְט, אֵיינֶער פוּן אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְכוּ׳, בִּפְרַט נִיאוּף, וָואס דָאס נֶעמְט שׁוֹין אַרַיין אִין זִיךְ אַלֶע תַּאֲווֹת. וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר פּוֹגֵם אִין זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר מַאכְט אַ פְּגַם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. נָאר וִויבַּאלְד מִיר הָאבְּן אַ פַארְגֶערֶבְטְן גוּף, אִיז אוּנְז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס רוּחָנִיוּת אִיז, אוּן וָואס אֵיין שְׁמוּצִיגְן גֶעדַאנְק אִיז גוֹרֵם.

חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד, יז): **יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶה, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא**, עֶס אִיז בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶער פוּן דִי גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אִין אַ צִימֶער וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, אָדֶער עֶר גֵייט אִין פֶעלְד שְׁפַּאצִירְן וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר הֶערְט אִים אוֹיס, וָואס עֶר רֶעד צוּ אִים, אוּן אַזוֹי טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, [וַוייל דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז **'וִוידוּי דְבָרִים'** (רַמְבַּ״ם פֶּרֶק א מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א),] אוּן אַזוֹי זָאגְט עֶר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן, אוּן גֶערֶעדְט, אוּן גֶעטְרַאכְט. אוּן עֶר טוּט צְדָקָה אוּן חֶסֶד, עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס אַ צְוֵוייטְן אִיד, דָאס צוּ טוּהְן אֵיין שָׁעָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז מֶער פוּן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן עוֹלָם הַבָּא.

יֶעצְט לָאמִיר זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עוֹלָם הַבָּא אִיז; אַן אֵייבִּיגֶער זַאךְ, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אוֹיף דֶעם קַיין זְמַן, וַוייל אוֹיבְּן אִיז שׁוֹין

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זְמַן, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מֶעסְטְן מִיט קַיין יָארְן וְכוּ׳, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין וָואס עֶס הֵייסְט עוֹלָם הַבָּא אוּן רוּחָנִיוּת! אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲזַ״ל (שָׁם): **יָפֶה שָׁעָה אַחַת בָּעוֹלָם הַבָּא, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַזֶּה.** דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָפְּגֶעלֶעבְּט זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר, אוּן עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ב): עֶס הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט. דָאךְ אִיז אֵיין שָׁעָה פוּן ׳תַּעֲנוּג רוּחָנִי׳, אוּן זַיין דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, מֶער וִוי דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הַזֶּה.

פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען וָואס דָאס הֵייסְט אֵיין שְׁלֶעכְטְן הִרְהוּר וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעריסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז זַיין קָאפּ זִינְקְט אִין שְׁמוּץ, אוּן עֶר טוּט שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן.

וֶועגְן דֶעם אִיז יֶעצְט דִי צַייט וָואס מֶען קֶען דָאס אַלֶעס פַארֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּקוּן כז): אַז דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן **שְׁ׳מוֹת וָ׳אֵרָא בֹּ׳א בְּ׳שַׁלַח יִ׳תְרוֹ מִ׳שְׁפָּטִים** אִיז מְסוּגָל צוּ פַארֶעכְטְן דֶעם חֵטְא, וַוייל מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשִׁיוֹת וִוי אִידְן זֶענֶען אַרָאפּ אִין גָלוּת מִצְרַיִם, אוּן גֶעדַארְפְט פַארֶעכְטְן דִי טִיפּוֹת וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט פַארְלוֹירְן אִין דִי הוּנְדֶערְט דְרַייסִיג יָאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן פָּרוּשׁ מֵאִשְׁתּוֹ (עֵרוּבִין יח ע״ב), אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דֶעם כּוּר הַבַּרְזֶל אִין מִצְרַיִם, בִּיז צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן דִי תּוֹרָה. וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען לֵיינְט דִי סִדְרוֹת, אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ זַיין תִּיקוּן.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת
## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע"ב): אַז דֶער עִיקָר יֵצֶר הָרַע אוּן דִי אַלֶע תַּאֲווֹת וָואס בְּרֶענְט אִין אוּנְז, [בִּפְרַט פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים,] קוּמְט פָּשׁוּט פוּן דִי בְּלוּט וָואס אִיז פַארְגְרֶעבְּט, אוּן דָאס קָאכְט אִין אִים. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע"ה): דִי אַלֶע בְּלוּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ מַחְלוֹקֶת אוּן נִצָּחוֹן, וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסַארְבֶּעטְן אוּן אוֹיסְלַייטֶערְן זַיין בְּלוּט, וָואס דוּרְךְ דֶעם זוֹכְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת נָאר שָׁלוֹם. אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן דִי בְּלוּט? דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַזוֹי פִיל וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, בִּיז זַיין גַאנְצֶער בְּלוּט וֶוערְט נָאר וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

דָאס הֵייסְט, אַז אַ אִיד דַארְף אַזוֹיפִיל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע זַאךְ לֶערְנֶען אֵיין פָּסוּק חוּמָשׁ אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק חוּמָשׁ, נָאךְ אַ מִשְׁנָה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ מֵימְרָא אִין גְמָרָא, אוּן נָאךְ אַ מֵימְרָא, בִּיז עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַזוֹיפִיל פְּסוּקִים גֶעלֶערְנְט, אוּן אַזוֹיפִיל מִשְׁנָה׳ס גֶעלֶערְנְט, אוּן אַזוֹיפִיל מֵימְרָא׳ס גֶעלֶערְנְט, אוּן אַזוֹיפִיל הֲלָכוֹת גֶעלֶערְנְט אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אָדֶער צוּ רוֹדֶפְ׳ן אַ צְוֵויטְן; דָאס הֵייסְט, עֶר הָאט שׁוֹין מְזַכֵּךְ גֶעוֶוען זַיין בְּלוּט דוּרְךְ אַזוֹיפִיל תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹיפִיל אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן.

אָבֶּער פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת, אַז מֶען וֶועט גוּט קוּקְן דִי מְצִיאוּת, וֶועט מֶען זֶעהְן אַז עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין פְּסוּקִים, קַיין מִשְׁנָה׳ס,

**עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת**

קַיין מֵימְרָא׳ס אִין גְמָרָא, אוֹיךְ לֶערְנְט עֶר נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת, נָאר עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט מַחְלוֹקֶת רַחְמָנָא לִצְלָן.

**ג.**

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נה, כא): **שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלוֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ**, טַייטְשְׁן צַדִּיקִים: אַז מֶען זֶעהְט אֵיינֶעם רֶעדְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד, זָאל מֶען ווִיסְן אַז עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ מְחַלֵּל גֶעוֶועןְ דֶעם בְּרִית. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פָּגוּם רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ב, י): **הֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה**, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען חָלִילָה אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווַייל עֶר אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אַ קוֹיל, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ אָפְּבְּרִיעֶן. אוּן פּוּנְקְט ווִי אַ קוֹיל וָואס אִינְדְרוֹיסְן זֶעהְט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם פַייעֶר, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג בְּרֶענְט דָאס מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ צַדִיק, אִיז בַּיי זִיךְ מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ פָּשׁוּט בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ב): אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא שְׁלֵימוּת אַז עֶר זָאל זַיין בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, אוּן דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּנֶעם צַדִיק, אַז מֶען זָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן בָּטֵל, ווַייל דֶער צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר דִי שִׁפְלוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווַייט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶעבְּט נָאךְ שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ ווִי אַ שְׁטִיק עֶרְד אוּן בְּלָאטֶע, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער צַדִיק אִיז אַ ׳גַחֶלֶת׳ - קוֹיל, וָואס אִינְדְרוֹיסְן זֶעהְט עֶר אוֹיס ווִי אַ שְׁטִיק עֶרְד אוּן שְׁטֵיין, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג בְּרֶענְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְלַאם פַייעֶר.

וֶועגְן דֶעם וָוארֶענֶען אוּנְז חֲזַ״ל (שָׁם): אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן זֵיי, אוּן שְׁטֶעלְן דָאס צוּ, צוּ קוֹילְן, אוּן זֵיי פִירְן אוֹיס: אַז זֵייעֶר בִּיס אִיז אַזוֹי ווִי דֶער בִּיס פוּן אַ גִיפְטִיגֶער שְׁלַאנְג. אוֹיךְ גֶעפוּנֶען מִיר עֶטְלִיכֶע מָאל אִין חֲזַ״ל (עַיֵין

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

שַׁבָּת קי ע״א; עֲבוֹדָה זָרָה כז ע״ב): אַז אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אַ תַּלְמִיד חָכָם כַאפְּט עֶר אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט צוּטוּהְן מִיט דִי גוֹיִם יִמַח שְׁמָם, [וָואס זֵיי פְלֶעגְן זוּכְן נָאר זִיךְ מִתְוַכֵּחַ צוּ זַיין מִיט דִי אִידְן, כְּדֵי זֵיי אוֹיף צוּ וַוייזְן זֵייעֶר נַארִישֶׁע גְלוֹיבְּן אוּן דָאס אַרוֹיף צְווִינְגֶען אוֹיף אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן אוֹיכֶעט גְלֵייבְּן אִין זֵייעֶרֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, וָואס יֶעדֶער חֵדֶר אִינְגְל וָואס אִיז אַ בַּר דַעַת וֵוייסְט אַז דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ נַארִישְׁקֵייט, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ מַמְזֵר, וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ שְׁטַאל, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַ גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְּט,] אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין אַסַאךְ מָאל צוּ זֵייעֶרֶע חֲכָמִים, צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זֵייעֶרֶע שַׁאֲלוֹת פַארְן קֶענִיג.

הָאט אִים אַ גְרוֹיסֶער שַׂר אֵיינְמָאל גֶעפְּרֶעגְט צְווִישְׁן דִי שַׁאֲלוֹת, אוֹיף דֶעם וָואס חַזַ״ל זָאגְן (שָׁם): אַז אֵיינֶער פָּאלְגְט נִישְׁט אַ תַּלְמִיד חָכָם, וֶועט אִים אַ שְׁלַאנְג בַּייסְן; פַּארְוָואס גֶעפוּנֶען מִיר נִישְׁט אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אַזַא מִין שְׁטְרָאף, עֶס אִיז דָא נָאךְ הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען אִיז חַיָּיב דֶערוֹיף מִיתָה, אָבֶּער מֶען בַּאקוּמְט דֶערְפַאר: סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, חֶנֶק; וָואס דִי אַלֶע מִיתוֹת בְּרֶענְגְט מֶען צוּם ׳בֵּית דִין׳, אוּן מֶען אִיז אִים דַן, וִוי אַזוֹי הָאבְּן חַזַ״ל אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ שְׁטֶערְקֶערֶע שְׁטְרָאף וִוי דִי תּוֹרָה, אַז אַ שְׁלַאנְג זָאל אִים בַּייסְן אוּמְגֶערָאכְטְן, אָן מִשְׁפָּטְ׳ן מִיט אַ פְּסַק דִין?!

הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹנָתָן צוּרִיק גֶעפְּרֶעגְט: אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר יֶעצְט בַּאלֵיידִיגְן אָדֶער שֶׁעלְטְן, וָואסְפַאַרְא עוֹנֶשׁ בַּאקוּמְט עֶר? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: טוֹיט שְׁטְרָאף. פְּרֶעגְט עֶר אִים: דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיין רֶעוָואלְוֶוער אוּן יֶענֶעם שִׁיסְן? זָאגְט עֶר: נֵיין! פַּארְוָואס נִישְׁט? זָאגְט עֶר: וַוייל עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁפָּט, עֶס דַארְף זַיין עֵדוּת, צִי עֶר הָאט מִיר טַאקֶע

גֶעשָׁאלְטְן וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען וֶועט קֶענֶען אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר הָאט מִיר מְבַזֶה גֶעוֶוען בָּרַבִּים, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען אִים הֶענְגֶען.

זָאגְט עֶר אִים: זֵייעֶר פֵּיין גֶעזָאגְט. אוּן וָואס טוּט זִיךְ אַז אֵיינֶער בַּאפַאלְט דֶעם שׁוֹמֵר, וָואס עֶר הִיט אוֹיף דִיר אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ, אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶעכְן קַיין שׁוּם רוֹצֵחַ, אוּן אֵיינֶער רַאנְגְלְט זִיךְ מִיט אִים אוּן עֶר וִויל אַרַיין גֵיין, וָואס טוּט דֶעמָאלְטְס דֶער שׁוֹמֵר? ! עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם רֶעוָואלְוֶוער אוּן עֶר שִׁיסְט אִים, ווַייל חָלִילָה אַז עֶר לָאזְט אִים אַרַיין צוּם מֶלֶךְ, אִיז דֶער שׁוֹמֵר שׁוּלְדִיג אִין אַלֶעם, פַארְוָואס עֶר הָאט אִים אַרַיין גֶעלָאזְט.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹנָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעפִירְט: דִי חֲזַ״ל זֶענֶען דִי שׁוֹמְרִים, ווַייל זֵיי הִיטְן אוֹיף דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶועט מֶען כַאפְּן אוֹיפְן פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שָׁם): דִלְמָא חַוְיָא דְרַבָּנָן טָרְקֵיה, אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, אוּן מֶען צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר צוֹים, בַּאקוּמְט מֶען אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רְפוּאָה.

אָבֶּער דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן צַדִיקִים, טְרֶעפְן זִיךְ אַן עֵצָה: צוּ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ קוֹדֶם אוֹיס תַּלְמִיד חָכָם, אוּן אוֹיס צַדִיק, מְמֵילָא הָאט עֶר שׁוֹין אַ הֶיתֵּר צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת הֲלָכָה ה, ט): טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם מַאֲמַר חֲזַ״ל (תַּנְחוּמָא סוֹף כִּי תֵצֵא): **[עֲמָלֵק] חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרֵק כְּלַפֵּי מַעֲלָה**; עֲמָלֵק נֶעמְט לֵיידִיג גֵייעֶרְס וָואס זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע שְׁוֶוענְץ, אוּן ווַייסְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט, זֵיי נֶעמְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן עֶר הֵייבְּט זֵיי אוֹיף זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן אַלֶע הַאלְטְן פוּן זֵיי, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט; דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אֵיין סְקוּנְדֶע, אוֹיף אִים זָאגְט מֶען אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וְכוּ׳.

ד.

און וָואס אִיז טַאקֶע דֶער סִימָן צוּ וויסְן וֶוער עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?! נָאר דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ה, יט): **מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע** וְכוּ׳, וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן דִי ׳תַּלְמִידִים׳ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, צוּ דִי ׳תַּלְמִידִים׳ פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע; פְרֶעגְן דִי מְפָרְשִׁים פַארְוָואס פְרֶעגְט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן ׳**אַבְרָהָם**׳ און ׳**בִּלְעָם**׳ אַלֵיין?! נָאר צְוִוישְׁן אַבְרָהָם און בִּלְעָם הָאט מֶען טַאקֶע נִישְׁט גֶעזֶעהְן קֵיין חִילוּק, וַוייל בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּעֶן מִיטְן זֶעלְבְּן לְבוּשׁ, און בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן נ״ז): בִּלְעָם הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט תּוֹרָה, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פָּסוּק, און גֶעזָאגְט אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה וְכוּ׳. מְמֵילָא הָאט מֶען צְוִוישְׁן זֵיי אַלֵיין נִישְׁט גֶעזֶעהְן קֵיין שׁוּם חִילוּק, נָאר בַּיי דִי תַּלְמִידִים, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזֶעהְן אַ גְרוֹיסְן חִילוּק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ק״מ): אוֹיפְן פָּסוּק (אִיוֹב לז, ז): **בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם, לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ**, אַז אַ צַדִיק אִיז פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ זִיגְל, וָואס וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיפְן זִיגְל אַלֵיין, זֶעהְט מֶען דִי וֶוערְטֶער פַארְקֶערְט, נָאר וֶוען מֶען זִיגֶלְט דָאס אַרָאפּ אוֹיף אַ צְוֵויייטֶע זַאךְ, דֶעמָאלְטְס אִיז דָאס גְרָאד און מֶען קֶען דָאס לֵיינֶען. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אוֹיף אַ צַדִיק אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶעהְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קט״ז): אַ צַדִיק זֶעהְט אוֹיס פּוּנְקְט וִוי אַ צְוֵויייטְן, און מֶען קֶען אוֹיף אִים גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַז עֶר אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵויייטְן.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

פַארְקֶערְט, ווי אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִיק עֶר אִיז, אַלְץ מֶער פָּשׁוּט׳עֶר פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף, און מֶען זֶעהְט בַּיי אִים גָארְנִישְׁט, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רמג): שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶעמַאכְט דְרֵיי סְפָרִים: מִשְׁלֵי, קֹהֶלֶת, שִׁיר הַשִּׁירִים. און מֶען זֶעהְט אַז מִשְׁלֵי און קֹהֶלֶת אִיז פוּל מִיט מוּסָר הַשְׂכֵּל און יִרְאַת שָׁמַיִם בַּיי יֶעדְן פָּסוּק, אָבֶּער שִׁיר הַשִּׁירִים וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט קֵיינְמָאל דָאס וָוארְט ׳קוֹדֶשׁ׳ אָדֶער ׳טָהוֹר׳, און מֶען זֶעהְט נִישְׁט אָפֶּען קַיין מוּסָר און יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן זָאגְן חֲזַ״ל (יָדַיִם ג, ה): אַלֶע שִׁירִים זֶענֶען הֵיילִיג, אָבֶּער ׳שִׁיר הַשִּׁירִים׳ אִיז ׳קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים׳.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹ״ם**, דֶער צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן **׳כָּל אָדָם׳**, און עֶר אִיז אַזוֹי ווי אַ ׳זִיגְל׳ און אוֹיף אִים אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶעהְן, און עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף גָאר פָּשׁוּט, אָבֶּער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועסְטוּ שׁוֹין יָא קֶענֶען זֶעהְן וֶוער עֶר אִיז, וַוייל אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט תַּלְמִידִים וָואס זֵיי פְלַייסְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, און לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י און זֶענֶען מַעֲבִיר סִדְרָה יֶעדְן טָאג, זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן.

אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, רֶעדְט מֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, און מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת, און לֵיצָנוּת, וָואס פוּן דֶעם בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע מַחְלוֹקֶת. חֲזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה ל, יז): **אֵין דָבָר טוֹב וְכוּ׳ יוֹצֵא מִתּוֹךְ מְרִיבָה**, פוּן מַחְלוֹקֶת קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס. ׳קַיִן׳ הָאט נִישְׁט גֶע׳הַרְגֶ׳ט ׳הֶבֶל׳, נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט אִים אַ וִויכּוּחַ, און אַזוֹי רֶעכְנְט אוֹיס דֶער מִדְרָשׁ אַ גַאנְצֶע לִיסְטֶע, וָואסְפַארַא שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן עֶס אִיז אַלְץ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן וִויכּוּחִים און מַחְלוֹקֶת; און אַלֶע צָרוֹת

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

קוּמְט וַוייל מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ קְרִיגְן רַחְמָנָא לִצְּלָן, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳): אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט מִיט מִצְווֹת, אוּן אַזוֹי רֶעדְט עֶר אִים צוּ, צוּ טוּהְן עֲבֵירוֹת. זָאגְט אוֹיךְ דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יַיִן נֶסֶךְ, הֲלָכָה ד, י): אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מַחְלוֹקֶת; דָאס הֵייסְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט אַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה יֶענֶעם אוֹיסְצוּ׳רוֹדֶפְ׳ן עַד חָרְמָה, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז מִצְווֹת פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן מֶען דַארְף פוּן דֶעם אַנְטְלוֹיפְן, פַארְקֶערְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפב): אַז מֶען דַארְף יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן נָאר קוּקְן אוֹיף זַיין גוּטְס.

וִוי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת; אוּן מֶען הָאט אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַ קַמֵיעַ פוּן רֶבִּי ר׳ יוֹנָתָן, וָואס עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְטְן: **עַבְדוֹ מְבִיחוֹ**, וָואס זַיינֶע מִתְנַגְדִים הָאבְּן גֶע׳טַעְנֶה׳ט אַז עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן: **עַבְדוֹ מְשִׁיחוֹ**, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ פַאר מָשִׁיחַ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לַאכְן, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: מְבִיח"וֹ אִיז אַ שֵׁם, וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער (בְּרֵאשִׁית ו, ח): **וְ׳נֹחַ מָ׳צָא חֵ׳ן בְּ׳עֵינֵי יְ׳-ה-וָ-ה**, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תסג). זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ פַארְשְׁטֵייט מֶען, וֶועגְן דֶעם וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן קְרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם?!

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ יוֹנָתָן אַמָאל גֶעזָאגְט אַ וֶוערְטְל, אוֹיף דִי פִּיל מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ, אֲפִילוּ פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן צַדִּיקִים: דָאס וָואס חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סד ע"א): **תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם**. גֶעוֶוענְלִיךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענֶען זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ אִין לֶערְנֶען, אוּן מֶען

קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קְרִיגְן אוֹיף 'יוֹנָתָן', דֶעמָאלְטְס: '**מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם**' מַאכְן זֵיי אַלֶע שָׁלוֹם צְווִישְׁן זִיךְ, אַבִּי מִיר צוּ רוֹדֶפְ'ן.

ה.

רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, יא): **וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם: נָתַן עֵינָיו וְלִבּוֹ לִהְיוֹת מֵיצַר עֲלֵיהֶם**, עֶס הָאט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי צָרוֹת וָואס אִידְן מַאכְן מִיט. אוּן עֶס הָאט אִים אַלְץ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס זֶענֶען דִי אִידְן שׁוּלְדִיג אַז זֵיי דַארְפְן לַיידְן אַזַא בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן גָלוּת? נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי אַ מִצְרִי שְׁלָאגְט אַ אִיד, הָאט אִים דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּעֶן, הָאט עֶר גְלַייךְ עֶרְלֶעדִיגְט דֶעם מִצְרִי, ווייל פַאר אַ אִיד דַארְף זֵייעֶר וֵויי טוּהְן, אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ אִיד, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אִידְן קְרִיגְן זִיךְ צְווִישְׁן זִיךְ אוּן אֵיין אִיד שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ב, יג): **רָשָׁע לָמָה תַכֶּה רֵעֶךָ**. אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, עֶר הָאט נָאר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט, הָאט עֶר אִים שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן רָשָׁע, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח ע"ב; וְעַיֵּין רַשִׁ"י עַל הַפָּסוּק) אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אוֹיף דִי הַאנְט אוֹיפְן חַבֵר אוּן ווִיל אִים שְׁלָאגְן, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, וֶוערְט עֶר שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע.

[אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג: מֶען דַארְף נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הַאנְט צוּ שְׁלָאגְן יֶענֶעם, נָאר אַז מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט אוּנְטֶערְצוּשְׁרַייבְּן קֶעגְן אֵיינֶעם, הָאט מֶען יֶענֶעם גֶע'הַרְגֶ'ט, אוּן מֶען אִיז אוֹיךְ אַ רָשָׁע.]

הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת ב, יד): **מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ, הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה אוֹמֵר וְגוֹ'**, וֶוער הָאט דִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן אִיבֶּער אוּנְז?! אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶע'מַסֶרְ'ט רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְטְס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט (שָׁם): **אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר**, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס אִידְן דַארְפְן נֶעבֶּעךְ לַיידְן

### עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

אַזַא שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן גָלוּת, וַוייל אַז עֶס קֶען זַיין אַזַאלֶעכֶע מַחְלוֹקֶת, אוּן קִנְאָה שִׂנְאָה, צְוִוישְׁן אִידְן, בִּיז מֶען זָאל גֵיין מַסֶרְ׳ן רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאס בְּרֶענְגְט נֶעבֶּעךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן גָלוּת פַאר אִידְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין ז ע״א): אַז מַחְלוֹקֶת אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קְלֵיין עֶפֶענוּנְג פוּן וַואסֶער וָואס מֶען צִיעֶט צוּם פֶעלְד, אָבֶער אֵיינְמָאל אַז עֶס רִינְט אִיבֶּער, וֶוערְט דָאס נָאכְדֶעם אַלְץ בְּרֵייטֶער אוּן בְּרֵייטֶער, אוּן מֶען קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן. דָאס הֵייסְט אַז מַחְלוֹקֶת הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן אַ קְלֵיינִיגְקַייט, בִּיז עֶס וֶוערְט אַזַא גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, אַז מֶען וִויל אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוֹיפְעֶסְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

ו.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אָבֶער אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן, וֶועגְן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל וִויסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, זָאל עֶר נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים: לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, אוּן דָאס זָאל מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְ׳ן, מֶען הֵייבְּט אָן מִיט וָואס עֶס אִיז גְרִינְגֶער: שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן; אַזוֹי אוֹיךְ אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אִין דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק אִיז דָא שְׁפֶּעטֶער קְלֵיינֶע תּוֹרָה׳ס וָואס יֶעדֶער קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין; סֵפֶר הַמִּדּוֹת קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט פַארְשְׁטֵיין; פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת קֶען אוֹיךְ יֶעדֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מוּסָר הַשְׂכֵּל, וָואס דִי פִינֶעף סְפָרִים אִיז פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אַלֶעס אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי אַלֶע סְפָרִים וֵוייסְט עֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָן חָכְמוֹת, אוּן וָואס מֶער פָּשׁוּט׳עֶר מֶען אִיז, אוּן מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אִיז אַלְץ בֶּעסֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרָאסְטַאק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קנ״ד); וַוייל אָן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רכח); וַוייל אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר צָרוֹת אוּן יִסוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): **בָּעֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם**; אַז דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער חִידוּשׁ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁנָה פִּירְט אוֹיס: **וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.**

קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, וַוייל עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער בִּיטֶערֶע צָרוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּפְרַט אַ בָּחוּר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַ עֵצָה גֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת קי ע״א): **הַלוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה, נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה**, וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ אָן קַיין עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר קוֹדֶם חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה; אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (קִדוּשִׁין כט ע״ב): **בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה**, וֶוער עֶס וֶוערְט צְוָואנְצִיג יָאר אוּן עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (סַנְהֶדְרִין כב ע״א; בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים סח, ז): **מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת**, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל, וָואס זֵיי זֶענֶען אִין תְּפִיסָה. דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר צַעַר דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר, וַוייל וָואס זָאלְן זֵיי טוּהְן?! אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָה

עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

גֶעהַאט, אַז עֶר וִויל, קֶען עֶר לֶעבְּן אַ גוּטֶע און הֵיילִיגֶע לֶעבְּן, נָאר מֶען דַארְף וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אִין שְׁטוּבּ.

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת סב ע"א): **נָשִׁים עַם בִּפְנֵי עַצְמָן הֵן**; קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין שְׁטוּבּ. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן: אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי. וַוייל וֶוער אִיז דֶען אַזוֹי ווִי רֶבִּי חִיָּיא, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן (עַיֵּין בָּבָא מְצִיעָא פה ע"ב וְעוֹד), און דָאךְ הָאט אִים זַיין וַוייבּ זֵייעֶר סֶעקִירְט (יְבָמוֹת סג; סה ע"ב), אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אִיר קוֹיפְן שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס זִי הָאט לִיבּ גֶעהַאט, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם סג): **דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת אֶת בָּנֵינוּ, וּמַצֶּלֶת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא**. אַזוֹי אוֹיךְ זֶעהְט מֶען בַּיי 'רַב' (שָׁם), אַז זַיין זוּהְן הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוֹיסְהַאלְטְן און צוּקוּקֶען דִי צַעַר פוּן זַיין טַאטְן, וַוייל וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן צוּ עֶסְן הָאט זִי גֶעגֶעבְּן דָאס פַארְקֶערְטֶע, הָאט דֶער זוּהְן בַּאשְׁלָאסְן, און עֶר הָאט פַאר אִיר אִיבֶּערגֶעדְרֵייט וָואס דֶער טַאטֶע דַארְף, מְמֵילָא הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן: זֶעהְט אוֹיס דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעטוֹישְׁט, וַוייל זִי גְרֵייט מִיר אָן וָואס אִיךְ דַארְף, זָאגְט דֶער זוּהְן: נֵיין! נָאר אִיךְ הָאבּ אַלְץ אִיבֶּערגֶעדְרֵייט פַאר אִיר, הָאט אִים רַב גֶעזָאגְט: גֶעוואוֹין זִיךְ נִישְׁט צוּ, צוּ זָאגְן לִיגֶנְט. אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן אוּנְז חֲזַ"ל (שַׁבָּת לג ע"ב): בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וֶוען דִי גְזֵירָה אִיז צוּ כַאפְּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי אֶלְעָזָר: לָאמִיר אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָא, וַוייל מֶען קֶען נָאךְ כַאפְּן דִי מַאמֶע, און מֶען וֶועט אִיר פַּיינִיגְן, בִּיז זִי וֶועט אוֹיסְזָאגְן וואוּ מִיר זֶענֶען בַּאהַאלְטְן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז תָּלוּי דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶער לִימוּד, און ווִיבַּאלְד מֶען וֵוייסְט דָאס נִישְׁט,

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין מַחְלוֹקֶת

קְרִיגְט מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם בִּיז מֶען קוּמְט צוּ אַ 'גֶט' רַחְמָנָא לִצְּלָן, בְּשַׁעַת מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב יח): **אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ**, זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ"ל (יְבָמוֹת סג ע"א): אִיז עֶר זוֹכֶה, הֶעלְפְט זִי אִים אַרוֹיס, אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה, אִיז זִי קֶעגְן אִים. אוּן דֶעם שְׁלִיסְל וְויאַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב, זֶענֶען מִיר מְקַבֵּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג-רסד): מְכַבֵּד צוּ זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן דָאס וַוייבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט מַאכְן נָאךְ אַזַא גַאנְצֶע לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת [אַנְדֶערֶע זָאגְן אַכְט מָאל אַזוֹי וִוי דֶעם לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת], נָאר אוֹיף דְּבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ, וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב; וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְן דִי חָכְמָה פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

אוּן דֶער עִיקָר חָכְמָה אִיז: זִיךְ אַרָאפּ צוּ בֵּייגְן דֶעם קָאפּ, אוּן גֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (דֶּרֶךְ אֶרֶץ זוּטָא פֶּרֶק א): **לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם שְׁפַל בְּבֵיתוֹ**. אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אוּן אַז מֶען כַאפְּט אַרַיין אַ בִּזָיוֹן, זָאל מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן, אוּן אַז עֶס טוּט וֵויי דְרֵייט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּם וַואנְט אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט מִיט 'פְּגַם הַבְּרִית', וַוייל אַנְדֶערְשׁ וָואלְט זִי מִיר נִישְׁט מְצַעֵר גֶעוֶוען. אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ גוּט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִי שׁוֹין מְמֵילָא חֲרָטָה, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער. אָבֶּער אוֹיבּ 'חַס וְשָׁלוֹם' מֶען הֵייבְּט אִיר אָן צוּ רוֹדֶף'ן אוּן טְשֶׁעפֶּענֶען, וֶועט זִי וֵויינֶען אֱמֶת'ע טְרֶערְן פוּן צַעַר, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט ע"א): מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּהְן חָלִילָה דִי וַוייבּ, וַוייל זִי וֶועט גְלַייךְ וֵויינֶען, אוּן מֶען וֶועט דֶערוֹיף בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ אַזוֹי וָואס פֶעלְט אוֹיס אִיר מְצַעֵר צוּ זַיין, אוּן זִיךְ אַלֵיין גוֹרֵם זַיין פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת?! וָואס אַסַאךְ מָאל אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער נָאכְדֶעם צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, אָבֶּער אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ מְמֵילָא וֶועט זִיךְ אַלֶעס בַּארוּאִיגְן צוּם סוֹף, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן אַ גוּט אוּן זִיס לֶעבְּן.

ז.

חַזַ"ל פַארְצֵיילְן (שַׁבָּת פב ע"א): רַב הוּנָא הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּהְן רַבָּה: פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען צוּ רַב חִסְדָא? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ גֵיין צוּ אִים, עֶר רֶעדְט דָאךְ נָאר וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר לֶערְנְט מִיר אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ מְקַנֵּחַ צוּ זַיין?! [אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פַּאפִּיר, הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּווִישְׁן מִיט שְׁטֵיינְדֶעלֶעךְ, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז אַרוֹיס פַאר דִי גֶעבְּרוֹיכְן, אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וִוי אַזוֹי דָאס צוּ נִיצְן, אוּן וֶועלֶעכֶע סָארְט שְׁטֵיינֶער וְכוּ', כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁנַיידְן.] זָאגְט אִים זַיין טַאטֶע רַב הוּנָא: עֶר לֶערְנְט דָאךְ מִיט דִיר, וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט דָאס הָאבְּן אִין לֶעבְּן!

עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַבְּרִית [אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן שַׁעַר הַקְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵין חֵלֶק א מַאֲמַר א פֶּרֶק ט)]: אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אִיז עֶר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶערְן זֶעהֶער, וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד קוּקְן שְׁטֶערְנְס מִיט אַ טֶעלֶעסְקָא"פּ, אוּן עֶר הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן הִימְל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶער עֶרְד וואוּ עֶר גֵייט, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאסְקֶעט אִין אַ גְרוֹיסְן לָאךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּקְלַאפְּט דִי הֶענְט אוּן דִי פִיס; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן מִיטְן מְצִיאוּת, וָואס דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הֶערְן אוּן וִויסְן, וַוייל דִי אַלֶע

לימוּדים וֶועט מֶען דַארְפְן הָאבְּן אִין לֶעבְּן. אוּן דָאס אִיז דֶעם הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ׳ס לִימוּד: ׳**פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפַּשְׁטוּת**׳, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, כַּבְיָכוֹל וִוי הֶעכֶער עֶר אִיז, אַזוֹי לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּם נִידֶערִיגְסְטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מְגִילָה לא ע״א): **בְּמָקוֹם גְּדוּלָּתוֹ שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְותָנוּתוֹ**. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ צַדִיק, קֶען רֶעדְן פָּשׁוּטֶ׳ע זַאכְן, אָבֶּער עֶר לֶערְנְט דִיר אוֹיס וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס. דָאס זָאגְט דֶער נָבִיא (יְשַׁעְיָה נט, ב): **וַתְּהִי עֲוֹונוֹתֵיכֶם מַבְדִילִים בֵּינִי לְבֵינֵיכֶם**, דִי עֲבֵירוֹת מַאכְן אַ צְווִישְׁן שֵׁייד צְווִישְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרָאפּ דֶעם צְווִישְׁן שֵׁייד, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן, אִיז: ׳שִׂמְחָה׳, אַ אִיד דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ. וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילֶעךְ הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע מִדוֹת טוֹבוֹת; מֶען אִיז נִישְׁט נֶערְוֶועז, מֶען קְרִיגְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען מַאכְט פְרֵיילֶעךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיבֶּעראַל וואוּ מֶען גֵייט בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אַ שִׂמְחָה, אָבֶּער פַארְקֶערְט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. אָבֶּער שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִּבְרֵי הַיָמִים-א טז, כז): **עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ**, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה. אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן בֶּעטְן דֶערוֹיף, אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען שׁוֹין בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

אָבֶּער מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אַגַאנְצְן טָאג נָאר דַאוֶונֶען, מֶען דַארְף דָאךְ לֶערְנֶען אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי"א): פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַ עֵצָה אַז עֶר וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס זָאל עֶר טוּהְן? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: עֶר זָאל לֶערְנֶען. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען! הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל דוּרֶעךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַלֶע קְדוּשׁוֹת אוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַלֶעס גוּטְס וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ.

אָבֶּער אוֹיף לֶערְנֶען אַלֵיין הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט, אַזוֹי אִיז מֶען מְסַיֵים אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס בַּ׳בְלִי, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען לֶערְנְט נָאךְ אַ דַף יְ׳רוּשַׁלְמִי אוֹיךְ, אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא, וָואס דוּרְכְדֶעם בּוֹיט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ בַּיִ"ת, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק רַמְבַּ"ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער נָאךְ לִימוּדִים (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו). אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, אָן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאט עֶר זִיךְ צַאמְגֶעזַאמֶעלְט אַ רִיזִיגְן אוֹצָר, וָואס דָאס הָאט עֶר אִין דִי הַאנְט, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

און צוּ דִי אַלֶע זַאכְן קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ עֶר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן שׁוֹבָבִי״ם, ״עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת״, און מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיט אַן אַנְדֶערְן, און אַוַודַאי קֵיינֶעם נִישְׁט וֵויי צוּ טוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שיט): אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן עֶנְק אַסַאךְ כִּיתּוֹת. אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אֵיין כִּיתָּה וֶועט זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְן אַנְדֶערְן, וַוייל מַחְלוֹקֶת אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחְלוֹקֶת, און לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

[בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טְרַאכְט, זָאג אִיךְ. און וָואס אִיךְ זָאג, שְׁרַייבּ אִיךְ. און וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, דְרוּק אִיךְ. כָאטְשִׁיג דִי וֶועלְט זָאגְט פַארְקֶערְט: נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט, דַארְף מֶען זָאגְן. און נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זָאגְט, מֶעג מֶען שְׁרַייבְּן. און נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען שְׁרַייבְּט, קֶען מֶען דְרוּקְן. אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּמֵילָא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מוֹרָא צוּ זָאגְן און צוּ שְׁרַייבְּן און צוּ דְרוּקְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט.]

און דָאס אִיז וָואס אִיךְ וִויל אַייךְ דָא זָאגְן בָּרַבִּים: וֶוער עֶס קֶען דִי רְשָׁעִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֵוייסְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי **׳עֶרֶב רַב׳** רַחְמָנָא לִצְלָן, און אַז צִיוֹנוּת אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְלִיפָּה, און פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִילְיָאנֶען אִידְן הָאט מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְגַאזְט און פַארְבְּרֶענְט בְּגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן דִי צִיוֹנִים דִי רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם גֶעטוּהְן בְּרוּחָנִיוּת, און בְּרוּחָנִיוּת אִיז נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי בְּגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ד): **קָשֶׁה הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהוֹרְגוֹ**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט אַ צְוֵוייטְן זִינְדִיגְן, אִיז נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי הַרְגֶ׳ענֶען אַ צְוֵוייטְן; וַוייל אַז מֶען הַרְגֶ׳עט אֵיינֶעם בְּגַשְׁמִיוּת,

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

הָאט עֶר כָאטְשׁ עוֹלָם הַבָּא, אָבֶּער אַז מֶען רַייסְט אֵיינֶעם אָפּ פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, הָאט מֶען אִים אָפְּגֶערִיסְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. וֶועגְן דֶעם דֶער רָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וָואס הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי גוּפִים, אוּן נֶעבֶּעךְ פַארְבְּרֶענְט מִילְיָאנֶען אִידְן, אִיז אָבֶּער כָאטְשִׁיג גֶעבְּלִיבְּן דִי נְשָׁמוֹת. אָבֶּער דִי רְשָׁעִים, דִי עֵרֶב רַב, זֶענֶען רַחְמָנָא לִצְלָן: **פּוֹשְׁעִים וְחוֹטְאִים וּמַחְטִיאֵי אֶת הָרַבִּים**׳, אוּן זֵיי זֶענֶען ׳**יוֹדְעִים אֶת רִבּוֹנָם וּמִתְכַּוְונִים לִמְרוֹד בּוֹ**׳, אוּן רַייסְן נֶעבֶּעךְ אוֹיס אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פוּן זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְלִיפָּה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ דִי אַלֶע פַּארְטֵייעֶן אַרוּם דֶעם, אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער שֶׁקֶר, בִּפְרַט דִי ׳אֲגוּדָה׳, אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער שֶׁקֶר; מְמֵילָא דִי ׳מִזְרָחִי׳, זֶעהְט מֶען גְלַייךְ דִי טוּמְאָה דֶערְפוּן, וַוייל אַז מֶען הָאט מַתִּיר גֶעוֶוען עֲרָיוֹת בַּיי זֵיי, צוּ לֶערְנֶען יוּנְגֶען מִיט מוֹידְן צוּזַאמֶען רַחְמָנָא לִצְלָן וְכוּ׳, זֶעהְט מֶען דָאךְ אָפֶען דִי קְלִיפָּה דֶערְפוּן, [אֲפִילוּ זֵיי גֵייעֶן מִיט אַ קַאפֶּעלֶע, מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, וַוייל דֶעם ׳אוֹתוֹ הָאִישׁ׳ טוּט מֶען אוֹיךְ אָן אַ קַאפֶּעלֶע, אוּן דֶער פּוֹיבְּסְט הָאט אוֹיךְ אַ קַאפֶּעלֶע] אָבֶּער גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ שְׁטְרַיימְל אוּן וַוייסֶע זָאקְן, אָדֶער אַ סְפָּאדִיק, אוּן מִיט אַלֶע בְּגָדִים, אוּן נָאךְ גֵיין צוּ דִי טָמֵא׳נֶע בְּחִירוֹת, בְּשַׁעַת מֶען זִינְגְט: **הִנְנִי הוֹלֵךְ לְקַיֵּים מִצְוָה לִשְׁמוֹעַ דִבְרֵי חֲכָמִים**. דָאס אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג קֶעגְן דִי בְּלָאף פוּן דִי פַּארְטֵיי (עַיֵּין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ וַיוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמַר שָׁלֹשׁ שְׁבוּעוֹת סִימָן צח; קטז; קמב; קעד; וְעוֹד הַרְבֵּה).

מֶען זֶעהְט יֶעצְט הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, אַז דִי רְשָׁעִים ווִילְן נֶעמֶען אַלֶע חֲרֵדִי׳שֶׁע בָּחוּרִים אִין מִילִיטֶער; וֶוער עֶס אִיז אַבִּיסְל בַּאקַאנְט אִין דֶעם, וֵוייסְט גַאנְץ גוּט אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קַיין פְּרוּמֶע בָּחוּרִים זָאלְן זַיין אִין מִילִיטֶער, וַוייל אַז אַ חֲסִידִישֶׁ׳ער בָּחוּר, אָדֶער אַ עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, וֶועט הָאבְּן

**עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת**

גֶעוֶוער, וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין קַיין קוּנְצְן, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט מִיט טַאנְצְן מִיט זֵייעֶרֶע פָּאלִיטִישֶׁע אָנְוַוייזוּנְגֶען, אוּן דָאס דַארְפְן זֵיי נִישְׁט. נָאר זֵיי הָאבְּן אֵיין כַּוָונָה: זֵיי ווילְן פָּשׁוּט אוֹיסְ'שְׁמַד'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וַוייל דָארְט קוּמְט נֶעבֶּעךְ פָאר דִי דְרַיי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת: '**עֲבוֹדָה זָרָה, גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים**', לֵיידֶער וֵוייס אִיךְ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אָפּ, וַוייל עֶס קוּמֶען צוּ מִיר אַזַאלֶעכֶע וָואס זֶענֶען דָאס דוּרֶעךְ גֶעגַאנְגֶען.

אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ זָאגְן: אִיךְ וֵוייס בֶּעסֶער וִוי אַייךְ אַלֶע, וֶוער דִי רְשָׁעִים זֶענֶען! וַוייל מִיר הָאט מֶען דַן גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר טָמֵא'נֶעם '**כְּנֶסֶת הַמִינִים**', צוּ זִיצְן זֶעכְצְן יָאר אִין תְּפִיסָה, [אוּן וֶוער עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט קֶען אַרַיינְטֵייפְּן מַיין נָאמֶען אוּן דָאס מְבַרֵר זַיין בַּיי זֵייעֶרֶע אַרְכִיוְון], אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַזַא הַארְבְּן אוּרְטֵייל פַאר קֵיינֶעם, נָאר דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹנֶשׁ הָאט בַּאקוּמֶען בַּיי זֵיי, אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁפִּיאָן, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַכְטְצְן יָאר תְּפִיסָה. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אוּן מִיט נִסִים וְנִפְלָאוֹת נָאךְ אַפָּאר שְׁוֶוערֶע יָארְן וְכוּ', בִּין אִיךְ נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע רוֹצְחִ'ישֶׁע הֶענְט. אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין פַארְבְּרֶעכְן? אַז אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

קוּמְט אוֹיס, אַז אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר גוּט וֶוער דִי רְשָׁעִים אַלֵיין זֶענֶען, אוּן אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז דִי גַאנְצֶע '**רַבָּנוּת**' אוּן דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן זֵיי אַרוֹיס. מְמֵילָא הַאלְט אִיךְ אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת.

נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט אַלֶע גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אִיר הָאט גֶעזֶעהְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָאס יָאר, קָרוֹב צוּ (40,000) פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן כֵּן יִרְבּוּ, אוּן יֶעדֶעס

## עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת

יָאר קוּמֶען צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ, זָאל מֶען מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וויפִיל זֶענֶען גֶעוֶוען אַשְׁכְּנַזִים, אוּן וויפִיל זֶענֶען גֶעוֶוען סְפַרְדִים ? ! וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז פִינֶעף אוּן אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט זֶענֶען סְפַרְדִים ! דָאס אִיז דִי מְצִיאוּת ! אוּן מִיר גֵייט אִין לֶעבְּן צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס מֶער סְפַרְדִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וַוייל פוּן זֵיי הָאט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֶמוּנָה, אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט קֶען זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה אוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וֶוערְן בַּיים סוֹף גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לָאזְט זֵיי נִישְׁט אָפּ. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי עֵדוּת, אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה: ״וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין צִיוּן, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [תִּיקוּן הַכְּלָלִי], וֶועל אִיךְ אִים בַּיי דִי פֵּיאוֹת אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת״ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמא).

דֶערְפַאר כְּדֵי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִי״שֶׁע אִידְן, וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, מוּז מֶען זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן אִין זֵייעֶר גַארְבִּיךְ״ש, אוּן אִין דֶעם פַארְשְׁטִינְקֶענֶעם סוּעֶ״ר, וַוייל צוּ זֵיי קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפָן.

אוּן אִיךְ ווִיל דָא זָאגְן קְלָאר אוּן אָפֶען: דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּעֶן מִיט אַשְׁכְּנַזִים ! מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דָאס וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע רֶבִּי׳ס, אוּן פוּן אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי ״טָמֵא׳נֶע בְּחִירוֹת״, אוּן מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין רַאֲיָה צוּ דֶעם, וַוייל מֶען זֶעהְט דָאךְ אָפֶען וֶוער זֵיי זֶענֶען, אוּן וָואסְפַארַא טוּמְאָה דָאס אִיז, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם סָפֵק אִין דֶעם.

נָאר מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען וָואס מֶער סְפַרְדִים פוּן זֵייעֶרֶע טָמֵא׳נֶע נֶעגְל, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן,

**עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת**

און אֵיינְמָאל אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וֶועט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עוֹסֵק זַיין זֵיי צוּ פַּארֶעכְטְן, בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אֱמֶתְ׳ע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין דֶעם אוּן זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל מִיר גֵייט אִין לֶעבְּן אֵיין זַאךְ: צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן! און וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת! און עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק און עוֹבֵד ה׳ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט: **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ״ל**, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן בִּיז צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, פוּן דָא און וַוייטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי.

אָבֶּער אִיךְ זָאג וַוייטֶער דָאס אַשְׁכְּנַזִים טָארְ׳ן נִישְׁט גֵיין צוּ דִי ״בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת״, זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט דֶעם אִינְגַאנְצְן, וַוייל מֶען טוּט מְמֵילָא נִישְׁט אוֹיף בַּיי זֵיי גָארְנִישְׁט, אִיז וָואס דַארְף מֶען הָאבְּן מִיט זֵיי אַ שַׁייְכוּת?

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין: **לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁ-דַ-י**, און מֶען זָאל שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן בְּבִנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה אָמֵן.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

**וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ מֶער פַּארְמֶערְט.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ק"ע): אַז וִוי גְרֶעסֶער און חָשׁוּבֶ׳ער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ מֶער לַיידְט עֶר יִסוּרִים, און דִי יִסוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְ׳ס וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען וֶוערְט מִיט דֶעם נָאנְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ**, וִוי מֶער מֶען הָאט גֶעפַּיינִיגְט דִי אִידְן אַלְץ גְרֶעסֶער און חָשׁוּבֶ׳ער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זֵיי נָאנְטֶער גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה**, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמוֹת, תשנ"א)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# הַכָּרַת הַטּוֹב

וואו עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט דִיךְ גֶעטוּהְן גוּטְס, בִּפְרַט פַאר דֶעם צַדִּיק וָואס הֶעלְפְט דִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹדקְדוּשַׁתהָרַבהַצַּדִּיקמוֹהֲרָא"שׁשְׁלִיטָ"א

אֵצֶל מְלַוֶּה מַלְכָּה וַחֲנוּכַּת בֵּית מִדְרָשֵׁינוּ
"הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" מָאנְסִי יצ"ו.
מוֹצָאֵי שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, תשע"ג.

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער דֶרֶךְ פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז צוּ מַאכְן פַארְגֶעסְן דִי טוֹבוֹת אוּן גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אוּנְז, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ יֵאוּשׁ אוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים דֶערְוַוייל נָאךְ קֵיינְמָאל קַיין טוֹבָה נִישְׁט גֶעטוּן. אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צֶעבְּרֶעכְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן דֶערְמַאנְט אִים זַיין שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן, אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אוּן אַזוֹי וִוי מֶען הָאט אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אוּן אִיז לוֹחֵם מִיטְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג אִין יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, אוּן עֶר אִיז אִים מְגַלֶּה דִי גוּטְס וָואס אִיז דָא אִין אִים.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק א' מִכְתַּב ב)

# הַכָּרַת הַטוֹב

## א.

דִּי מִדָּה פוּן ׳הַכָּרַת הַטוֹב׳, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַנֶערְקֶענְן אוּן גֶעדֶענְקֶן דָאס גוּטְס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן מִיט אִים, אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה, פַארְקֶערְט ׳כְּפוּי טוֹבָה׳ אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע מִדָּה. אוּן דָאס גֶעפוּנֶען מִיר דִי וָואךְ אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת א, ח): **וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף** – עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ נַייעֶר קֶענִיג אוֹיף מִצְרַיִם, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מִדְרָשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה א, אוֹת ח): וָואס הֵייסְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף? יוֹסֵף הָאט דָאךְ גֶערַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע לַאנְד מִצְרַיִם, אוּן אוֹיךְ דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט פוּנֶעם הוּנְגֶער?! נָאר דָאס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט פַארְשְׁטֵיינֶערְט דֶעם גוּטְן פְרַיינְד פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: הַאקְטְס אִים אָפּ זַיין קָאפּ! וַוייל מָארְגְן וֶועט עֶר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טוּהְן פַאר מִיר אוֹיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי פַּרְעֹה זָאגְט דֶער פָּסוּק: **׳אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף׳**. הַיינְט זָאגְסְטוּ: אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט יוֹסֵף, אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶר אִיז, וֶועסְטוּ שְׁפֶּעטֶער זָאגְן: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דֶער ׳בַּאשֶׁעפֶּער׳ אִיז, אוּן אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט טַאקֶע (שְׁמוֹת ה, ב): **וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה מִי ה׳ אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ וְכוּ׳, ׳לֹא יָדַעְתִּי אֶת הֲוָיָ״ה׳**. פַּרְעֹה הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז.

זֶעהְט מֶען פוּן דָא צְוֵויי זַאכְן. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ **׳כְּפוּי טוֹבָה׳** פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיךְ; אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע אוּן מִיאוּסֶ׳ע מִדָּה וִוי **׳כְּפוּי טוֹבָה׳** אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן. דֶער סְטֵייפְּלֶער

גָאוֹן זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בִּרְכַּת פֶּרֶץ פַּרְשַׁת בַּשַׁלַח, וְעַיֵין עוֹד קְריינָא דְאִגְרְתָא, מִכְתַּב תשט): דֶער וָואס אִיז אַ 'כְּפוּי טוֹבָה', אִיז דֶער גֶעמֵיינְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען נָאר זַיין.

די זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְקֶערְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שֶׁענֶערֶע מִדָה וִוי 'הַכָּרַת הַטוֹב', אוּן דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד. וֶועגְן דֶעם די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זָאגְט עֶר: מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ וְכוּ', אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט אִים צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן די נְשָׁמָה, נָאכְדֶעם וָואס בַּיינַאכְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַ פִּקָדוֹן. וַוייל 'הַכָּרַת הַטוֹב' אִיז די וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, דֶערְפַאר גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין טָאג, פַאנְגְט מֶען אָן מִיט די טֵייעֶרֶע מִדָה פוּן 'הַכָּרַת הַטוֹב', אָבֶער אוֹיב חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט 'מוֹדֶה אֲנִי' - אִיךְ דַאנְק דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר שׁוֹין אַ 'כְּפוּי טוֹבָה', אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת דַעַת, סִימָן לג): אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען בַּאצָאלְט אִים צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַאר די טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, זָאל עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים גֶעבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם.

## ב.

די צְוֵוייטֶע זַאךְ זֶעהְן מִיר דָא: די גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'. וָואס דָאס אִיז די יְסוֹד פוּן די גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַנֶערְקֶענֶען אוּן וִויסְן: "עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן מִיר". וַוייל די מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט: אִיךְ - אוּן נָאר אִיךְ - קֶען אַלֶעס, אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַלֶעס, אִיז זַייעֶר בִּיטֶער, אוּן עֶר וֶועט נָאכְדֶעם לֵייקֶענֶען אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט דָא בַּיי פַּרְעֹה אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַן אָפְּגָאט אוּן בַּיים

סוֹף הָאט עֶר גֶעלֵייקֶענְט אִינְגַאנְצְן אִין בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז מֶער פוּן מִיר, דָאס אִיז 'אֱמוּנַת חֲכָמִים'.

אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): **וַיַּאֲמִינוּ בַּהֲוָיָה וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ** - דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אִין מֹשֶׁה זַיין קְנֶעכְט. פְרֶעגְן חֲזַ"ל (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח ו): אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער?! "נָאר מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ דִי חֲכָמִים"; וַוייל זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אוֹיס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל, אוּן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין '**תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב**', אוּן נָאר דוּרְךְ דִי חֲכָמִים פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס רָצוֹן, אוּן וִוי אַזוֹי מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז '**תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה**'. וֶועגְן דֶעם אִיז **אֱמוּנַת חֲכָמִים** - גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים, דֶער וִויכְטִיגְסְטֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט.

ג.

אָבֶער אַפִילוּ בַּיי 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וַוייל פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי בַּיי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר גְלֵייבְּט מִיט אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא". קֶען עֶר זִיךְ אַזוֹי טִיף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי אֱמוּנָה, בִּיז פוּן פִיל אֱמוּנָה קֶען עֶר נָאכְדֶעם כִּבְיָכוֹל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דָאס וָואס עֶר גְלֵייבְּט (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב). אָבֶער דָאךְ דַארְף מֶען בַּיי דִי אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פַאלְשֶׁע אֱמוּנוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל גְלֵייבְּן אוֹיךְ אִין שְׁטוּתִים, וַוייל לְמַעֲשֶׂה אִיז אַלֶעס 'אֱלֹקוּת', אָבֶער אוֹיבּ מַאכְט עֶר אַ מְצִיאוּת אוּן אַ גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט פוּן עֶפֶּעס אַ זַאךְ אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, טֵיילְט עֶר דָאס אָפּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער,

וָואס פוּן דֶעם קוּמְט דִי 'עֲבוֹדָה זָרָה' וָואס דִי גוֹיִם דִינֶען הָאלְץ אוּן שְׁטֵיין וְכוּ' (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, עֲבוֹדַת אֱלִילִים הֲלָכָה ב, אוֹת ה).

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' דַארְף מֶען אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נִישְׁט צוּ זַיין קַיין נַאר אוּן גְלֵייבְּן יֶעדֶע זַאךְ. פוּנְדֶעסְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קג): עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ נַאר וָואס גְלֵייבְּט אִין יֶעדֶע זַאךְ אַפִילוּ אִין שְׁטוּתִים, וָואס אַזוֹי וֶועט עֶר כָאטְשׁ גְלֵייבְּן אִין אֱמֶת אוֹיךְ, וִוי אֵיינֶער וָואס גְלֵייבְּט אִין גָארְנִישְׁט, מְמֵילָא גְלֵייבְּט עֶר אִין דֶעם אֱמֶת אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק.

דֶערְפַאר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה נָאר אַסַאךְ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְקְרִיכְן. בִּפְרַט הַיינְט אַז מִיר הָאבְן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶעם 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ', וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער 'אוּרִים וְתוּמִים', דַארְף מֶען זֶעהְן נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין חַס וְשָׁלוֹם פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי הֲלָכָה. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִין הֲלָכָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה, אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוְוענֶען אָדֶער בַּיים לֵיינֶען חָלִילָה, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ (עַיֵּין זֹהַר תְּרוּמָה קל"א ע"ב; יְסוֹד וְשׁוֹרֶשׁ הָעֲבוֹדָה, שַׁעַר הַחֲמִישִׁי-הַקָּרְבָּן, פֶּרֶק ח). אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כה): מֶען זָאל מַאכְן פוּן דִי תּוֹרוֹת, תְּפִילוֹת. דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט פַארְקְרִיכְן, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל

טוּהְן, וֶועט עֶר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ עֶר זָאל עֶס טוּהְן, צוּ עֶר מֶעג עֶס טוּהְן לוֹיט דִי הַלָכָה, אוּן בֶּעטְן דֶערוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶועט עֶר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ מִשְׁפָּט׳ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, צוּ עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַזוֹי טוּהְן וְכוּ׳ (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן טו), מִמֵילָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט שַׁיָיךְ עֶר זָאל פַארְקְרִיכְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער יְסוֹד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן טו), הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶוער עֶס ווִיל קָאסְטְן דֶעם לֶעכְטִיגְן טַעַם פוּנֶעם ׳אוֹר הַגָנוּז׳, ״וָואס דָאס אִיז דֶער טַעַם פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן״, זָאל עֶר זִיךְ צוּגֶעווֶואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי גְרִינְגְסְטֶע זַאךְ, וַוייל מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער דָאךְ פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וַוייל עֶר מֵיינְט אַז מֶען דַארְף צוּ דֶעם הָאבְּן גַאנְצֶערְטֶע הֲכָנוֹת אוּן הַקְדָמוֹת, עֶר דַארְף יֶעצְט גֵיין אִין פֶעלְד, אִין אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִמֵילָא אִיז שׁוֹין דִי הַקְדָמָה אַזוֹי גְרוֹיס אוּן לַאנְג אַז עֶס לָאזְט זִיךְ אוֹיס בַּיים סוֹף אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטָאט **בְּרֶסְלֶב**, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר **רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס״ג**, הָאט עֶר נִישְׁט לַאנְג דֶערוֹיף [נָאךְ סוּכּוֹת] גֶעבֶּעטְן, אַז עֶר ווִיל זֶעהְן דִי שְׁטָאט, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאט אִים גֶעווִיזְן דִי שְׁטָאט, פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: אִיז דָא פַארְהַאן אַ גוּט פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת? עֶנְטְפֶערְט עֶר: יָא! אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אִיז דָא אַ בַּארְג, וָואס אִין דִי בַּארְג אִיז דָא אַזוֹי ווִי אַ הֵייל, אוּן דָארְטְן קֶען מֶען זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן,

עֶר זָאל אִים אֶפְשָׁר וַוייזְן וואוּ דָאס אִיז, זָאגְט עֶר: עֶס אִיז זַייעֶר וַוייט, מֶען דַארְף גֵיין אַבִּיסְל אוֹיסֶער דִי שְׁטָאט. רוּפְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן: וואוּ וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיזְן הַארְץ, אוּן פוּן הַארְץ בִּיזְן מוֹיל. מִיט דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אִין אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען, אַז מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען אִיז, אוּן אַזוֹי שְׁפַּאצִירְט מֶען בִּיז צוּ דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ בֶּעסֶער מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ׳.

אוּן וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דֶעם צוּ, אַז מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז שׁוֹין זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט אַ רוּחָנִיוּת׳דִיגֶער לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער אָדֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע הַנָאָה פוּן דֶעם, אוּן דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אָבֶּער דָאךְ אִיז דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ מְקַיֵים צוּ זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיז נָאךְ אַלְץ גְרִינְגֶער וִוי דִי גְרִינְגְסְטֶע זַאךְ אִין פַּרְנָסָה; וַוייל בַּיי פַּרְנָסָה, אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין אַ אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם, שְׁלָאפְט עֶר קוֹדֶם אָפּ רוֹב שַׁבָּת, וַוייל מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט עֶר דַארְפְן אָנְלָאדֶענֶען דֶעם וָואגְן מִיט סְחוֹרָה. מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אַרְבֶּעט עֶר מִיט דִי וַוייבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אַלֶע סְחוֹרוֹת פוּן קֶעלֶער אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְן וָואגְן, אוּן עֶר פָּארְט אַרוֹיס מִיט מַזָל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר בְּרֶעכְט זִיךְ גוּט צַאם דִי בֵּיינֶער, עֶר הָאט נִיטְאַמָאל פְּלַאץ צוּ זִיצְן גֶעהֶערִיג פוּן אַזוֹיפִיל סְחוֹרָה וָואס דֶער גַאנְצֶער וָואגְן אִיז אָנְגֶעפַּאקְט, עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ פָּאר טֶעג פָּארְן מִיט גְרוֹיסֶע אָפְּמוּטְשֶׁענִישְׁן, קוּמְט עֶר אָן צוּם גְרוֹיסְן מַארְק טָאג, עֶר לֵייגְט אוֹיס דִי סְחוֹרָה בַּיי זַיין מַארְק פְּלַאץ, אוּן יֶעצְט דַארְף עֶר גְרוֹיס רַחְמִים אוּן עֶר וַוארְט אַז עֶס זָאל קוּמֶען

קָאסְטוּמֶערְס בַּיי זַיין טִישְׁל, כְּדֵי עֶר זָאל עֶפֶּעס פַּארְדִינֶען. אוּן דָאךְ טוּט עֶר עֶס מִיט פִיל שִׂמְחָה וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פַארְדִינֶען, אוֹיךְ פְרֵיידְט עֶר זִיךְ אַז עֶר דַארְף בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט אַרְבֶּעטְן פַאר יֶענֶעם. אָבֶּער דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וָואס דָאס אִיז רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דָאס קוּמְט אָן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר עֶפֶענְט זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר אַ זִיכֶערְן אוּן אֵייבִּיגֶען פַארְדִינְסְט, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַלְץ גְרִינְגֶער וִוי דָאס וָואס מֶען פְּלָאגְט זִיךְ צוּ שַׁאפְן אַבִּיסְל פַּרְנָסָה אוּן דִי גֶעבְּרוֹיכְן פוּן דִי וֶועלְט וִוי בַּאקַאנְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנח).

### ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פַארְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רלב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גִבּוֹר וָואס הָאט בַּאזִיגְט שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט דָאס אַיינְצוּנֶעמֶען, אָבֶער דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ מוֹיעֶר, עֶנְדְלִיךְ טְרֶעפְט עֶר דֶעם טִיר, אָבֶער דֶער טִיר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְץ, זָאגְט עֶר: אִיךְ קֶען דָא נִישְׁט אַרַיינְגֵיין. אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶעם?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט תְּפִלָּה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אִים שׁוֹין אַזוֹיפִיל אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען בִּיז וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיים דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן אַבִּיסְל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן שְׁוַואכְקֵייט אִין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט בַּאוַוייזְן, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דִי שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְץ וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם טִיר. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

ה.

אִיךְ וֶועל אַייךְ פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, וָואס מֶען קֶען פוּן דֶעם זִיךְ לֶערְנֶען ווִי וַוייט מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶעבְּן אִין קַיין טָעוּת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דָאס פַארְצֵיילְן מִיט גְרוֹיס גֶעוַויין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער **בֵּית יוֹסֵף** הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען (עַיֵין בַּסֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים), [אָבֶּער אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת דֶעמָאלְס פַארְקְרִיכְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי שֵׁדִים קוּקֶען שׁוֹין אַרוֹיס אוֹיף דֶעם], עֶנְדְלִיךְ אִיז צוּ אִים אָנְגֶעקוּמֶען אַ מַגִּיד אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ בִּין דֶער מַגִּיד. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים: וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן? זָאגְט עֶר אִים: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִיר. דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן מָלֵא שִׂמְחָה.

בֶּעט עֶר דֶעם מַגִּיד עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, זָאגְט עֶר אִים: אַזוֹי ווִי דֶער וֶועלְט אִיז דָאךְ דַיינְס, קֶענְסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין אַ סְטָאר אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי גֶעלְט וָואס לִיגְט דָארְט, אוּן עֶר וַוייזְט אִים וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין וֶוען קֵיינֶער זֶעהְט נִישְׁט, [אַ שֵׁד ווֵייסְט דָאךְ יָא וִוי אַרַיין צוּ גֵיין וְכוּ'], צוּפְרִי וֶוען דֶער בַּעַל-הַבַּיִת הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם סְטָאר הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, בִּקְיצוּר עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ פְּשׁוּטֶ'ער גַנָב.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעדַארְפְט הָאבְּן מֶער גֶעלְט, הָאט עֶר אִים צוּ גֶעוִויזְן גְרֶעסֶערֶע פְלֶעצֶער פוּן וואוּ צוּ גַנְבֶ'נֶען, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ רִיזִיגֶע פַארְמֶעגְן, אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע עֲשִׁירוּת, אוּן עֶר טְרָאגְט אִים אַרַיין אִין אַ קְלוֹיסְטֶער רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר וַוייזְט אִים דָאס עֲשִׁירוּת וָואס עֶס אִיז דָארְט דָא, אוּן עֶר זָאגְט

אִים: נֶעם דָאס צַאם, אוּן לֵייג עֶס אַרֵיין אִין אַ זֶעקְל. אוּן דֶער מַגִיד אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶן אוּן אִים דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן סִימָנִים וְוִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן כְּדֵי עֶר זָאל צוּ אִים קוּמֶען. גַאנְץ אִינְדֶערְפְרִי קוּמְט אָן דֶער גַלָח מִיט דִי מְשָׁרְתִים, אוּן זֵיי טְרֶעפְן דָארְט דֶעם אִיד מִיטְן זֶעקְל אוּן אַלֶע דִימַאנְטְן דֶערִין, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶערוּפְן פָּאלִיצֵיי, אוּן מֶען הָאט בַּאשְׁלָאסְן אִים צוּ הַרְגֶ'ענֶען, הֵייבְּט עֶר אָן שְׁרֵייעֶן צוּם מַגִיד: גֶעוַואלְד! וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט?! קוּמְט דֶער מַגִיד, אוּן זָאגְט אִים: עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר זִיךְ צוּ שְׁמַדְ'ן. אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן אוֹיפְצוּקְלֶערְן: עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מְשׁוּמָדִים וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁמַדְ'ן וֶועסְטוּ זֵיי אַלֶע אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַוַודַאי הָאט מֶען אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף דִי גְנֵיבָה, אוּן מֶען הָאט אִים אָנְגֶעגָאסְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער [אַזוֹי וְוִי עֶס אִיז דִי סֵדֶר בַּיי זֵיי].

יֶעצְט אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶע'שְׁמַדְ'ט, זֶעהְט עֶר דֶעם 'שָׂטָן' וְוִי עֶר גֵייט מִיט צוּרִיסֶענֶע שִׁיךְ, פְרֶעגְט עֶר אִים: פַארְוָואס הָאסְטוּ צוּרִיסֶענֶע שִׁיךְ? זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֵיין אַז דִי שִׁיךְ אִיז מִיר שׁוֹין צוּרִיסְן גֶעוָוארְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיר עֶנְדְלִיךְ אַרֵיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין נֶעץ. אוּן יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אִין מַיין נֶעץ וֶועט מֶען דִיךְ פִירְן צוּ הֶענְגֶען. אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהָאנְגֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט אוּן גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן צוּ מֶען נַארְט זִיךְ נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ בְּחֻקֹּתַי, דִבּוּר הַמַתְחִיל אוֹ יֹאמַר): וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נֶענְטֶער צוּם

בַּאשֶׁעפֶּער, שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר אִיז וַוייטֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶּער; וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, וֶוערְט מֶען גֶעוָואר וואוּ וַוייט מֶען אִיז אוּן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַסַאךְ צוּ גֵיין.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער 'מְגַלֶּה עֲמוּקוֹת' הָאט אוֹיךְ אִין אָנְפַאנְג גֶעהַאט אַ מַגִּיד [פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא], עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר ווִיל אִים פַארְפִירְן, וַוייל זַיין טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט אִים דָאס אוֹיסְזָאגְן, כָאטְשִׁיג מֶען הָאט דָארְט בַּאשְׁוואוֹירְן אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן אַז דָאס אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, דָאךְ הָאט זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: עֶס אִינְטֶערְסִירְט מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֶועל טַאקֶע כַאפְּן פֶּעטְשׁ פַאר דֶעם, אָבֶּער מַיין זוּהְן וֶועט מֶען נִישְׁט אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן! אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי סִימָנִים, אוּן אִים גֶעהֵייסְן, עֶר זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן, אוּן זָאגְן: צֵא טָמֵא! צֵא טָמֵא! אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הִיטְן פוּנֶעם מַגִּיד, בִּיז עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן.

דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶעם שַׂ"ץ יִמַּח שְׁמוֹ, אוֹיךְ אוֹיף אַזַא אוֹפָן. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער רֶבִּי, בַּעַל דִּבְרֵי יוֹאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [בַּיי אַ שְׁמוּעֶס צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב אִין דִי עֶרְשְׁטֶערֶע יָארְן דָאהִי, וֶוען עֶר הָאט גֶעפֶערְלִיךְ גֶעקָאכְט אִיבֶּער דִי טָמֵא'נֶע קְלִיפָּה פוּן צִיוֹנִיזְם], הָאט עֶר דֶעמָאלְס גֶערֶעדְט וֶועגְן שַׂ"ץ, אוּן גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיר מֵיינְט עֶר אִיז גֶעוֶוען סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ?! בַּיי דִי זֶעכְצֶן יָאר הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט גַאנְץ שַׁ"ס, מִיט כִּתְבֵי הָאֲרִ"י; וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן דַוְקָא אַזַאלֶעכֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן רַחְמָנָא לִצְלָן.

ו.

אִין דֶעם סֵפֶר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען זֶעהְט מֶען אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע

פִיר סִימָנִים אִיז צְוֵויי מָאל גֶעדְרוּקְט, [מַהֲדוּרָא רִאשׁוֹן, אוּן מַהֲדוּרָא בַּתְרָא], אִיז בַּאקַאנְט בַּיי דִי גָאר אַלְטֶע לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער חֲסִידִים דִי טַעַם דֶערְפוּן, אַז דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא: זַלְמֶנְ'יוּ! אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זָאלְסְט מַאכְן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס זָאל אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען גְלַייךְ דִי תַּמְצִית פוּן דִי הַלָכָה. [וִוי בַּאקַאנְט הָאט אִים דֶער מַגִיד זֵייעֶר מַפְלִיא גֶעוֶוען].

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר סִימָנִים, אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן רֶבִּי'ן אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ, דִי רֶבִּי זָאל עֶס אִיבֶּער קוּקְן אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע דָאס גֶעמֵיינְט, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען שְׁרַייבְּן וַוייטֶער. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד הָאט אִין דֶעם אַרַיינְגֶעקוּקְט, פְרֶעגְט עֶר אִים: זַלְמֶנְ'יוּ! וֶוער הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן? זָאגְט עֶר: אִיךְ! הָאט עֶר דָאס גְלַייךְ אַ וַוארְף גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶער רֶעדְן מִיט אִים אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי אַוֶועק גֶעפָארְן.

פַארְצַייטֶענְס הָאט מֶען זִיךְ גֶעמוּזְט כְּסֵדֶר אָפְּשְׁטֶעלְן אוֹיפְן וֶועג צוּלִיבּ דִי פֶערְד וְכוּ', בִּפְרַט בַּיינַאכְט הָאבְּן דִי פֶערְד נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, אִיז גֶעוֶוען קְרֶעטְשְׁמֶעס [אַזוֹי וִוי הַיינְט אַ הָאטֶעל], וואוּ מֶען הָאט גֶענֶעכְטִיגְט דָארְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן עֶר לֶערְנְט.

דֶערְוַוייל אִינְמִיטְן נַאכְט הָאט פַּאסִירְט אַז אֵיינֶער פוּן דִי גֶעסְט אִין דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דִי פְרוֹי פוּנֶעם בַּעַל-הַבַּיִת, אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט אַ גֶעוַואלְד! הָאט דֶער בַּעַל-הַבַּיִת גֶענוּמֶען לוֹיפְן אוּן זוּכְן וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען?! עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן וֶוער. פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר בַּיי אֵיין טִיר עֶפֶּעס אַ קוֹל וִוי אֵיינֶער רֶעדְט, מַאכְט עֶר עֶס גְלַייךְ אוֹיף אוּן עֶר גֵייט אַרַיין, אוּן וִוײבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶער הָאט עֶר נִישְׁט

גְעוואוּסְט װָער עֶס אִיז, אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן גוּט אָנְצוּקְלַאפְּן, אוּן שְׁרַייט אוֹיף אִים: דוּ הָאסְט גְעוָואלְט טְשֶׁעפֶּענְען מַיין וַוייבּ! שְׁרַייט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא צוּרִיק: נִישְׁט אִיךְ! נִישְׁט אִיךְ! בִּיז דֶער בַּעַל-הַבַּיִת הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְט, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזֶעהְן דֶעם מוֹרָא'דִיגֶע צוּרָה פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא [וְוִי בַּאוואוּסְט], הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן: דֶער רֶבִּי זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, עֶפֶּעס גֵייט דָא פָאר אַז מֶען זָאל אוֹיף אִים אוֹיסְטְרֶעפְן אַזַא זַאךְ, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דֶעם בַּעַל-עֲגָלָה תֵּיכֶף צוּרִיקְצוּפָארְן צוּם גְרוֹיסְן מַגִּיד. וְוִי נָאר עֶר קוּמְט צוּרִיק אָן, קוּמְט אִים שׁוֹין דִי מַגִּיד אַקֶעגְן, אוּן זָאגְט אִים: אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט "אִיךְ", הָאסְטוּ יֶעצְט גֶעמוּזְט שְׁרַייעֶן זִיבְּן מָאל: "נִישְׁט אִיךְ" "נִישְׁט אִיךְ". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זַלְמֶנְ'יוּ אַז פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁרַייעֶן 'אִיךְ' 'אִיךְ'.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם הָאט פַּאסִירְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד אוּן גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, הָאט דֶער מַגִּיד גֶעפְרֶעגְט: וֶוער אִיז דָארְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ. הָאט דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט דֶעם טִיר, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל, בִּיז דֶער מַגִּיד זָאגְט אִים: עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ', 'אִיךְ' אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי תַּלְמִידִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'אִיךְ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כב): וואוּ עֶס שְׁטֵייט דִי וָוארְט 'אֲנִי' מֵיינְט עֶס דִי 'שְׁכִינָה', וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶער אִיד אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל - אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן אוֹיבְן. נָאר מֶען דַארְף זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַז דֶער פְלֵיישִׁיגֶער גוּף זָאל דָאס אוֹיךְ אָנְפַאנְגְן צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; דָאס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעוָואר וֶוערְן אַז אַפִּילוּ זַיין

גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶער קֶערְפֶּער אִיז אוֹיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ נְתִיב הָאֱמוּנָה שְׁבִיל ג׳ וְעוֹד): מֶען דַארְף אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן דִי וָוארְט אֲנִי - אַיִן, אוּן וִויסְן אַז אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דִי זַאךְ.

אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף אַזַא אוֹפָן וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען פַארְקְרִיכְן, אָבֶּער דִי מִינוּט אַז אַ מֶענְטְש הֵייבְּט אָן צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר: אִיךְ! אִיךְ! אִיךְ! אוּן אִיךְ בִּין גְרֶעסֶער פוּן יֶענֶעם וְכוּ׳, אִיז עֶר שׁוֹין פַארְקְרָאכְן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ד ע״ב): **הַמִּתְגָּאֶה כְּאִילוּ בָּא עַל אֵשֶׁת אִישׁ.** וַוייל פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ דִי אַלֶע נִיאוּף וָואס אַ מֶענְטְש טוּט רַחְמָנָא לִצְלָן.

בִּכְלַל דַארְף אַ מֶענְטְש אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ דֶעם כְּלַל: וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם?! וַוייל סַיי וִוי קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, אוּן יֶענֶער קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ מִיר. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לד): יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן קֶען נִישְׁט הָאבְּן. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (תַּעֲנִית כא ע״ב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹיעֶן דָאקְטֶער אַבָּא אוּמְנָא, וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט יֶעדְן טָאג אַ כְּרוּז פוּן הִימְל וִוי מֶען גְרִיסְט אִים: **שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא. אַבַּיֵי** הָאט נָאר גֶעהֶערְט ׳עֶרֶב שַׁבָּת׳, אוּן **רָבָא** יֶעדְן ׳עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ׳. הָאט אַבַּיֵי גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: **לֹא מָצֵית לְמֶעְבַּד כְּעוּבְדָא דְאַבָּא אוּמְנָא** - דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּהְן דָאס וָואס ׳אַבָּא אוּמְנָא׳ טוּט. דָאס הֵייסְט כָּאטְשִׁיג אַבַּיֵי אוּן רָבָא זֶענֶען גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג גְרוֹיס, אוּן גַאנְץ שַ״ס אִיז פוּל מִיט **אַבַּיֵי וְרָבָא**, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן דָאס וָואס אַבָּא אוּמְנָא הָאט בַּאוִויזְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז דָאס בֵּייגֶעקוּמֶען.

פַארְצַייטֶענְס אִיז גֶעוֶוען הוֹיכֶע דִיקֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז גֶעוֶוען דִי רְפוּאָה צוּ נֶעמֶען בְּלוּט [הַקָזַת דַם], הָאט עֶר אִין אֵיין צִימֶער זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט דִי פָּאצִיֶיענְטְן אוּן דִי רְפוּאוֹת, אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע צִימֶער הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גוּטֶע סְעוּדָה פַאר אוּמְזִיסְט, [אַז מֶען נֶעמְט בְּלוּט מוּז מֶען גְלַייךְ נָאכְדֶעם עֶסְן]. אַזוֹי אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן הָאט עֶר גֶעהַאט אַן עֶקְסְטְרֶע סָארְט מַלְבּוּשׁ אַז עֶס זָאל זַיין צְנִיעוּת׳דִיג וְכוּ׳.

קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ זַיין נְקוּדָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס נָאכְצוּמַאכְן, אוּן מֶען קֶען דָאס אַפִילוּ נִישְׁט נָאכְמַאכְן! וָואס מֶען דַארְף יָא צוּ זֶעהְן: אַז דִי אֵייגֶענֶע נְקוּדָה זָאל מֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, מְמֵילָא וֶועט מֶען לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט. וַוייל דֶער עִיקָר וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דֶער ׳אִיךְ׳, אַז עֶר טְרַאכְט: ״וָואס הֵייסְט אַז אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ ווִי אִיךְ, אוּן אַזַא חָכָם ווִי אִיךְ בִּין, זָאל זַיין אַזַא דוּרְכְפַאל אוּן מַאכְן אַזַא טָעוּת״. וָואס פוּן דֶעם לַיידְט אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת. אוּן דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם **חָכָם** אוּן דֶעם **תָּם** (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), ווִי אַזוֹי דֶער תָּם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט בִּתְמִימוּת ׳זַיין׳ לֶעבְּן, אוּן עֶס הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַ צְוֵוייטְן, אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְקֶערְט דֶער ׳חָכָם׳ וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פוּל מִיט יִסוּרִים (קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִינֶעוֵוייניג וֶועסְטוּ דָאס גוּט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַיֶה זַיין).

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל נָאר לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן ווִיסְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעפִירְט פוּן הִימְל, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם

בַּאשֶׁעפֶּער און זיךְ מְחַזֵק זַיין, וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל און דֶער יְסוֹד פוּן לֶעבְּן, און דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט נָאר זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, וַוייל אִין לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט פָאר אַזאַלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ גָארנִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶער אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ און עֶר בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, קוּמְט עֶר צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

ז.

דֶער טַאטֶע פוּן הֵיילִיגְן **בְּנֵי יִשָּׂשׁכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [רֶבִּי פֶּסַח לַאנְגְזַאם,** וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר פָּשׁוּט], הָאט גֶעהַאט אַ פַּארְם און אַ מִיהְל, דֶעמָאלְטְס אִיז אַרוֹיס אַ גְזֵירָה אַז אֵיין קִינְד מוּז מֶען גֶעבְּן פַאר דִי מִילִיטֶער, הָאט רֶבִּי פֶּסַח זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף הָאבְּן דִי קִינְדֶער לֶעבְּן זִיךְ, וַוייל אֵיינֶער אִיז מִיט דִי מִיהְל, דֶער אַנְדֶערֶער מִיט דִי קִיעֶן וְכוּ׳, אָבֶער וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אַ זוּהְן ׳הֶערְשׁ מֵיילֶעךְ׳, עֶר אִיז אַ בַּאנְק קְוֶועטְשֶׁער, אִים קֶענְט אִיר נֶעמֶען, [עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט וֶוער זַיין זוּהְן אִיז און וָואסְפַארַא הוֹיכֶע נְשָׁמָה עֶר אִיז, מְמֵילָא הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַ עֵצָה גֶעבְּן], און מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶענוּמֶען צוּ דִי מִילִיטֶער.

דִי סֵדֶר בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען, אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין פָארְאוֹיס צוּפִיס, אִיז עֶר אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען פָארְאוֹיס בִּיז עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַ וַואסֶער, און זֵיי קוּמֶען אִים אַלְץ נָאךְ, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וַואסֶער הָאט זִיךְ דֶער בְּרִיקְל צוּבְּרָאכְן, [עֶר הָאט מִן הַסְתָּם גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין דָא אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט רוֹצְחִים, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט], פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִינֶעם וַואסֶער, און

זַיי לִיגְן נָאךְ בִּיז יֶעצְט דָארְט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר אִיז דֶעמָאלְס אַנְטְלָאפְן אִין אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אוּן זִיךְ גֶעטוֹישְׁט דִי נָאמֶען אוֹיף שַׁפִּירָא.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִילָה, אַז וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִין וָואסְפַארַא צָרָה עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, פַאלְן דוּרְךְ דֶעם אַרָאפּ אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן עֶר זֶעהְט אַ יְשׁוּעָה.

דֶערְפַאר אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מֶען הָאט גֶעעֶפֶענְט נָאךְ אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען גֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין בֶּאֱמֶת צוּ דִי טֵייעֶרֶע אוּן גוּטֶע מִדָּה פוּן 'הַכָּרַת הַטוֹב', אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מַכִּיר טוֹבָה צוּ זַיין אוּן אָפְּדַאנְקְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִיר אַמָאל גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה אַפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, בִּפְרַט פַאר אַ רֶבִּי וָואס דוּ הָאסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פוּן אִים נֶהֱנֶה גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן, אוּן דִיךְ דֶערְבְּרֵייטֶערְט דֶעם שֵׂכֶל, אוּן אַ דַאנְק אִים בִּיסְטוּ מַעֲבִיר סִדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, מַאכְסְט אוֹיף אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ'.

אוּן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן מַכִּיר טוֹב זַיין דִי צַדִיקִים, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער אוֹיב חָלִילָה וְחַס מֶען אִיז אַ כָּפוּי טוֹבָה פַאר דִי צַדִיקִים אִיז מֶען נָאכְדֶעם אַ כָּפוּי טוֹבָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן.

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל שׁוֹין שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

וואוּ עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט: אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין קַיין שׁוּם מַצָב, נָאר וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

וָאֵרָא תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, דוּ בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אִין דִיר אַ קְרֶעכְץ גֶעבְּן" מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מִיט קַטְנוּת הַמוֹחִין וְכוּ' וְכוּ', דֶער הָאט גֶעלְט וְכוּ', דֶער הָאט כָּבוֹד וְכוּ', דֶער הָאט הַייזֶער וְכוּ', דֶער הָאט פַארְבְּרִיקְן וְכוּ', דֶער הָאט מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט וְכוּ', אֵיי דוּ נַאר אֵיינֶער, וֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעזֶעהְן אַז דוּ הָאסְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס דַארְפְסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. נָאר גֵיי רֶעד מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל.

**(אשר בנחל חלק ו מכתב תשיז)**

# דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פַּאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס "מֵעֵין **עוֹלָם הַבָּא**", אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס ע"ב), אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים נו, יא): **בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר**, אַז סַיי וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם 'הֲוָיָ"ה' וָואס אִיז רַחֲמִים, לוֹיבּ אִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז חָלִילָה וְחַס מִדַּת הַדִּין וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם **'אֱלֹקִי"ם'** אוּן עֶס גֵייט מִיר שְׁלֶעכְט, דַארְף מֶען אוֹיךְ לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער.

דִי גוּף וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן **אֱלֹקִים**, וַוייל אַלֶעס זֶעהְט אִים אוֹיס וִוי עֶס פִּירְט זִיךְ לוֹיט דִי **טֶבַע**, לְמָשָׁל: אַז אַ מֶענְטְשׁ חָלִילָה וְחַס וֶוערְט קְרַאנְק, אָדֶער עֶר כַאפְּט אַ קְלַאפּ וְכוּ', מֵיינְט עֶר אַז עֶס אִיז אַ **טֶבַע**: עֶס אִיז פֶּערְצוּפַאל אַזוֹי גֶעשֶׁעהְן, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶס. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶס דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נִישְׁט קַיין טֶבַע, נָאר עֶס קוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם שֵׁם 'הֲוָיָ"ה' [– הַשְׁגָּחָה] אוּן עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דֶעם **'אֱלֹקִים'** [– טֶבַע], אוּן עֶר זֶעהְט אַיין אַז אַפִילוּ וֶוען עֶס פַּאסִירְט עֶפֶּעס מִיט זַיין גוּף אִיז דָאס אוֹיךְ פוּנֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים מִיט דֶעם, און עֶר דֶערְמַאנְט אִים עֶפֶּעס.

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין גוּף און דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן אַז פוּן דֶעם גוּף אַלֵיין זָאל עֶר אוֹיךְ זֶעהְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיוּב יט, כו): מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלֹקַי.

דָאס הֵייסְט, דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג מַשִּׂיג גֶעטְלִיכְקֵייט און מוֹרָא'דִיגֶע הַשָּׂגוֹת, אָבֶּער דֶער גוּף שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶעהְן רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיפְן גוּף אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ נח, ז): **מִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם** - פוּן דִי גוּף זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן דִי אַלֶע הַשָּׂגוֹת. נָאר דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אַז דָאס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דִי נְשָׁמָה, און אוֹיךְ זֶעהְן און מַשִּׂיג זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און גֶעטְלִיכְקֵייט.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטְן גוּף, אַז הַלְוַואי זָאלְן מִיר הָאבְּן אַזַא אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעטֶע **נְשָׁמָה** וִוי זַיין הֵיילִיגְן גַשְׁמִיוּת'דִיגְן גוּף אִיז גֶעוֶוען; און דָאס הָאבְּן גֶעזָאגְט הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי אַלֵיין הָאבְּן גֶעהָארֶעוֶועט טֶעג און יָארְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

און דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט: בַּאהֶעפְטְן דֶעם שֵׁם 'הֲוָיָ"ה' מִיטְן שֵׁם 'אֱלֹקִים'. 'הֲוָיָ"ה' מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶס נָאר דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער: הָיָה-הֹוֶה-וְיִהְיֶה, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען, עֶר אִיז יֶעצְט, און עֶר וֶועט אֵייבִּיג זַיין. און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים. אָבֶּער 'אֱלֹקִים' בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל 'הַטֶּבַע', דָאס הֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין דִי טֶבַע, בִּיז מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז: טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל. און וֶוער עֶס אִיז

שְׁטֶערְקֶער דֶער אִיז מַצְלִיחַ אוּן דָאס גְלַייכְן, אָבֶּער אַ מֶענְטְש דַארְף אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, אוּן רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן דָאס הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר׳ן: אַז דֶער מֶענְטְשׁ אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ גוּף וָואס דָאס אִיז אֱלֹקִים, אוּן דָארְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל - כִּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס דָאס אִיז הֲוָיָ״ה, אוּן וֶוען מֶען לַייטֶערְט אוֹיס דֶעם גוּף, וֶוערְט אֵיינְס פוּן דִי גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים ד, לה): **הֲוָיָ״ה הוּא אֱלֹקִים.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): אַ אִיד דַארְף זַיין **בָּקִי בְּרָצוֹא** אוּן **בָּקִי בְּשׁוֹב**; רָצוֹא הֵייסְט: וֶוען עֶס צִיהְט אִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶע חֵדֶר יוּנְגֶעל, אַז מֶען פְרֶעגְט אִים: וָואס וִוילְסְטוּ זַיין? זָאגְט עֶר: אַ צַדִיק! נָאר שְׁפֶּעטֶער וִויבַּאלְד עֶר וֶוערְט מְגוּשָׁם, עֶר עֶסְט אִין שְׁטוּב זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, בִּפְרַט אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְט אִים, אוּן וַוארְפְט אִים אַרַיין אִין אַ יְאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועסְטוּ אִים פְרֶעגְן וָואס וִוילְסְטוּ זַיין? וֶועט עֶר שׁוֹין זָאגְן: אַ פָּאלִיסְמַאן, אַ בָּאס דְרַייוֶוער וְכוּ׳. זֶעהְט מֶען אָבֶּער אַז יֶעדֶער אִיד צִיהְט אַרוֹיף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כ, יט): **הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה** - אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים. אַזוֹי וִוי אַ בֵּיימֶעלֶע וַואקְסְט שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיף אַרוֹיף, אוּן אוֹיב מֶען וֶועט עֶס פְרוּבִּירְן אָפְּצוּהַאלְטְן אוּן לֵייגְן אַ בְּרֶעט, וֶועט עֶס זִיךְ דָארְט אַיינְבֵּייגְן אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶס צוּרִיק וַואקְסְן אוֹיף אַרוֹיף. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וִויל נָאר צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַ צַדִיק, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳רָצוֹא׳, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ

רָצוֹן, עֶר וִויל זַיין ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג "**שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב**" וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וְכוּ'.

אָבֶּער אַ אִיד קֶען דָאךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג גֵיין נָאר אַרוֹיף, מֶען דַארְף עֶסְן, שְׁלָאפְן, גֵיין אִין בִּיזְנֶעס הַאנְדְלֶען, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, דָאס הֵייסְט 'וָשׁוֹב', אִיךְ קוּם צוּרִיק צוּם מְצִיאוּת פוּן לֶעבְּן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם), אַז מֶען דַארְף הָאבְּן צְוֵויי בְּקִיאוּת אוּן זַיין בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין בַּיי בֵּיידֶע פֶּעלֶער; סַיי וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיף, מֶען צִיהְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, וַוייל אַמָאל רֶעדְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין, אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶפֶּעס. זָאגְט מֶען אִים: אַ מִינוּט! עֶס אִיז נָאךְ דָא צוּ גֵיין הֶעכֶער. קוּמְט אוֹיס אַז אַפִילוּ אוֹיבְן דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְקֶענֶען אוּן זַיין בָּקִ"י בְּרָצוֹא, וָואס בַּאטְרֶעפְט: הֲוָיָ"ה-אֱלֹהִי"ם (86+26 = 112), אוּן וִויסְן: פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ מַדְרֵיגָה פוּן הֲוָיָ"ה, אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶר אִיז הָיָה-הֹוֶה-וְיִהְיֶה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס **אֱלֹקִים**, עֶס אִיז נָאךְ נָאר אַ לְבוּשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען קֶען נָאךְ גֵיין הֶעכֶער, וַוייל וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דַארְף עֶר נָאר שְׁטְרֶעבְּן צוּ גֵיין הֶעכֶער, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט צוּרִיק, אוּן עֶר קוּמְט אַרָאפּ צוּ טוּהְן דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן עֶר טָאר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, עֶר דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין, לְמָשָׁל: אַז עֶר דַארְף עֶסְן, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מַאכְן אַ בְּרָכָה פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ה): פַאר אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ בְּרָכָה אִיז דָאס עֶסְן נִישְׁט זַיינְס

אוּן עֶר אִיז אַ גַנָב, אַז עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה גֶעהֶערְט דָאס שׁוֹין פַאר אִים אוּן עֶר מֶעג עֶסְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶר עֶסְט, אַז עֶר הָאט אִינְזִין אַז עֶר זָאל הָאבְּן כֹּחַ דוּרְכְדֶעם צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם בֶּענְטְשְׁט עֶר ׳בִּרְכַּת הַמָזוֹן׳, קוּמְט אוֹיס אַז דִי עֶסְן וֶוערְט אוֹיךְ רוּחְנִיוּת.

דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁלָאפְן זָאל עֶר גֵיין שְׁלָאפְן, נָאר עֶר זָאל לֵיינֶען ׳קְרִיאַת שְׁמַע׳ פַארְדֶעם, אוּן זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן ׳הַמַפִּיל׳, אוּן אַזוֹי זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן זִיךְ אוֹיסְצוּרוּהְעֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען זֵייעֶר טַייעֶר הַאלְטְן אוּן מִיט אִיר זִיךְ אָפְּגֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (יְבָמוֹת ס״ג ע״א): דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָא רֶבִּי חִיָיא הָאט גֶעזָאגְט: **דַיֵינוּ שֶׁמְגַדְלוֹת בָּנֵינוּ וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא** – עֶס אִיז אוּנְז פוּנְקְט גֶענוּג דָאס וָואס זֵיי עֶרְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי רַאטֶעוֶוען אוּנְז פוּן אַן עֲבֵירָה.

דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז עֶר מוּז אַרְבֶּעטְן בַּיי יֶענֶעם, זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן עֶרְלִיךְ נִישְׁט חָלִילָה אָפְּפָּאפְּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין חַזַ״ל (עַיֵין תַּעֲנִית כ״ג ע״ב): אַז מֶען טָאר אַפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן בִּשְׁעַת מֶען אַרְבֶּעט בַּיי יֶענֶעם. [לֵיידֶער כַאפְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוָוארֶענְט מִיט דֶעם, סְפֶּעצְיֶעל פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי אַרְבֶּעטְן אִין אַ אָפִיס, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל-הַבַּיִת אִיז נִישְׁט דָארְט, רֶעדְט מֶען מִיט אַ חַבֶרְ׳טֶע (פְרֶענְד), וָואס דָאס אִיז ׳גְנֵיבָה׳, אוֹיסֶער אוֹיבּ דֶער בַּעַל-הַבַּיִת אִיז מַסְכִּים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען דֶעמָאלְס אַרַיין, אוּן דָאס גְלַייכְן].

## דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען הָאט אַן אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס, מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אָפְּנַארְן אַנְדֶערֶע אוּן גַנָבֶ'עְנֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט דַארְף לֶערְנֶען דִי הַלָכוֹת אִין 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ, **חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט**'. נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז **חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט** אִיז נָאר פַאר אַ רָב, עֶס אִיז פַאר יֶעדְן אִיד וָואס גֵייט אַרְבֶּעטְן, עֶר זָאל פָּשׁוּט נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין 'גְנֵיבָה וּגְזֵילָה', קוּמְט אוֹיס אַז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא דֶערִין תּוֹרָה, אוּן הַלָכוֹת וִוי אַזוֹי דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין.

דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן '**בָּקִי בְּשׁוּב**' אַז אַפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיקְגֶעפַאלְן זָאל אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר דָארְט טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט כָּאטְשִׁיג אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער דֶעם מִדַת הַדִין [עֶר מוּז נֶעבֶּעךְ גֵיין שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן וְכוּ'], וָואס דָאס אִיז '**אֱלֹקִים**' דָאךְ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, וַוייל אִין דֶעם **אֱלֹקִים** אִיז אוֹיךְ דָא דִי שֵׁם הֲוָיָ"ה, דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיינְס, מְמֵילָא וֶוערְט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט הֲוָיָה מִיט **אֱלֹקִים**, אוּן עֶר קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעהוֹיבֶּענֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד הרה"ח **רֶבִּי יוֹנָה לֶעבְּל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**, אִין זַיין חֲבוּרָה פְלֶעגְט מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן בַּיי חֲצוֹת, אוּן מֶען הָאט גֶעזָאגְט 'תִּקוּן חֲצוֹת' אִין מִירוֹן בַּיי דִי קֶבֶר פוּן "רֶבִּי שִׁמְעוֹן", אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיךְ קוּם שׁוֹין! אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִים נָאכְאַמָאל אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזָאגְט: מֶען דַאוֶוענְט שׁוֹין וָתִיקִין! הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיךְ קוּם שׁוֹין! וְכוּ', הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, אַז מֶען וֶועט צוּבִּינְדֶען אַ שְׁטְרִיק בַּיים פֶּענְסְטֶער, אוּן מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן אַ צִי, אַזוֹי וֶועט עֶר שׁוֹין זִיכֶער אוֹיפְשְׁטֵיין, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: יָא יָא! אִיר

קֶענְט שׁוֹין גֵיין, אִיךְ קוּם שׁוֹין! אָבֶּער עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעשְׁלָאפְן, [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק בַּיי דִי 44 יָאר], אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין הָאט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא גֶעהַאלְטְן נָאכְן דַאוֶונֶען, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען נָאכְן אָפְּרֶעכְטְן אַ הַאלְבֶּע נַאכְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וְכוּ׳, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶועט ״יוֹנָה״ כָאטְשׁ זַיין ״פוּן יֶעצְט״ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קֵיין שׁוּם מַצָּב, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, נָאר וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דָארְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן, קֶען מֶען דָארְט רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אָדֶער רֶעדְן דָארְט מִיט וֶועם מֶען טְרֶעפְט זִיךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, וַוייל נִישְׁט אוּמְזִינְסְט הָאט מֶען מִיר פוּן הִימְל דָא אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַמָאל שִׁיקְט מֶען אַרָאפּ אַ נְשָׁמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר, נָאר אַז עֶר זָאל טוּהְן אֵיין טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד!

אַ אִיד הָאט אַמָאל מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן ׳אַלֶכְּסַנְדֶר׳, מִיט סַנְדְקָאוּת בַּיי אַ בְּרִית, הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן בַּעַל שִׂמְחָה דָאס צוּ מַאכְן אַכְט אַזֵייגֶער, [בַּיי צַדִיקִים אִיז דָאךְ אוֹיסְגֶערֶעכֶענְט פוּנְקְטְלִיךְ דִי צַייט], אוּן אַוַודַאי הָאט זִיךְ עֶס פַארְשְׁפֶּעטִיגְט בִּיז צֶען אַזֵייגֶער, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאסְטוּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: וָואס אִיז דֶען צְוֵויי שָׁעָה? חַזַ״ל זָאגְן דָאךְ (פְּסָחִים י״ב ע״א): **אָדָם טוֹעֶה בִּשְׁתֵּי שָׁעוֹת** – אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ פַארְמִישְׁן מִיט צְוֵויי שָׁעָה?! הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל

**דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר**

גֶעזָאגְט: אִינֶעם גַאנְצֶען לֶעבְּן דַארְף מֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְצוּמִישְׁן אוּן פַארְטוֹישְׁן דִי צְוֵויי שָׁעָה.

אוּן עֶר הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: ׳שָׁעָה׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן ׳רָצוֹן׳, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה בַּיי קַיִן (בְּרֵאשִׁית ד, ה): **וְאֶל קַיִן וְאֶל מִנְחָתוֹ לֹא ׳שָׁעָה׳**. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי רֶבִּי בּוּנָם פוּן פְּרְשִׁיסְחָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט גֶעזָאגְט: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן צְווֵיי טַאשְׁן פַאר צְוֵויי **רְצוֹנוֹת**, אִין אֵיין טַאשׁ: **וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה׳** (דִבְרֵי הַיָמִים-ב יז, ו), אַ אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט דֶער עֶרְגְסְטֶער, אוּן זַיין מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ל״ז ע״א): יֶעדֶער אִיד דַארְף זָאגְן: **׳בִּשְׁבִילִי נִבְרָא הָעוֹלָם׳** – וֶועגְן מִיר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אוּן דִי אַנְדֶערֶע טַאשׁ דַארְף עֶר הָאבְּן: **וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר** (בְּרֵאשִׁית יח, כז), עֶר דַארְף וִויסְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט. דִי צְוֵויי שָׁעָה דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן, אוּן דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְטוֹישְׁן, [מִמֵילָא אַז מֶען הָאט אָפְּגֶערֶעדְט אַז דִי בְּרִית זָאל זַיין אַכְט אַזֵייגֶער, זָאלְסְטוּ קוּמֶען אַכְט אַזֵייגֶער].

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן **׳אֵלִיָהוּ הַנָבִיא׳** צוּ וַוייזְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן ׳בַּעַל׳, אַז אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי טוּעֶן אִיז שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, בִּיז אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן (מְלָכִים-א יח, לט): **הֲוָיָ״ה הוּא הָאֱלֹקִים!** אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ט): דִי אַרְבֶּעט פוּן **אֵלִיָהוּ הַנָבִיא** – וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דִי רֶבִּי פוּן אַלֶע נְבִיאִים – אִיז גֶעוֶוען, מְצַמְצֵם זַיין דִי פַייעֶר וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אַ אִידִישׁ הַארְץ, דָאס זָאל בְּרֶענֶען מִיט דֶעם רִיכְטִיגְן מָאס, פוּן אֵיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט בְּרֶענֶען צוּ שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט פַאר מַתַּן תּוֹרָה אוּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יט, כא): **׳פֶּן יֶהֶרְסוּ׳**, טָאמֶער וֶועט מֶען חָלִילָה אַרִיבֶּער גֵיין

מֶער וִויפִּיל מֶען מֶעג. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר נִישְׁט אַרָאפּ פַּאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלֶעשְׁן.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי סִדְרָה, נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע׳טַעְנֶה׳ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: פַארְוָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן לַיידְן אַזוֹי סַאךְ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ה, כב): **לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה** – פַארְוָואס הָאסְטוּ שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּהְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל?! וַוייל פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן עֶס זָאל גוּט זַיין פַאר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ד, יג): **שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח** – שִׁיק אַ שְׁלִיחַ וָואס וֶועט קֶענֶען הֶעלְפְן דִי אִידְן!

אוֹיף דֶעם אַרוֹיף הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְג, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת ו, ב): **וַיְדַבֵּר ׳אֱלֹקִים׳ אֶל מֹשֶׁה**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיטְן ׳מִדַּת הַדִּין׳. אוּן אִים גֶעזָאגְט: דָאס וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער מַאכְן מִיט, אִיז טַאקֶע מִיטְן שֵׁם ׳אֱלֹקִים׳ דֶער מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער דָאךְ: **וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי הֲוָיָ״ה**, אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ דָא דֶער שֵׁם ׳הֲוָיָ״ה׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר אִיז פוּל מִיט **רַחְמָנוּת**. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים צא, טו): **עִמּוֹ אָנֹכִי בְצָרָה** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּזַאמֶען מִיט אַ אִיד אִין זַיין צָרָה. אוּן אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (עַיֵּין אַלְשִׁי״ךְ הַקָּדוֹשׁ עַל פָּסוּק זֶה): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ח): **וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** – דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט רוּהְעֶן מִיט דִי אִידְן, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן: **בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד** – אִין יֶעדְן עֶקְסְטֶערְן אִיד. דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אַפִּילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים אִין לֶעבְּן.

צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַ בָּחוּר וָואס וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר שְׁרַייט: אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַפִּילוּ אֵיין שָׁעָה! אוּן מִיט רֶעכְט, דָאךְ טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט

פַארְלִירְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד, אַמָאל קֶען זַיין אַז זַיין כַּלָה אִיז נָאךְ יוּנְגֶער פוּן אִים מִיט אַפָּאר יָאר, [הַלְוַואי זָאל מֶען אַיינְפִירְן צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים אַפִילוּ וֶוען מֶען אִיז נָאךְ יוּנְג], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): **הַבָּא לְטַהֵר אוֹמְרִין לוֹ הַמְתֵּן** - אֵיינֶער וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין, מוּז עֶר אָבֶּער הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן וַוארְטְן (עַיֵין יוֹמָא ל"ט ע"א). אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט 'פַּרְנָסָה', אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, עֶר אִיז שׁוּלְדִיג צוּ בַּאצָאלְן פַאר זַיין דִירָה, אוּן פַאר דִי גְרָאסֶערִי וְכוּ', דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט 'קִינְדֶער', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, דַארְף עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה.

אוּן דִי מַתָּנָה פוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד וֶועט נָאר מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): דִי שְׁוֶועךְד פוּן 'מָשִׁיחַ' אִיז תְּפִלָּה. אוּן 'תְּפִלָּה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'חוֹטֶם' אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מח, ט): **וּתְהִלָּתִי אֶ'חֱטָם' לָךְ.** דָאס מֵיינְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דוּרְךְ דִי נָאז לֶעבְּער אָטֶעמְט מֶען, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטָאפְּט עֶס וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁטִיקְט חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאר דוּרְךְ דִי לוּפְט וָואס עֶר אָטֶעמְט, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין תְּפִלָּה, אוּן הַאלְטְן אוּן אֵיין רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ וַוייזְט דֶער 'חוֹטֶם' אוֹיף גֶעדוּלְד אוּן אֲרִיכוּת אַפַּיִם, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף עֶר הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַפִילוּ עֶר זֶעהְט נִישְׁט גְלַייךְ אַ יְשׁוּעָה.

און אַזוֹי וֶועט מָשִׁיחַ אַיינֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה, אַז אַפִילוּ לְהַבְדִיל דִי גוֹיִם וֶועלְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און אַוַודַאי אָן קַיין פַארְגַלַייךְ וֶועלְן דִי אִידְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ; קצו) וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען בֶּעטְן מִיט **רַחְמִים וְתַחֲנוּנִים; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! שִׁיק מִיר אַ יְשׁוּעָה וְכוּ'. און נִישְׁט זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: דוּ מוּזְט מִיר גֶעבְּן. דָאס זָאגְן חַזַ"ל (אָבוֹת ב, יג): **כְּשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵל אַל תַּעֲשֶׂה תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחְמִים וְתַחֲנוּנִים.** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאר עֶר נִישְׁט בֶּעטְן מִיט גֶעוַואלְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים דָאס גֶעבְּן, נָאר זִיךְ בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן, וַוייל **קֶבַע** אִיז לָשׁוֹן פוּן **גַזְלָ'עַן** און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עַקְשֶׁנְ'ט זִיךְ אַיין און בֶּעט מִיט גֶעוַואלְד אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר גַזְלְ'ט.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ב ע"ב): אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן זָאל עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים כז, יד): **'קַוֵּה' אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, 'וְקַוֵּה' אֶל ה'.**

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן גֶעדוּלְד בַּיי יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגְן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אַ וַוייבּ, און בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ.

נִישְׁט אוּמְזִינְסְט הָאבְּן חַזַ"ל מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה: **אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת,** וִוי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל, וַוייל אָן שֵׂכֶל אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל, וֵוייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ

זָארְגְן פַאר אַ וַוייבּ אוֹיךְ, אוּן מֶען דַארְף מְוַותֵּר זַיין אִין שְׁטוּב, אוּן נִישְׁט וֶועלְן דַוְוקָא אוֹיסְפִירְן, אוּן מֶען דַארְף לֶעבְּן אַזוֹי ווִי צְוֵויי אֵיינִיגֶע שׁוּתְּפִים הֶעלְפְט אוֹיף הֶעלְפְט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

אָבֶּער דִי רֶגַע וָואס אֵיינֶער הַאלְט זִיךְ מֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָן צוּ קְרִיגְן, וָואס דָאס אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם, דִי אוֹתִיוֹת ס׳-זֶעכְצִיג, מ׳-פֶערְצִיג, אַז אֵיינֶער זָאגְט אוֹיפְן אַנְדֶערְן: דוּ בִּיסְט וֶוייניִגֶער פוּן מִיר. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא פא ע״ב): דִי מַאן אַלֵיין וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ פְּלַג גוּף - אַ הַאלְבֶּע גוּף, אוּן נָאר וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען לֶעבְּט צוּזַאמֶען אִיז מֶען אַ גַאנְצֶער גוּף.

דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן-עֲמָלֵק, וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְלֶענְדְן דִי אִידְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּהְן אוּן גֶעזָאגְט (מְגִילָּה י״ג ע״ב): אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר אַחַשְׁוֵרוֹשׁ צֶען טוֹיזֶענְט שְׁקָלִים. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: רָשָׁע כְּבָר הִקְדִּימוּ שִׁקְלֵיהֶם לִשְׁקָלֶיךָ - דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעגֶעבְּן דֶעם ׳מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל׳, אוּן דוּ וֶועסְט זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען. שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (עַיֵּין אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ שְׁמוֹת ל, יג; לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, שׁוּתְּפִים בְּקַרְקַע הֲלָכָה ה, אוֹת כה): דִי ׳מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל׳ קוּמְט אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז אַ אִיד אַלֵיין אִיז נָאר הַאלְבּ, אוּן עֶר מוּז אוֹיךְ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט דִי מִדָּה פוּן **סַבְלָנוּת**, אוּן אַפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער דִי מִדַּת הַדִּין, זָאל עֶר דָארְט אִין זַיין צָרָה אוֹיךְ אַרַיינְלֵייגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד - אַפִילוּ אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יְשׁוּעָה.

### דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

מֶען דַארְף נָאר גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט חָלִילָה צוּ פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל ׳יֶעדֶע ״פַארְוָואס״ אִיז אַ קְלִיפָּה׳, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים עט, י): **׳לָמָּה׳ יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם!** אַ גוֹי פְרֶעגְט שְׁטֶענְדִיג: **לָמָּה** – פַארְוָואס. אַ אִיד אָבֶער, זָאגְט שְׁטֶענְדִיג: **כָּכָה** – אַזוֹי וִויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: **אַשְׁרֵי הָעָם** [וואוּיל אִיז דֶער יוּדִישׁ פָאלְק], **שֶׁכָּכָה לוֹ** [וָואס אַזוֹי אִיז צוּ אִים] ווִי אַזוֹי? אָט אַזוֹי! דָאס הֵייסְט: אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא (אָבוֹת ב, ד): **בַּטֵּל רְצוֹנְךָ מִפְּנֵי רְצוֹנוֹ וְכוּ׳** – זַיי מְבַטֵל דַיין רָצוֹן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְבַטֵל זַיין דִי רָצוֹן פוּן אַנְדֶערֶע פַאר דִיר.

דֶער **בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ ווִילְסְטוּ אַזוֹי ווִי עֶס אִיז, וֶועט זַיין אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט; דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֵוייסְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז אַזוֹי ווִיל דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט עֶר זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיי זִיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לג): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, דֶער עִיקָר דַארְף עֶר קוֹדֶם זֶעהְן עֶר זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוּן זַיין צוּפְרִידְן פוּן זִיךְ, כָאטְשִׁיג וָואס עֶס זָאל נָאר אוֹיף אִים אַרִיבֶּערְגֵיין; אָבֶער ווִיבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט וֶוערְט עֶר אוּמְצוּפְרִידְן, אוּן וָואס עֶר טוּט נָאר אִיז נִישְׁט גוּט, אֵייבִּיג טְרַאכְט עֶר: אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט טוּהְן מֶער. אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל זַיין צוּפְרִידְן אוּן זַיין **מָלֵא שִׂמְחָה** אַז עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן י): דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה וָואס אַ יֶעדֶער אִיד הָאט, אִיז דָאס אַלֵיין: **״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי** – אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט״.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

און יֶעדֶע סְקוּנְדֶע וָואס אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז אַ אִיד, אִיז עֶר מְגַלֶּה זַיין רֵיינֶעם הַארְץ וָואס עֶר הָאט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א): **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו.** און מִיט דֶעם אַלֵיין דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַיֶּה זַיין און מְחַזֵּק זַיין.

און אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם אוֹיךְ לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב): אַ אִיד דַארְף קוֹדֶם זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און נָאכְדֶעם וֶועט עֶר שׁוֹין קֶענֶען אַ צְוֵוייטְן אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת; אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר זִיךְ דַן לְכַף חוֹב, אִיז עֶר נָאכְדֶעם יֶעדְן דַן לְכַף חוֹב.

דָאס זֶעהֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מוּסָר פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאוִויזְן פַּאר דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת מִיטְן מִדַּת הַדִּין; וַוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ אִיז עֶר דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, און קֵיינְמָאל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת, כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי אַלֶעס פִירְט זִיךְ פַּארְקֶערְט, פַּאר דִי גוֹיִם פֶעלְט גָארְנִישְׁט, און זֵיי הָאבְּן הַייזֶער און קִינְדֶער און וָואס נִישְׁט, און עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם נָע וָנָד, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הוֹיז, עֶר אִיז פוּל מִיט חוֹבוֹת, קַיין קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט, און מֶען הָאט אִים נָאךְ צוּגֶענוּמֶען דִי וַוייבּ אוֹיךְ, אוּנְז וָואלְטְן מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פוּן אַזוֹיפִיל מִיטְמַאכְן, ״אָבֶּער אַבְרָהָם אָבִינוּ פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר וֵוייסְט: אַזוֹי וִויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער״.

אַזוֹי אוֹיךְ יִצְחָק אָבִינוּ הָאט שְׁפֶּעטֶער שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן, און עֶר אִיז גֶעזִיצְן פַארְמַאכְט אִין שְׁטוּבּ, צוּ דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַזַא עֵשָׂיו הָרָשָׁע פַּאר זִיךְ, אַ קִינְד אַ רוֹצֵחַ, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן אַז אַ קִינְד גֵייט אַרוֹיס

לְתַּרְבּוּת רָעָה, דָאס אִיז דָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶער צַעַר וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן.

אַזוֹי אוֹיךְ יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין אַזוֹיפִיל צָרוֹת, נָאךְ מִבֶּטֶן אִמּוֹ הָאט זִיךְ שׁוֹין עֵשָׂיו גֶעקְרִיגְט מִיט אִים, אוּן נָאכְדֶעם דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן מִיט דִי קִינְדֶער (עַיֵין רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית מג, יד), אוּן אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית מז, ט), וֶוען פַּרְעֹה הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַלְט בִּיסְטוּ? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בִּין אַלְט, הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר, אָבֶּער דָאס אִיז אַבִּיסְל אוּן שְׁלֶעכְט גֶעלֶעבְּט, [נָאר דִי לֶעצְטֶע זִיבֶּעצְן יָאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן].

קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵיי מִיט דִי מִדָּה פוּן אֵל שַׁ-דַ-י, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת, אוּן דוּ פְּרֶעגְסְט מִיךְ גְלַייךְ קַשְׁיוֹת?!

אוּן אֶמֶת'ן אַרַיין הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶע'טַעְנֶה'עט פַאר זִיךְ, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת סה ע"א): **משֶׁה אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה** - משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן. דָאךְ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַזוֹי רֶעדְן.

## ב.

אוֹיף דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ג): **וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב**, זָאגְט רַשִׁ"י: **אֶל הָאָבוֹת**. שְׁטֶעלְן זִיךְ דִי מְפָרְשִׁים: וָואס לֵייגְט דָא רַשִׁ"י צוּ מִיט דִי וֶוערְטֶער '**אֶל הָאָבוֹת**'? קֶען מֶען זָאגְן: **אָבֹ"ת** אִיז דִי רָאשֵׁי-תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים קמו, ג): **אַ'ל תִּ'בְטְחוּ בִ'נְדִיבִים** - מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט; וַוייל: **שֶׁאֵין לוֹ תְּשׁוּעָה**, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן! אוּן וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר דִיר קֶענֶען הֶעלְפְן?!

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ צוּ וִויסְן אִין לֶעבְּן, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ גוּטֶער חַבֶר, אַ חַבֶר אִיז פּוּנְקְט גוּט צוּ רוּפְן אוֹיף קִידוּשׁ אוּן דָאס גְלַייכְן, אָבֶּער נִישְׁט מֶער, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט טְרָאסְטְן קֵיינֶעם.

אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט דִיר אִיבֶּער רֶעדְן: שְׁטֶעק יֶעצְט אַיין גֶעלְט, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִיר אַפִילוּ צוּ בָּארְגְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן רַייךְ אִיבֶּער נַאכְט! דַארְף מֶען וִויסְן זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, וַוייל וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער גֶעוָוארְן אָרִימֶעלַייט אִיבֶּער נַאכְט פוּן אַזַאלֶעכֶע גֶעשֶׁעפְטְן, דֶעם כְּלַל דַארְף מֶען וִויסְן: אוֹיב אֵיינֶער זָאגְט דִיר אַז עֶר גֶעט דִיר צֶען פְּרָאצֶענְט, אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶ׳ער גַנָב, אַפִילוּ עֶר גֶעט דִיר נָאר אַ פֶערְטְל פְּרָאצֶענְט מֶער וִוי דִי בַּאנְק אִיז דָאס שׁוֹין אַ גְנֵיבָה, וַוייל אוֹיב דִי בַּאנְק קֶען נִישְׁט גֶעבְּן מֶער וִוי אַ הַאלְבֶּע פְּרָאצֶענְט, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר דִיר גֶעבְּן צֶען אָדֶער פוּפְצְן פְּרָאצֶענְט?! אָבֶּער וִויבַּאלְד גֶעלְט רֵייצְט זֵייעֶר אָן אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר טוּהְן אַפִילוּ ווִילְדֶע אוּן מְשׁוּגָעֶ׳נֶע זַאכְן (עַיֵין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה יב, מֵהַבַּעַל תְּפִלָּה). אוּן אוֹיב אִיר וֶועט נִישְׁט אָנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן מִיר, וֶועט אִיר זִיךְ דָאס מוּזְן רַחְמָנָא לִצְלָן לֶערְנֶען אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע בָּארְד.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלָאזְן אוּן דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע, נָאר פַארְקֶערְט, שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ אוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, דָאס מֶערְסְטֶע אִיז דָאס וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אִין שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נֶעמֶען פוּן דִי וַוייבּ, נָאר אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן; וֶועגְן דֶעם זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג דִי בְּרָכָה: שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה. נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּ דֶערְנִידֶערְן דִי פְּרוֹי, נָאר וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ פְּרוֹי אִיז שְׁטֶענְדִיג מְקַבֵּל צוּ זַיין, זִי דַארְף אַ גוּט וָוארְט וְכוּ׳, וֶועגְן דֶעם דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז אַ מַשְׁפִּיעַ.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ פִּיזִישׁ, אוּן אוֹיךְ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶסְן, אָדֶער עֶס אִיז שְׁמוּצִיג, זָאל מֶען זִיךְ אַרָאפּ בֵּייגְן אוּן צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, וַוייל זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, אִין דִי צַייט וָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסד): מֶען זָאל זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן דִי וַוייבּ, וַוייל זִי לַיידְט גֶעפֶּערְלִיכֶע צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן עִיבּוּר, לֵידָה, אוּן מְגַדֵל זַיין דִי קִינְדֶער.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ד, א): אַ עוֹשֶׁר הֵייסְט דֶער וָואס אִיז אַ **שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ**, עֶר אַלֵיין אִיז שׁוֹין גֶענוּג צוּפְרִידְן, אוּן עֶס פֶּעלְט אִים גָארְנִישְׁט, עֶר זוּכְט נָאר צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן דִי **אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים** וָואס כָאטְשִׁיג זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן צָרוֹת צְרוּרוֹת, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן נָאךְ מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע. וֶועגְן דֶעם זָאגְן חַזַ"ל (יַלְקוּט אִיּוֹב רֶמֶז תתק"ח): וֶוען אִיּוֹב וָואלְט זִיךְ וֶוען אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט יֶעצְט **אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק, וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב**, וָואלְט מֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט **'אֱלֹקֵי אִיּוֹב'**.

דָאס לֵייגְט רַשִׁ"י צוּ: **'אֶל הָאָבֹת'**, [רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **אַ'ל תִּ'בְטְחוּ בִ'נְדִיבִים**]. אוּנְז אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי טַעַם פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ טַאקֶע בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב? וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז דָאס וִויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאבְּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג מַשְׁפִּיעַ גֶעוֶוען.

אוּן אַפִילוּ אַן אָרִימַאן וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס נִישְׁט, קֶען עֶר אוֹיךְ הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, מִיטְן זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶענֶעם. פַארְקֶערְט,

דִי עִיקָר מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז מְחַזֵק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וָואס דָאס אִיז מֶער וֶוערְט פוּן אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קו): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): **אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל** - ווארוּם אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן. דָאס הֵייסְט, אַן אָרִימַאן אִיז זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צ"ב ע"ב): **בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עַנְיוּתָא**. אוּן אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵק אוּן מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן! וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין צוּבְּרָאכְנְקֵייט.

אָבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה פַאנְגְט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ ע"א): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קו, ג): **עוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת; זֶה הַזָּן וּמְפַרְנֵס אֶת אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו** – אֵיינֶער וָואס בַּאזָארגְט אוּן שְׁפַּייזְט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דֶער טוּט שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה. דֶערְפַאר אַז מֶען זָאגְט אַ גוּט וָוארְט פַאר דִי וַוייבּ, מֶען זָאגְט אִיר: אִיךְ וֶועל דִיר אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גֶעבְּן וָואס דוּ דַארְפְסְט. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין ק' ע"ב): וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה וָואלְט מֶען זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּלֶערְנֶען מִדּוֹת פוּן דִי חַיוֹת, לְמָשָׁל אַ הָאן [תַּרְנְגוֹל] זָאגְט צוּ, פַאר זַיין פָּארְל: אִיךְ וֶועל דִיר קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד [כַּרְבַּלְתָּא].

דֶערְפַאר דַארְף מֶען מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ, אוּן אִיר גֶעבְּן אִיר פַארְדִינְטְן כָּבוֹד, נָאכְדֶעם וָואס זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ מֶענְטְשׁ הָאט מֶער דִיבּוּרִים, קֶען עֶר שוֹין נָאכְדֶעם אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין נָאךְ אַ אִיד.

ג.

דִי וָואךְ גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי סִדְרָה דִי מוֹרָא'דִיגְן לִימוּד פוּן '**הַכָּרַת הַטּוֹב**', אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י זָאגְט (שְׁמוֹת ז, יט): דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי מַכּוֹת פוּן **דָם**

און צְפַרְדֵעַ, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְּ דִי וַואסֶער, הָאט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן גֶעמוּזְט מַאכְן, אוּן נִישְׁט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וַוייל דִי וַואסֶער הָאט אִים גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה, אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ קֶעסְטֶעלֶע אוּן גֶעלָאזְט דָארְט שְׁווִימֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דִי דְרִיטֶע מַכָּה פוּן כִּינִים, הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין דוּרְךְּ מֹשֶׁה, וַוייל וֶוען עֶר הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דִי מִצְרִי הָאט אִים דִי עֶרְד גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה אוּן אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם מִצְרִי (רַשִׁ״י שְׁמוֹת ח, יב).

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֵיינְט ׳הַכָּרַת הַטּוֹב׳, אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי טוֹבָה וָואס יֶענֶער הָאט מִיר גֶעטוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער חִינוּךְ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר הַחִינוּךְ, מִצְוָה לג): אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים פַארְוָואס דִי מִצְוָה פוּן ׳**כִּיבּוּד אָב וָאֵם**׳ אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אִיז וֶועגְן ׳הַכָּרַת הַטּוֹב׳, אַז זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

בִּכְלַל דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹיְנֶען צוּ טוּהְן נָאר גוּטְס פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען לִיבּ יֶעדְן, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט וַויי טוּהְן אָדֶער חָלִילָה טְשֶׁעפֶּענֶען אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זִיצְט אִין אֵיין שִׁיף, אִין דֶעם שְׁטוּרֶעמִישְׁן יַם, וָואס ווִיל נָאר אַיינְזִינְקֶען דֶעם שִׁיף, דֶער שִׁיף אִיז אָבֶּער אַיינְגֶעטֵיילְט אִין צִימֶערְלֶעךְ, אוּן מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי גְרֶעסֶערֶע צִימֶער, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז יֶעדֶער אִיז אִין דֶעם זֶעלְבְּן שִׁיף, וָואס הַאלְט בַּאלְד בַּיים דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם ווִילְן אוּנְז אַלֶע אַיינְשְׁלִינְגֶען, אָפְּגֶערֶעדְט אִין וֶועלֶעכֶע חֲסִידוּת מֶען גֶעהֶערְט, חַזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא ס״ט ע״ב): דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער וואוּנְדֶער אוּן שְׁטַארְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֵיין שָׁאף [כְּלַל יִשְׂרָאֵל] קֶען זִיךְ הַאלְטְן צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף [אוּמוֹת].

## דער באַשעפער איז מיט דיר

רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט (ספרי בהעלותך פיסקא ס״ט): **הלכה בידוע שעשיו שונא ליעקב**, אלע גוים האבן אונז פיינט, [אפילו די אמעריקאנע]. דערפאר איז שוין די העכסטע צייט אז מען זאל זיך כאפן, און אויפהערן זיך אַרומצוקריגן.

און די צייט פונעם הייליגן **רבי אברהם חיים פון זלאטשוב זכותו יגן עלינו**, [בעל אורח לחיים], איז געווען אין זלאטשוב א פארגרעבטער בוטשער [קצב] וואס האט אים זייער גע׳רודפ׳ט און ער איז אים דערגאנגען די יארן, איז ער געפארן צו זיין רבי׳ן דער הייליגער **רבי משה לייב סאסובער זכותו יגן עלינו**, כדי ער זאל פועל׳ן ביים אייבערשטן אז דער קצב זאל אוועק גיין פון דער וועלט, רופט ער זיך אן: וואס? ! איין איד איז ביי מיר ווייניג? איך האב ליב אלע אידן! און מען דארף האבן יעדן איד זייער וויכטיג, ווייל אז דער אייבערשטער געט אים נאך לעבן, איז א סימן אז דער באשעפער דארף אים האבן!

דעמאלטס איז געווען די גזירה פון די ׳קאנטאניסטן׳, מען האט געכאפט יונגע קינדער, און זיי אויפגעצויגן צווישן די גוים אז זיי זאלן נאכדעם ווערן סאלדאטן אין די רוסישע מיליטער.

איינמאל יום הקדוש זענען אריינגעקומען סאלדאטן אין שטאט **זלאטשוב**, און זיך אריינגעבראכן אין שוהל צו זוכן קינדער, האט מען גענומען שטענדערס מיט שטעקענעס און אריינגעקנאקט אין די סאלדאטן, און זיי גוט אנגעהאקט די ביינער, האבן זיי אריינגעברענגט א פארשטערקעטע כח, און זיי האבן געכאפט דעם רב, דער הייליגן **רבי אברהם חיים**, און די טובי הקהל, און מען האט זיי איינגעזעצט און תפיסה, און מען האט זיי רחמנא לצלן געוואלט העגנען אלץ עונש אויף דעם וואס זיי האבן באפאלן און צושלאגן די סאלדאטן, אינמיטן דעם משפט איז

אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער פַארְגֶרֶעבְּטֶער קַצָב, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן פַארְן שׁוֹפֵט: דֶער רֶבִּי קֶען דֶען שְׁלָאגְן? עֶר אִיז דָאךְ אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ?! אוּן אַזוֹי רֶעכְנְט עֶר אוֹיךְ אוֹיס דִי 'טוּבֵי הַקָהָל': **רֶבִּי גֶעצְל**, אוּן **רֶבִּי זַלְמָן** וְכוּ', זֵיי זֶענֶען דָאךְ שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן! נָאר, אִיךְ בִּין דָאס גֶעוֶוען! אִיךְ בִּין אַ גֶעזוּנְטֶער שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים דַן גֶעוֶוען צוּ הֶענְגֶען, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהָאנְגֶען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער **אוֹרַח לְחַיִּים** דֶעמָאלְטְס פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוֹבֶער** הָאט גֶעזָאגְט: פוּן יֶעדְן אִיד קוּמְט נָאךְ אַרוֹיס אַמָאל אַ טוֹבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיים גְרוֹיסְן 'הַפְּלָאָ"ה', אוּן וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ'ן. עֶר הָאט אָבֶער מוֹרָא גֶעהַאט, אַז זַיין גְרוֹיסֶער שְׁוֶוער דֶער **בַּעַל הַפְּלָאָ"ה** וֶועט הָאבְן אַ הַקְפָּדָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן דֶערְפוּן.

וֶוען דֶער 'הַפְּלָאָה' אִיז גֶעוָוארְן רָב אִין דִי שְׁטָאט **פְרַאנְקְפוּרְט** [דַייטְשְׁלַאנְד], הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיידֶעם עֶר זָאל מִיטְקוּמֶען מִיט אִים, [עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין מִיט דִי דַייטְשֶׁע אִידְן אַלֵיין], הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעדְרֵייט, וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: זָאל דֶער שְׁוֶוער אַוֶועק פָארְן אוֹיף פְרַאנְקְפוּרְט, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְן אַ גוּטֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען גֶטְ'ן אוּן נָאכְאַמָאל חַתּוּנָה הָאבְן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער **הַפְּלָאָה** הָאט אוֹיפְגֶעכַאפְּט זַיין מַחְשָׁבָה, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: **אַבְרָהָם חַיִּים**! טָאמֶער מֵיינְסְטוּ אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען טוּהְן עֶפֶּעס אוּנְטֶער מַיין רוּקְן, זָאלְסְטוּ וִויסְן, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן! אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן.

נָאכְדֶעם וָואס זַיין הֵיילִיגֶער שְׁוֶוער אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן, הָאט עֶר לְמַעֲשֶׂה גֶעגֵ'ט זַיין וַוייבּ, דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם הַפְּלָאָה, אוּן עֶר הָאט חַתּוּנָה גֶעהַאט

### דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

מִיט דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּת עֵינַי [הָרַב הַקָּדוֹשׁ **רֶבִּי יִשָּׂכָר דּוֹב מִזְלָאטְשׁוּב** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], אָבֶּער עֶר הָאט מִיט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוֹיךְ אִיז עֶר אַוֶועק יוּנְגֶערְהֵייט.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער 'אוֹרַח לְחַיִּים' אִיז גֶעוֶועןמוֹרָא'דִיג גְרוֹיס, דָאךְ אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט וֵוי גֶעטוּהְן זַיין שְׁוֶוער, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶערְצוּ זַיין 'רֶבִּי', הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אוּן זַיין הַקְפָּדָה הָאט גֶעשַׁאדְט.

אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אִים אַלֵיין הָאט דִי הַקְפָּדָה גֶעשַׁאדְט, נָאר אַפִילוּ פַּאר אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן נָאךְ אִים; אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט: אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד [**רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים פוּן סְלַאטְווִינָא עָלָיו הַשָּׁלוֹם**] צוּם הֵיילִיגְן **צַאנְזֶער רָב** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט צֶען יָאר, אוּן עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִּים הָאט אִים נִישְׁט צוּגֶעזָאגְט, נָאר עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: לָאמִיר נָאךְ וַוארְטְן! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אִיד הָאט גֶעהַאלְטְן אוּן אֵיין קוּמֶען מִיט אַ קְוִויטְל, אוּן גֶעוַוארְט אַז עֶר זָאל שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן אוּן אַיינְגֶערִיסְן פַאר דִיר, אָבֶּער אִיךְ זֶעה אַז דִי תְּפִלּוֹת גֵייעְן נִישְׁט דוּרְךְ! אוּן עֶר קוּקְט נָאכְאַמָאל אוֹיפְן קְוִויטְל וואוּ עֶס שְׁטֵייט אַבְרָהָם חַיִּים, גֶעט עֶר אִים אַ פְרֶעג: נָאךְ וֶועמֶען הֵייסְטוּ? זָאגְט עֶר: מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן **רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים** פוּן זְלָאטְשׁוּב, אוּן נָאךְ אִים הֵייס אִיךְ. רוּפְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב אָן: אוֹיבּ אַזוֹי קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט טוּהְן! אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַאר זַיין רֶבִּי, נָאר שְׁטֶענְדִיג מַכִּיר טוֹבָה זַיין, אוּן בִּכְלַל טוּהְן נָאר טוֹבוֹת פַאר יֶעדְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּ דֶעם אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶס מְקַיֵים זַיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דֶערוֹיף: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט, וֶוער דִי ׳צִיוֹנִים׳ זֶענֶען, וַוייל נָאר מִיר הָאט מֶען גֶעוָואלְט אַרַיין זֶעצְן אִין תְּפִיסָה זֶעכְצְן יָאר, פָּשׁוּט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶערַאטֶעוֶועט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָא פֶעלְט אוֹיךְ נֶעבֶּעךְ נִישְׁט, וָואס מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער מִיט אִידִישֶׁע בָּחוּרִים, אָבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מַמָּשׁ אַ מַגֵיפָה רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּפְרַט יֶעצְט מִיט דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה וָואס זֵיי ווִילְן אַרַיינְרוּקְן אַלֶע הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים אִין דִי טָמֵא׳נֶע מִילִיטֶער, נִישְׁט וַוייל זֵיי דַארְפְן דָארְט הָאבְּן ווִיכְטִיג דִי הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע רוּסְן, מִיט אַנְדֶערֶע גֶעזוּנְטֶע גוֹיִם דֶערְפַאר, נָאר זֵיי ווִילְן פָּשׁוּט מְטַמֵא זַיין דִי בָּחוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע מַחְשָׁבָה אִיז נָאר, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זֵיי דָאס אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אָפּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹמֵר וּמַצִיל זַיין, מֶען קֶען אַפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן בָּרַבִּים פוּן דֶעם, מַמָּשׁ דָאס עֶרְגְסְטֶע, בִּלְעָם׳ס עֵצָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען זִיךְ וָואס מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע פַּארְטֵייעֶן, וַוייל אַלֶעס אִיז שֶׁקֶר ווִי דִי עֲבוֹדָה זָרָה! מַמָּשׁ עֲבוֹדָה זָרָה! אוּן דָאס וָואס מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אַרוּם, דִי פַּארְטֵיי, יֶענֶע פַּארְטֵיי, אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער שְׁטִיק שֶׁקֶר.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

זָאלְט אִיר אָבֶּער וִויסְן אוּן גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ: וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען פוּפְצְן יָאר, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶען **רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, [דֶעמָאלְטְס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֶענֶערֶער עוֹלָם, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דַאוֶונֶען מִנְחָה מַעֲרִיב אוּנְטְן אִין זַיין בֵּית מִדְרָשׁ אוֹיף בֶּעדְפָארְד קָארְנֶער קְלֵיימֶער].

גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי יֶעצְט, וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט בִּשְׁעַת דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעפְלַאמְט אוּן הָאט גֶעשָׁאקְלְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף: אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן **בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה**, אַז אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן, פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּעֶן גֶענוּג פַאר דִי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן. אוּן דֶער מוֹרָא׳דִיגֶע מַרְאֶה אִיז מִיר אַזוֹי אַריין אִין דִי בֵּיינֶער, אַז עֶס לִיגְט מִיר נָאךְ פַאר דִי אוֹיגְן בִּיז יֶעצְט.

וֶוער עֶס הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי סְפַרְדִים, וֵוייסְט אַז דִי סְפַרְדִים זֶענֶען טַייעֶרֶע אִידְן, וָואס דִי צִיוֹנִים הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעריסְן אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן פוּן מַארַאלִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, אוּן הַיינְט הַאלְט מֶען שׁוֹין בַּיי דֶעם צְוֵוייטְן אוּן דְרִיטְן דוֹר, וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער דוֹר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פְרוּם, אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער אוּן דֶער דְרִיטֶער דוֹר וֵוייסְן שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן אִידִישְׁקֵייט, מַמָּשׁ אַזוֹי!

נָאר וָואס דֶען? בַּיי אַ סְפַרְדִי׳שְׁן אִיד אִיז מוֹרָא׳דִיג אַיינְגֶעבַּאקְן דִי אֶמוּנָה! אוּן ווִיפִיל מֶען הָאט זֵיי נָאר נִישְׁט אוֹיסְגֶעריסְן פוּן דִי אֶמוּנָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ **דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה**, וֶועט עֶר נֶעמֶען אַפִילוּ אַ טַאשׁ טִיכְל אוֹיפְן הוֹילְן קָאפּ, אוּן וֶועט זָאגְן אַ הֵיילִיג וָוארְט, אוּן רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אוּן עֶס אִיז דָאךְ אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף דִי אִידְן, אוּן זֵיי קֶען מֶען נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ מְקָרֵב זַיין, נָאר דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת! אוּן צוּקוּמֶען צוּ זֵיי אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט (כּוֹכְבֵי אוֹר, חֵלֶק סִפּוּרִים נִפְלָאִים):

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ 'בֶּן מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען עֶר אִיז אַ 'אִינְדִיק' [טֶערְקְ"י], אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּעֶן נַאקֶעט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוּנְטֶערְן טִישׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן, נָאר בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן בֵּיינֶער וָואס מֶען הָאט אִים גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶערְן טִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן אַן אִינְדִיק, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן מוֹרָא'דִיג צַעַר, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַן עֵצָה וָואס מֶען טוּט, וַוייל קַיין שׁוּם דָאקְטָאר אוּן קַיין שׁוּם מֶעדֶעצִין הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן! עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעטוּעֶן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶערְן טִישׁ, פְרֶעגְט אִים דֶער בֶּן מֶלֶךְ: וָואס טוּסְטוּ דָא? זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ אִינְדִיק! אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעוָוארְן זַיין חַבֵר, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן מִיט נָאךְ אַ אִינְדִיק, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט דֶער חָכָם גֶעוואוּנְקֶען, מֶען זָאל זֵיי צוּ וַוארְפְן הוֹיזְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אִינְדִיק, דֶער בֶּן מֶלֶךְ: דוּ מֵיינְסְט אַז אַ אִינְדִיק קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אוּנְטֶער הוֹיזְן?! מֶען קֶען גֵיין מִיט אוּנְטֶער הוֹיזְן, אוּן וַוייטֶער בְּלַייבְּן אַן אִינְדִיק! דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט, אוּן עֶר הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעוואוּנְקֶען מֶען זָאל צוּ וַוארְפְן הֶעמֶעדֶער, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעזָאגְט: מֵיינְסְט מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן אִינְדִיק מִיט אַ הֶעמְד?! אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט עֶר אִים גֶעמַאכְט אָנְהֵייבְּן צוּרִיק צוּ עֶסְן מֶענְטְשְׁלִיכֶע עֶסְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ, אוּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מֶען קֶען זַיין אַן אִינְדִיק אוּן זִיצְן גֶעהֶערִיג בַּיים טִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אִים צוּבִּיסְלֶעךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט (עַיֵּין שָׁם בִּפְנִים בַּאֲרִיכוּת).

וֶוער עֶס הָאט גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי מֶען רֵיינִיגְט אַ סוּעֶ״ר וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְשְׁטָאפְּט, עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע יוּנִי״ט פוּן דִי שְׁטָאט, אוּן זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן זֵייעֶרֶע סְפֶּעצְיֶעלֶע בְּגָדִים, דִי גֶעלֶע הוֹיזְן, מִיט זֵייעֶרֶע שְׁטִיוְול וְכוּ׳, אַזוֹי גֵייט מֶען אַרָאפּ אִינֶעם סוּעֶר, אוּן מֶען רֵיינִיגְט דָאס אוֹיס וְכוּ׳.

דֶערְפַאר ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען: ״אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען אִם-יִרְצֶה-הַשֵּׁם, אַ מִילְיָאן סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן״. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען זֶעהְט שׁוֹין יֶעצְט, אַז פִינֶעף אוּן אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט וָואס קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף **רֹאשׁ הַשָּׁנָה** קַיין אוּמַאן, זֶענֶען סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן, [אוּן עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין וֶוער עֶס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן ווִי אַזוֹי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן הָאבְּן בִּכְלַל אַ שַׁיְיכוּת מִיט **בְּרֶסְלֶב**].

וֶועגְן דֶעם, כְּדֵי צוּ צוּקוּמֶען צוּ זֵיי, מוּז מֶען גֵיין אוֹיף אַזַא אוֹפָן: אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ אִינְדִיק וְכוּ׳. אָבֶּער אִיר וֶועט זֶעהְן אַז נָאכְדֶעם וֶועלְן דִי אַלֶע אִידְן תְּשׁוּבָה טוּעֶן, נָאר ווִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן פְּרֵיי רַחְמָנָא לִצְּלָן, מוּז אִיךְ גֵיין אוֹיף אַזַא אוֹפָן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיין גֶעלֵייגְט, אַז אִיךְ וֶועל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי סְפַרְדִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן פְּרַייז, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן דִי אַלֶע אִידְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן אֵיינְמָאל אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט דֶער רֶבִּי זֵיי מְתַקֵּן זַיין, אוּן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמא).

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער** **זַצַ״ל**, פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן: אִיךְ בְּרֶענְג בִּיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, נָאכְדֶעם זָאל זִיךְ שׁוֹין דֶער רֶבִּי פָּארֶען מִיט זֵיי.

אוּן אַז עֶס וֶועט זַיין מַחְלוֹקֶת וָואס קֶען אִיךְ טוּהְן, מֶען קְרִיגְט דָאךְ מְמֵילָא אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל

וֶועם עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט, צוּ דִי סְפַרְדִים וֶועלְן יָא תְּשׁוּבָה טוּעֶן אָדֶער נִישְׁט, אוּן עֶר זָאגְט נָאךְ מִיט אַ פְּרֶעכְהֵייט: וֶוער דַארְף זֵיי הָאבְּן?! צוּ אַזַאלֶעכֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ רֶעדְן אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן **בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ אִים, אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אִים אוּן יָאגְט אִים, אוּן דֶער אִיד הָאט צוּגֶעלֵייגְט: וֶוער דַארְף יֶענֶעם הָאבְּן אִינְגַאנְצְן?! זָאל עֶר זִיךְ גֵיין! אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁעלְטְן. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל הַתַּנְיָא**: אוּן וֶוער זָאגְט אַז מֶען דַארְף דִיר הָאבְּן?!

דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ הָאב מִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין דֶעם, אָבֶער אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט וֶוער זֵיי זֶענֶען, אוּן אִיךְ הַאלְט: "אַז קַיין שׁוּם אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁער אִיד טָאר בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֵיין צוּ דִי טָמֵא'נֶע בְּחִירוֹת, עֶס אִיז אַ מְדִינָה טְמֵאָה, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ וָואס מֶער מִתְרַחֵק זַיין פוּן זֵיי", כָאטְשִׁיג לֵיידֶער אַסַאךְ זָאגְן אַנְדֶערְשׁ, דֶערְשְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן דֶעם אֱמֶת מוּז אִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער **רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** אִיז מַאֲרִיךְ אִין זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר 'וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה', וִוי מֶען טָאר בְּשׁוּם פָּנִים נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, וַוייל מֶען פּוֹעֶלְ'ט בְּמֵילָא גָארְנִישְׁט, פַארְקֶערְט! וֶוען מֶען וָואלְט זִיךְ וֶוען גְלַייךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶערִיסְן פוּן זֵיי, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער פּוֹעֶלְ'ן, וַוייל זֵיי וִוילְן וַוייזְן פַאר דִי גוֹיִם, אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע אִידְן מִיט זִיךְ, אָבֶער אוֹיבּ וָואלְט מֶען גֶעזֶעהְן, אַז רוֹב מִנְיָן וְרוֹב בִּנְיָן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָואס לֵייגְן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן הִיטְן שַׁבָּת, פַארְשְׁטוֹיסְן זֵיי, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער פּוֹעֶלְ'ן.

אוּן אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט דָאס מְפַרְסֵם זַיין פַאר יֶעדְן וָואס הָאט אַ קַשְׁיָא, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ קַשְׁיָא מוּז אִיךְ דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן, אוּן אוֹיבּ נָאךְ אַלֶעמֶען, וֶועט נָאךְ אַלְץ זַיין קַשְׁיוֹת, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

## דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מִיט דִיר

חֵלֶק ב׳ סִימָן מו): דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן קַשְׁיָ״א אִיז: שְׁ׳מַע י׳ קֹ׳וֹלִי אֶ׳קְרָא, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַסַאךְ שְׁרַייֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיבּ עֶס קוּמְט אִים אַרַיין קַשְׁיוֹת. אִיךְ הַאלְט אַז מֶען דַארְף רַאטֶעוֶועןן דִי סְפַרְדִ׳יֶשֶׁע אִידְן, אוּן מֶען קֶען זֵיי רַאטֶעוֶוען נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפָן. מְמֵילָא דֶעם שֶׁקֶר פוּן זֵיי וֵוייס אִיךְ גַאנְץ גוּט, אָבֶּער דֶער שְׁפִּיל גֵייט אַזוֹי, אוּן אִיר וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן אַז דִי אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען נָאכְדֶעם קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּינוּ בִּישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן דָאס הָאבְּן בִּכְלַל, אוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאל שׁוֹין קוּמֶען, אוּן מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוּן עֶר זָאל מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה, בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בעזהשי"ת

# קונטרס

# דו ביזט א חידוש!

וואס דאס איז א וואונדערליכע שיעור, געזאגט געווארן דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

אריינצוברענגען אין אונז די ריינע און קלארע אמונה אין באשעפער,
ווי אויך עצות און התחזקות וויאזוי אדורך צו גיין דעם לעבן בשלום.

## פרשת יתרו תשע"ג

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי,
דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

**רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו**

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט,
וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

**רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו**

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים
פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין אַ יִאוּשׁ אוּן אִין אַ דִיפְּרֶעשְׁן, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט אִין זִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶע אִיד אִיז פִּיל מִיט מִצְווֹת, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אַפִּילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; דָאס הֵייסְט אַפִּילוּ דֶער לֵיידִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִיהְם אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ קֵיין שׁוּם מִצְווֹת נִישְׁט, אִיז עֶר פִּיל מִיט מִצְווֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים.

(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ו' מִכְתַּב תרע"ד)

# דו בִּיזְט אַ חִידוּשׁ

א.

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא ה׳ אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם** (שְׁמוֹת יח, א).

זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ״י: מַה שְּׁמוּעָה שָׁמַע וּבָא, וָואס הָאט יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען? **קְרִיעַת יַם סוּף, וּמִלְחֶמֶת עֲמָלֵק** (זְבָחִים קטז ע״א). פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ סח ע״א): הָאט דֶען נָאר יִתְרוֹ גֶעהֶערְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, וַוייל וואוּ עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען וַואסֶער הָאט זִיךְ דָאס גֶעשְׁפָּאלְטְן (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ו)?! נָאר זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דֶער חִידוּשׁ פוּן יִתְרוֹ אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי דֶער בַּאוואוּסְטֶער אוֹיסְדְרִיק פוּן דִי בַּעֲלֵי מוּסָר: מֶען דַארְף ׳דֶערְהֶערְן׳; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא אַמָאל אֵיינֶער הֶערְט, אָבֶּער עֶס נֶעמְט אִים נִישְׁט אִיבֶּער, אוּן עֶס מַאכְט גָארְנִישְׁט אוֹיס בַּיי אִים, נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס ׳דֶערְהֶערְט׳, אוּן עֶס טוֹישְׁט אִים.

## דו בִּיזְט אַ חִידוּשׁ!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה**, פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן: אֵיינְמָאל אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן: גֶעוַואלְד! זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנֶען. קֶען שׁוֹין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טַאנְצְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל אוּן פוּן דִי הִימְל בִּיז דֶער עֶרְד, אוּן עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן; וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל נָאר צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין פוּן אִים נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין גוּטְס, אָבֶער אַז מֶען 'דֶערְהֶערְט' דֶעם רוּף פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן. מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּהְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, נָאר מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס קֶען – אוּן וֶועט – זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, דָאס הֵייסְט 'דֶערְהֶערְן'.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד **רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ"ל** [וָואס מֶען הָאט אִים נֶעבֶעךְ זֵייעֶר אוֹיסְ'גֶערוֹדֶ'פְּט אוּן מְבַזֶה גֶעוֶוען,] פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרֶעגְן זַיין רֶבִּי"ן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער: מִיר קוּמְט אַזוֹי שְׁוֶוער אָן צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וִוי אַזוֹי זֶענְט אִיר יָא שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי פְּרֵיילֶעךְ? [כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גֶעהַאט אָן אַ שִׁיעוּר צָרוֹת, קִינְדֶער זֶענֶען אִים אַוֶועק רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיךְ אִיז עֶר אַלֵיין גֶעוֶוען אַ בַּעַל יִסוּרִים וְכוּ', פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ זֶעלְטְן פְּרֵיילִיכֶער אִיד,] הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אֱמֶת, מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע דֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי"ן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, נָאר דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן מִיר אוּן דִיר אִיז: דוּ 'וֵוייסְט' פוּן דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אָבֶער אִיךְ 'בַּאנוּץ' זִיךְ דֶערְמִיט.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן דַארְף עֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי שִׂיחוֹת פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דָארְט שְׁטֵייט, אוּן נִישְׁט קוּקְן

אויף קיינעם, און זיך נישט טַעֲנֶה'נען מיט קיינעם. און אַז דער הייליגער רבּי האָט געזאָגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כד; וְעוֹד הַרְבֵּה): אַז מען דאַרף זיין פרייליך, דאַרף מען פרובירן די מערסטע וואס מען קען, דאס מקיים צו זיין. דער הייליגער רבּי האָט געזאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קעז): איר דאַרפט זיך זייער פרייען אַז איר האָט אַזאַ רבּי; דאַרף מען זיך טאַקע זייער פרייען מיט דעם, און אַז מען פרייט זיך נישט, איז דאס אַ פּגם אין אֱמוּנַת חֲכָמִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## ב.

חַזַ"ל זאָגן: צוויי זאכן זענען צוגעגליכן צו 'קְרִיעַת יַם סוּף': קָשִׁין מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף (פְּסָחִים קיח ע"א), 'פּרנסה' קומט אָן אַזוי שווער ווי 'קְרִיעַת יַם סוּף'. און קָשֶׁה זִיוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף (סוֹטָה ב ע"א), אַזוי אויך אַ 'שידוך' קומט אָן אַזוי שווער ווי 'קְרִיעַת יַם סוּף'. וואס 'קְרִיעַת יַם סוּף' איז געווען זייער שווער, סיי ווייל עס איז געווען קיטרוגים (שְׁמוֹת רַבָּה כא, ז), און בּכלל דער נס אַז די ים זאָל זיך געבן אַ שטעל אויף אינמיטן וואסער און ווערן צוויי ווענט, און מען זאָל דורכגיין אין די טריקעניש, דאס איז 'שִׁידּוּד הַטֶּבַע' העכער פונעם מענטשליכן פאַרשטאנד.

די זעלבע זאַך 'פּרנסה' איז איינע פון די שווערסטע זאכן אַזוי ווי חַזַ"ל זאָגן (עַיֵּין תַּעֲנִית כה ע"א): דער אייבערשטער דאַרף נאָכאַמאָל בּאַשאַפן דעם מענטש, ער זאָל בּאַקומען פּרנסה. אויך איז 'פּרנסה' אַ זאַך וואס צוברעכט זייער שטאַרק דעם מענטש, אַזוי ווי חַזַ"ל זאָגן (שְׁמוֹת רַבָּה לא, יב): אַז מען זאָל לייגן 'עֲנִיּוּת' אויף איין זייט וואגשאָהל, און אַלע אַנדערע צָרוֹת אויף די אַנדערע זייט, וועט עֲנִיּוּת איבערוועגן. ווייל אַז אַ מענטש האָט נישט קיין 'פּרנסה' און ער איז אַריינגעפאַלן אין חוֹבוֹת, צוברעכט דאס אים אינגאַנצן.

## דו בּיזט אַ חידוש!

די זעלבּע זאַך בּיי ׳זיווּגים׳, וואָס דאָס איז נאָך אַמאָל שווערער ווי ׳פּרנסה׳, וואָס אַז מען וויל דווקא בּלייבּט מען נישט הונגעריג. אַזוי ווי דער הייליגער רבּי האָט אַמאָל געזאָגט פאַר אוּנזערע לייט (חיי מוהר״ן סימן תקכח): וואָס זאָרגט איר זיך אַזוי אויף פּרנסה?! בּרויט מיט אוגערקעס [פּיקל] איז אַ גוטע עסן. אָבּער אויב האָט מען נישט קיין זיווּג איז זייער בּיטער, אוּן דאָס איז די שווערסטע זאַך.

דערפאַר זאָגט דער הייליגער רבּי (לקוטי מוהר״ן חלק ב׳ סימן פ״ט): דער צדיק איז דער שדכן וואָס מאַכט אַלע שידוכים; ווייל ער פאַרשטייט די צער אוּן די נסיונות וואָס גייט דורך אויף אַ בּחור אוּן אַ מיידל. אוּן ער איז זיך מוסר נפש צוּ מאַכן שידוכים, אוּן דאָס דאַרף זיין דער עיקר אַרבּעט פון אַ אמת׳ן מנהיג.

וועגן דעם דאַרף אַ יוּנגערמאַן דאַנקען אוּן לויבּן דעם בּורא כּל עולמים, אַז דער בּאשעפער האָט אים געהאָלפן אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין תּפיסה, אַזוי ווי חז״ל זאָגן (בּראשית רבּה סח, ד): אויפן פּסוק (תּהלים סח, ז): **מוציא אסירים בּכּושרות**, דער אייבּערשטער נעמט אַרויס די וואָס זענען צוּגעבּינדן אין תּפיסה; אַז דאָס גייט אַרויף אויף אַ זיווּג, וואָס פאַר זיי האָבּן חתוּנה געהאַט זענען זיי נעבּעך געווען אין אַ תּפיסה, אוּן געמוּזט זינדיגן רחמנא לצלן, אָבּער נאָכדעם אַז זיי האָבּן געטראָפן זייער זיווּג, גייען זיי אַרויס פון תּפיסה.

דערפאַר אַז מען האָט חתוּנה געהאַט, דאַרף מען נאָר דאַנקען דעם אייבּערשטן, אוּן נישט זיך אָפּרעדן אוּן בּאַקלאָגן חס ושלום, אַז מען איז אַריינגעפאַלן, אַזוי ווי חז״ל זאָגן (שם): דאָס וואָרט **בּכּושרות** איז צוּזאַמגעשטעלט פון צוויי ווערטער: **בּכי - ושירות, דבּעי בּכי, דבּעי שר שירה**. דאָס הייסט נאָכדעם וואָס מען האָט זוכה געווען חתוּנה צוּ האָבּן,

## דו בּיזט אַ חידוש!

איז דאָ אַ בְּחִירָה: אײנער פֿרײדט זיך און לויבּט דעם אײבּערשטן אַז ער האָט חתונה געהאַט בּרוּך הַשֵּׁם, אַן אַנדערער װײנט אין קלאָגט שטענדיג, אַז ער איז אַרײַן געפֿאַלן, װאָס בּאמת איז נישט דאָ אַזאַ זאַך, װײַל אַלע פּרוּװען זענען די זעלבּע זאַך, אַזױ װי חַזַ"ל זאָגן (שַׁבָּת סב ע"א): **נָשִׁים עַם בִּפְנֵי עַצְמָן**; נאָר אַלעס װענדט זיך אין דעם מאַן. איז ער זוכה, און ער פירט זיך אויף אַזױ װי עס דאַרף צו זײַן, העלפט זי אים אַרויס, אָבער אויבּ איז ער נישט זוכה, דערמאָלטס איז זי קעגן אים (יְבָמוֹת סג ע"א). קומט אויס אַז די צװײ זאַכן: 'שִׁידוּכִים' און 'פַּרְנָסָה', איז אַ מוֹרָא'דיגע װאונדער.

און אַזױ אויך פַּרְנָסָה קומט דורכן צַדִּיק, אַזױ װי דער הײליגער רֶבּי זאָגט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ): דער צַדִּיק איז מַשְׁפִּיעַ פֿאַרן מענטש אַזאַ מין שֶׁפַע, אַז ער האָט אַ **שֶׁפַע כְּפוּלָה**, אַ דאָפּלטן שֶׁפַע. װײַל חַזַ"ל זאָגן (קֹהֶלֶת רַבָּה ג, יב): **יֵשׁ לוֹ מָנֶה רוֹצֶה מָאתַיִם.** דער טֶבע פֿון אַ מענטש איז, אַז ער איז קײנמאָל נישט צופֿרידן, װיפֿיל ער האָט דאַרף ער דאָפּלט; אָבער בּײַם צַדִּיק בּאַקומט מען אַזאַ בּרײטן דַעַת, אַז מען האָט **שֶׁפַע כְּפוּלָה**, און מען שפּירט אַז עס פֿעלט נישט גאָרנישט בּרוּך הַשֵּׁם, װײַל אַלעס װענדט זיך אינעם שֵׂכֶל, אַזױ װי חַזַ"ל זאָגן (נְדָרִים מ ע"ב): **דַעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ, דַעַת חָסַרְתָּ מַה קָנִיתָ, דְּדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ, וּדְלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ**, אַז מען האָט שֵׂכֶל האָט מען אַלעס, און אַז נישט, האָט מען גאָרנישט.

װעגן דעם אַז אַ מענטש האָט שֵׂכֶל און ער גײט אַרויס פֿון זײַן **צִמְצוּם און קַטְנוּת הַמּוֹחִין**, װעט ער אַלעמאָל האָבּן 'פַּרְנָסָה', און ער װעט נישט זײַן אונטערטעניגט בּײַ אַ צװײטן, און אַז ער האָט נישט קײן פַּרְנָסָה, װערט געפּסק'נט אין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רנ"ג): אַז װער עס האָט נישט קײן פַּרְנָסָה, מעג גײן נאָך געלט. אָבער נישט זיך פֿאַרקויפֿן דאָס לעבּן בּגַשְׁמִיּוּת און בּרוּחָנִיּוּת פֿאַר יענעם.

**דו בּיזט אַ חידוש!**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל, אַז עֶר וויל אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטֶעלֶע אִין פַּרְנָסָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקא). וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען אַ **גַדְלוּת הַמּוֹחִין**, אוּן מֶען אִיז מַצְלִיחַ בְּרוּחָנִיוּת אוֹיךְ. מֶען דַארְף וויסְן אַ כְּלַל: אַז מֶען אִיז אַ **בַּטְלָן בְּגַשְׁמִיוּת** אִיז מֶען אַ **בַּטְלָן בְּרוּחָנִיוּת**, אוּן אַז מֶען אִיז אַ **בַּטְלָן בְּרוּחָנִיוּת** אִיז מֶען אַ **בַּטְלָן בְּגַשְׁמִיוּת**, וֶועגְן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם שֵׂכֶל פוּנֶעם צַדִיק גֵייט אִים דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ.

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט ע״א): **אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ**, אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, הָאט מֶען 'עֲשִׁירוּת', אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ט): אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר דוּרְךְ זַיין וַוייבּ.

ג.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעהֶערְט אוּן עֶס הָאט אִים אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אִיז גֶעוֶועזְן: '**מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק**', וָואס דָאס אִיז גֶעוֶועזְן אַ בִּיטֶערֶע מִלְחָמָה, אַזוֹי ווי חַזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵצֵא ט): נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט דִי אַלֶע נִיסִים, הָאט זִיךְ קַיין שׁוּם פָאלְק נִישְׁט דֶערְוַואגְט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דִי אִידְן, בִּיז עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי אִידְן. אוּן וָואס אִיז גֶעוֶועזְן דֶער כֹּחַ פוּן עֲמָלֵק? אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כח, כ): **אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֱמוּנָה, גִיסְט זִיךְ אוֹיף אִים בְּרָכוֹת.

**דו בִּיזְט אַ חִידוּשׁ!**

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה זָאל עֶר לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן, וואוּ עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵק דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן אוּן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים אַוַודַאי הֶעלְפְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, זֶעהְט עֶר מַמָשׁ ווְאוּנְדֶער (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן מְסִימָן ל"ב עד מ"א, וְסִימָנִים – נג, קא, קב, קג, קו, קי, קכ"ו ק"מ וְעוֹד).

וֶועגְן דֶעם וֶוען יִתְרוֹ הָאט גֶעהֶערְט, דִי צְוֵויי זַאכְן: **קְרִיעַת יַם סוּף**: וָואס דָאס מֵיינְט דִי ווְאוּנְדֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער, ווִי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט אַז מֶען טְרֶעפְט אַ 'זִיווּג' אוּן אַז מֶען הָאט 'פַּרְנָסָה'. **מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק**: אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען אִיז מְבַטֵל דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער צַדִיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה, אוֹיבּ אַזוֹי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען.

ד.

**כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם**, יִתְרוֹ הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער ווְאוּנְדֶער. דִי קַדְמוֹנִים פְרֶעגְן, פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם נֵס פוּן 'יְצִיאַת מִצְרַיִם' אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט: '**זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם**', אוּן נִישְׁט '**זֵכֶר לִבְרִיאַת הָעוֹלָם**' דִי נֵס פוּן בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט?!

נָאר '**בְּרִיאַת הָעוֹלָם**' אִיז גֶעוֶוען יֵשׁ מֵאַיִן, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִיאָה, אָבֶּער בַּיי '**קְרִיעַת יַם סוּף**' אִיז גֶעוֶוען יֵשׁ מִיֵשׁ, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ יַם, אוּן אִין דֶעם יַם הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט מֶען זָאל קֶענֶען דוּרְכְגֵיין, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער ווְאוּנְדֶער. נָאךְ אַ חִילוּק: אַז דִי בְּרִיאָה הָאט דֶער

**דו בּיזט אַ חידוש!**

אײבּערשטער באַשאַפן פאַר יעדן נישט נאָר פאַר אידן, נאָר אויך להבדיל פאַר די גוים, פאַר חיות, און אַלע באַשעפענישן, אָבער די נס פון 'קריעת **ים סוף**' האָט דער אײבּערשטער געמאַכט נאָר פאַר די אידן.

חז״ל זאָגן (בּראשית רבּה טז, ד): אַז אַלע גלות'ן ווערן אויך אָנגערופן **מצרים**, ווייל זיי האָבּן ענג געמאַכט פאַר אידן, פון די לשון **מצרים** - ענגשאַפט. און דאָס איז געווען דער עיקר וואונדער, אַז דער אײבּערשטער האָט אַרויסגענומען די אידן פון אַלע ענגשאַפטן. ווייל דער עיקר צרה פון אַ מענטש איז, אַז ער איז אין **מצרי״ם**, **מיצר** - ענג, **ים** - דער מח; דאָס הייסט, ער איז קליין קעפּלדיג און מצומצם, אָבער אַז אַ מענטש האָט אַ שטאַרקע אמונה, און ער ווייסט אַז דער באַשעפער איז דאָ, און אויך אין די גאַנצע וועלט, גייט ער אַרויס פון זיין צמצום, און ער זעהט פאַר זיך אַ שיינע גרויסע וועלט.

דער הייליגער רבּי האָט זייער געהאַלטן פון אַ סוחר, ווייל חז״ל זאָגן (אבות ד, ג): **אין לך אדם שאין לו שעה, ואין לך דבר שאין לו מקום**, יעדער מענטש האָט זיך זיין צייט ווען ער וועט האָבּן הצלחה. וועגן דעם אַז אַ מענטש איז אַ בּיזנעס-מאַן, ווען עס וועט אָנקומען זיין צייט פון הצלחה, קען אים געלונגען גוטע געשעפטן, און ער וועט מאַכן אַסאַך ריוח, אָבער אַז אַ מענטש איז אין אַ '**קטנות המח**', אַרבּעט ער בּיי יענעם ווי אַן '**עבד כּנעני**', און מען שאַפט אויף אים וכו', און וואָספאַרא ריוח קען ער שוין מאַכן ווען ער האָט הצלחה?! (עיין חיי מוהר״ן סימן תסה).

די זעלבּע זאַך איז אין שטוב; אַ מענטש דאַרף האָבּן דעם שכל ווי אַזוי צו פירן אַ שטוב, ווייל אפילו ער האָט זייער אַ שווערע שטוב, אָבער אויב ער ווייסט ווי אַזוי צו האַנדלען, קען ער זיך שטענדיג אַן עצה געבּן. און אַזוי איז בּיי יעדע זאַך, אַז אַ מענטש איז זוכה, און ער גייט אַרויס פון מצר-

ים, פון זיין צמצום, דאס איז דער גרעסטער נס, און צו דעם קען מען נאר צוקומען דורכן צדיק. דערפאר איז יתרו געקומען צו משה אין מדבר.

ה.

ויאמר אל משה אני חתנך יתרו בא אליך ואשתך ושני בניה עמה (שמות יח, ו). זאגט רש״י: יתרו האט געזאגט פאר זיין איידעם משה רבינו: אויב גייסטו נישט ארויס פאר מיינעט וועגן, גיי ארויס וועגן דיין ווייב, אויב גייסטו נישט ארויס וועגן דיין ווייב, גיי ארויס וועגן דיינע קינדער. וואס דאס איז א מורא׳דיגע לימוד פאר א יונגערמאן אז ער זאל מכבד זיין, זיין שווער, און אויב איז זיין שווער אים נישט גענוג וועט ער זאל אים מכבד זיין וועגן זיין אייגענע כבוד, זאל ער אים כאטש מכבד זיין ווייל ער האט אים געגעבן זיין טאכטער פאר א ווייב, און ער זאל דאס טוען פאר איר כבוד, און אויב די כבוד פון זיין ווייב איז אים אויך נישט וועט, זאל ער דאס כאטש טוען וועגן זיינע קינדער. דער זוהר הקדוש זאגט (בהעלותך קנב ע״א): ווי איז פאר א מענטש וואס זאגט אז אין די תורה שטייט סתם מעשיות; ווייל די תורה ווערט אנגערופן תורת חיים, און לערנט אונז ווי אזוי זיך צו פירן (זוהר מצורע נג ע״ב).

וועגן דעם דארף מען זעהן מכבד צו זיין א שווער און שוויגער, ווייל אויב מען איז רחמנא לצלן מזלזל אין א שווער און שוויגער, איז דאס גורם נאכדעם צו צושטערן דעם ׳שלום בית׳, און אפילו ער וויל נישט די טובה פון זיין ווייב, זאל ער כאטש רחמנות האבן אויף די קינדער וואס ער האט געברענגט אויף דער וועלט, אזוי ווי חז״ל זאגן (גיטין צ ע״ב): ווער עס גט רחמנא לצלן זיין ערשטע ווייב, לאזט אפילו דער מזבח טרערן אויף אים. און דער טעם פארוואס דווקא דער מזבח ויינט, עס איז דאך געווען אין בית המקדש נאך כלים: דער ארון, וואס דארטן איז געווען די לוחות און

הָעכֶער דֶעם דִי צְוֵויי כְּרוּבִים וְכוּ׳, בִּפְרַט דֶער כִּיּוֹר וָואס דָאס אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי ׳מַרְאוֹת הַצוֹבְאוֹת׳, וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט ׳שָׁלוֹם בַּיִת׳ (תַּנְחוּמָא פְּקוּדֵי, ט), אוֹיךְ הָאט מֶען אָנְגֶעטְרִינְקֶן אַ סוֹטָה פוּן דִי כִּיּוֹר וְכוּ׳?! נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, בְּרֶענְג נִישְׁט נָאךְ קָרְבָּנוֹת; וַוייל אוֹיבּ חָלִילָה עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, שַׁאדְט דָאס פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי לַיידְן נָאכְדֶעם דֶערְפוּן, [אַ גוּטֶער מְחַנֵךְ קֶען גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ קִינְד, אוֹיבּ עֶר קוּמְט נֶעבֶּעךְ פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם שְׁטוּבּ,] דָאס וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ: בְּרֶענְג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער פַאר קָרְבָּנוֹת.

## ו.

**וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם, עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל, אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ וַיַּצִּלֵם ה׳** (שְׁמוֹת יח, ח), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט פַארְצֵיילְט פַאר יִתְרוֹ אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעטוּעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַעֲלוֹתְךָ): אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג פַארְצֵיילְן דִי נִיסִים אוּן מוֹפְתִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אִים גֶעטוּעֶן, אוּן אַזוֹי וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּעֶן נָאךְ מֶער מוֹפְתִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן צוּ דֶערְצֵיילְן פֶּסַח בַּיינַאכְט דִי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּעֶן, וָואס דוּרְכְדֶעם טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ גְרֶעסֶערֶע נִיסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: וֶוען אַ אִיד דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז עֶס גֵייט אִים גוּט, זָאגְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים: דָאס הֵייסְט גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס הֵייסְט גוּט! אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַשְׁפִּיעַ פַאר אִים אַסַאךְ גוּטְס, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקְלָאגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אַז עֶס אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער,

**דו בּיזְט אַ חִידוּשׁ!**
און אַלֶעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט חַס וְשָׁלוֹם, זָאגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס הֵייסְט שְׁלֶעכְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

**ז.**

**עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה׳ מִכָּל הָאֱלֹקִים וְגוֹ׳** (שְׁמוֹת יח, יא), זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ סט ע״א): יִתְרוֹ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם אַ גַלָח, נָאר עֶר הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס אוֹיף דֶער וֶועלְט. און אַז אַזַא מֶענְטְשׁ קוּמְט און זָאגְט: **עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה׳ מִכָּל הָאֱלֹקִים וְגוֹ׳**, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער וואוּנְדֶער, און דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער רוֹשֶׁם, און דָאס בְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן כָּבוֹד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען.

פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפְּלֶערְנֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, פַאר אַ בָּחוּר וָואס עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִים גֶעפֶערְלִיכֶע יְרִידוֹת און נְפִילוֹת, און עֶר אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָדֶער אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶועריקֵייטְן, און גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז מֶען זִיךְ גְלַייךְ מְיַיאֵשׁ, און מֶען טְרַאכְט, אַז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אָבֶער אַז מֶען הָאט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיז מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק פוּן דֶעם אַלֵיין, און מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: אִיךְ, וָואס אִיךְ הָאבּ אַזַא נִידֶערִיגֶע נְשָׁמָה, וָואס עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, קֶען אִיךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי צוּרִיקְקֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס וֶועט נָאךְ זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער! און פוּן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי גְרעסְטֶע כָּבוֹד און הַנָאָה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן יד). וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְטְס גֵייט עֶר אַלְץ הֶעכֶער און הֶעכֶער, און עֶר קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

## דו בּיזט אַ חידוש!

### ח.

**וַיְהִי מִמָּחֳרָת, וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפּוֹט אֶת הָעָם** (שְׁמוֹת יח, יג), חַזַ״ל זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ, ג): דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען: **מִן הָהָר אֶל הָעָם**; דָאס הֵייסְט, אַז כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאךְ אָבֶער, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ דִי אִידְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן קַיין גֶעדוּלְד זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ מֶענְטְשְׁן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רנב): בַּיי אִים אִיז **רָצוֹא** נִישְׁט קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה, נָאר זַיין עִיקָר הָארֶעוַואנְיֶע אִיז אוֹיף **שׁוֹב**; דָאס הֵייסְט, בַּיי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז דָא **רָצוֹא**: אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן חִיוּת בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ׳; אוּן **שׁוֹב**: וֶוען עֶר פַארְלִירְט זַיין הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת.

אוּן פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן קוּמְט אָן שְׁוֶוער **רָצוֹא**; דָאס הֵייסְט, עֶר וִויל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, עֶר וִויל אַמָאל דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ, עֶר וִויל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער עֶס קוּמְט אִים אָן מוֹרָא׳דִיג שְׁוֶוער, אָבֶער בַּיי **וְשׁוֹב** אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג. אָבֶער אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג בַּיי **רָצוֹא**, אוּן זַיין שְׁוֶועריִקֵייט אִיז **וְשׁוֹב**, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט (דְבָרִים לב, א): **הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וְכוּ׳ וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ** אוּן יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא וָואס הָאט גֶעזָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ א, ב): **שִׁמְעוּ שָׁמַיִם וְהַאֲזִינִי אֶרֶץ**, וַוייל **הַאֲזִינוּ** מֵיינְט אַז אֵיינֶער זִיצְט לֶעבְּן אַן אַנְדֶערְן אוּן זָאגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִיל אַרַיין אִין אוֹיעֶר, **שִׁמְעוּ** מֵיינְט אַז אֵיינֶער אִיז וַוייט אוּן עֶר שְׁרַייט: הֶערְט מִיר אוֹיס! וֶועגְן

**דו בּיזְט אַ חִידוּשׁ!**

דֶעם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין נְבוּאָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּם הִימְל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי הִימְל שְׁטִיל: הַאֲזִינ״וּ הַשָּׁמַיִם, אָבֶער פַאר דִי עֶרְד, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען וַוייט דֶערְפוּן, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרָאפּ שְׁרֵייעֶן, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט וְתִשְׁמַ״ע הָאָרֶץ, אָבֶער יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי מַדְרֵיגָה אִין נְבוּאָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נֶענְטֶער צוּ דֶער עֶרְד, הָאט עֶר צוּ דִי עֶרְד גֶערֶעדְט שְׁטִיל, אוּן צוּ דִי הִימְל הָאט עֶר גֶעדַארְפְט שְׁרֵייעֶן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ גֵיין, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אַרָאפְּלָאזְן אוֹיסְצוּהֶערְן מֶענְטְשְׁן אַגַאנְצְן טָאג.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז; סח): וָואס הֶעכֶער אַ צַדִיק גֵייט, אַלְץ נִידֶערִיגֶער קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אֵיינְס פוּן דִי טַעֲמִים פַארְוָואס עֶר דַאוֶוענְט שְׁפֶּעט, וַוייל עֶר ווִיל אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוֹיךְ, וַוייל שְׁפֶּעטֶער נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים מֶענְטְשְׁן יֶעדֶער מִיט זַיינֶע צָרוֹת, אוּן אַגַאנְצְן טָאג אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיטְן כְּלַל. וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעמָאלְטְס. אֵיינֶער הָאט אִים אַמָאל גֶעשְׁטֶערְט פַארְן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט מִיט וֵוייטָאג: פַארְוָואס זָאל אִיךְ כָאטְשׁ נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען וִוי אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד, אִיךְ מֶעג דָאךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס לֶערְנֶען!

ט.

וַיַּרְא חֹתֵן מֹשֶׁה וְכוּ׳, וַיֹּאמֶר מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה לָעָם, מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב לְבַדֶּךָ וְגוֹ׳, (שְׁמוֹת יח, יד): יִתְרוֹ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לָאזְט זִיךְ אַזוֹי אַרָאפּ, אוּן עֶר אַלֵיין גֶעט זִיךְ אַגַאנְצְן

**דו בּיזט אַ חידוּש!**

טאָג אָפּ מיט מענטשן, און ער איז פאַרנומען צו מאַכן שלום צווישן זיי וכו׳, און ער האָט געזאָגט (שם יח, יז-יח): דוּ טוסט נישט גוט, **נָבֹל תִּבֹּל!** וועסט דאָס נישט קענען פאַרנעמען, און ער האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ עצה: ער זאָל צונעמען צו זיך, צו העלפערס, וואָס זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיטן כּלל וכו׳. זעהט מען פון דעם, אַז כאָטשיג יתרו איז געווען זייער גרויס און אַן אמת׳ער גר און בּעל תּשובה, דאָך אָבער האָט ער נישט פאַרשטאַנען די הנהגה פון אַ צדיק און אַ רבּי׳ן.

דער טשערינער רב זכותו יגן עלינו, [תּלמיד פונעם הייליגן רבּי נתן,] שרייבּט אין די הקדמה פונעם ספר עלים לתרופה [בּריוון פונעם הייליגן רבּי נתן,] אַז ווער עס איז געווען בּיי רבּי נתן, האָט געזעהן אַז דער מענטש איז אַ מורא׳דיגע וואונדער: אַז מען האָט אים געזעהן דאַווענען די דריי תּפלות און תּיקון חצות, און עוסק זיין אין התבודדות, האָט מען געמיינט אַז דער מענטש איז נאָר עוסק אין תּפלה אַגאַנצן טאָג; אַז מען האָט אים געזעהן לערנען מיט זיין גרויס התמדה, און מען האָט געזעהן זיין אויסטערלישע בּקיאות, האָט מען געטראַכט אַז מן הסתּם טוט ער גאָרנישט עפּעס אַנדערש, נאָר ער לערנט אַגאַנצן טאָג; ווער עס האָט אים געזעהן שרייבּן, און וויפיל ער האָט אַלץ צוזאַמען געשריבּן, האָט מען זיך פאַרגעשטעלט אַז ער טוט נאָר דאָס אַגאַנצן טאָג, [ער האָט געשריבּן דעם: לקוטי מוהר״ן; סיפּורי מעשׂיות; שׂיחות הר״ן; חיי מוהר״ן; ספר המדות וכו׳, נאָכדעם די פילע בּענדער לקוטי הלכות וכו׳, און אָן אַ שיעור בּריוון וואָס ער האָט געשריבּן,] אַז מען האָט אים געזעהן רעדן מיט מענטשן און זיך אָפּגעבן מיט זיי, האָט מען געמיינט אַז ער רעדט אַגאַנצן טאָג מיט מענטשן; דאָס איז געווען דער חידוש, אַז איין מענטש זאָל דאָס אַלעס אַריינעמען אין זיך.

## דוּ בִּיזְט אַ חִידוּשׁ!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען זָאל גוּט נָאכְקוּקְן דֶעם צַדִיק, אִיז דָאךְ דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט צַייט צוּ דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען, שְׁרַייבְּן, רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן נָאךְ צַייט פַאר זִיךְ אוֹיךְ. אוּן וִוי אַזוֹי אִיז דָאס טַאקֶע מֶעגְלִיךְ? נָאר אוֹיף דֶעם אִיז דָא אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל.

אוּן מֶען דַארְף וויסְן אַז אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט גֶעזָאגְט: אַ צַדִיק וָואס אִיז דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם אִים, שְׁפִּירְן אוֹיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת, אוּן עֶס קְלֶעבְּט זִיךְ אִין זֵיי אוֹיךְ אָן אַ גוּטֶער גֶערוּךְ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן בַּיי אַ צַדִיק, אוּן אִים גֶעבְּן עֵצוֹת וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט מְזַלְזֵל צוּ זַיין אִין אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ב, י): **הֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה**, מֶען קֶען זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן אָפְּבְּרִיעֶן פוּן אַ צַדִיק. בִּפְרַט אַ צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט בִּיז צוּ דַיין מְגוּשָׁם׳דִיגֶער פְּלַאץ, אוּן דִיךְ אָפְּגֶערֵיינִיגְט אוּן אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן דִיר דִי שְׁמוּצִיגֶע קְלֵיידֶער וְכוּ׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן י״ד): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז עֶר אָנְגֶעטוּעֶן מִיט **בְּגָדִים צוֹאִים**, מִיט טִינוּף׳דִיגֶע בְּגָדִים. וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען דִי **בְּגָדִים** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כא), אוּן דֶער צַדִיק נֶעמְט אַרָאפּ דִי שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן אִים, אוּן עֶר וַואשְׁט אִים אָפּ, אוּן עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אִים, בִּיז עֶר הֵייבְּט אִים אוֹיף, אוּן עֶר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַרַיין שֵׂכֶל אוּן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ׳, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּיקוּנִים וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין זוֹכֶה צוּ דִי אַלֶע שֵׁיינֶע

**דו בּיזט אַ חידוש!**

זאכן דאַרף מען זייער אַכטונג געבּן נישט צו קריגן אָדער חלילה מזלזל זיין אין דעם צדיק.

**וַיְשַׁלַּח מֹשֶׁה אֶת חֹתְנוֹ, וַיֵּלֶךְ לוֹ אֶל אַרְצוֹ** (שמות יח, כז): וויבּאַלד משה רבּינו האָט געזעהן אַז יתרו מישט זיך אַריין, און פאַרשטייט נישט גענוג דאָס גרויסקייט און רחמנות פון אַ צדיק, און ער געט אים עצות, האָט ער אים צוריק אַהיים געשיקט לחיים ולשלום.

י.

**וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר** (שמות יט, ב), זאָגט אויף דעם רש"י: **כּאיש אחד בּלב אחד**, ווייל בּיי אַלע פּלעצער ווי די אידן זענען געווען איז שטענדיג געווען מחלוקת און טענות, אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען צום בּאַרג סיני, איז געווען אַ מוראדיגער אַחדות; און אַזוי אַרום האָבּן זיי געקענט מקבּל זיין די תּורה.

ווען דעם דאַרף מען זייער אַכטונג געבּן פון מחלוקת, און האָבּן טענות איינער אויפן צווייטן, וואָס דאָס האַלט לייַדער אויף די גאולה, אַז עס איז דאָ מחלוקת צווישן אידן רחמנא לצלן, דער הייליגער צאַנזער רב זכותו יגן עלינו, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט הערן איינעם זאָגן אַז זיין רבּי איז גרעסער וכו', וועט ער אים אויסרייסן. [ווי בּאַוואוסט איז ער געווען אַ שאַרפער מענטש,] יעדער איז מקבּל פון זיין רבּי'ן, אָבער נישט מאַכן אַן עבודה זרה און אַנדרייען מחלוקת צוליב דעם, וואָס דאָס איז די ערגסטע זאַך רחמנא לצלן.

דער הייליגער רבּי זאָגט (שיחות הר"ן סימן צא): אַז איינער וויל זוכה זיין צו התמדה, לערנען פלייסיג די הייליגע תּורה, זאָל ער נישט רעדן אויף קיין

**דו בּיזְט אַ חִידוּשׁ!**
שׁוּם אִיד. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אָפְּלָאזְן אַן אַנְדֶערְן אוּן נָאר הָאבְּן צוּ טוּהְן מִיט זִיךְ.

## יא.

**וַיֹּאמֶר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵךְ אֶל הָעָם וְקִדַּשְׁתָּם וְכוּ׳, וְכִבְּסוּ שִׂמְלֹתָם** (שְׁמוֹת יט, י), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי אִידְן זֵיי זָאלְן זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן. פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט זָאל מֶען נִזְהָר זַיין **אִין טְבִילַת עֶזְרָא.**

עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגְן מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ (פַּרְשַׁת אֱמוֹר), **אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ**, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן צוּרִיק מְתַקֵּן גֶעוֶוען דִי תַּקָּנָה פוּן **טְבִילַת עֶזְרָא**, אוּן אַז שַׂ״ץ יִמַּח שְׁמוֹ אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג - אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַ חוּרְבָּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נִזְהָר זִיךְ צוּ טוֹבֵלְ׳ן וֶוען מֶען דַארְף, כָּאטְשִׁיג עֶר הָאט גֶעקֶענְט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמא): [דָארְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן **תִּיקּוּן הַכְּלָלִי**, אוֹיף דֶעם חֵטְא] דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקּוּן אִיז מִקְוֶה! נָאכְדֶעם דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [תִּיקּוּן הַכְּלָלִי].

## יב.

**וְהִגְבַּלְתָּ אֶת הָעָם סָבִיב לֵאמֹר, הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וְגוֹ׳** (שְׁמוֹת יט, יב), נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת יט, כא): **רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה׳ לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב**, עֶר זָאל גֵיין וָוארֶענֶען דִי אִידְן, אַז זֵיי זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין מֶער וִויפִיל

זַיי מֶעגְן. פוּן דֶעם זֶעהְן מִיר אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הֶעכֶער פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, וֶועט עֶר אַוֶועק פַּאלְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (שָׁם יט, כד): **וַיֹּאמֶר אֵלָיו ה׳ לֶךְ רֵד וְעָלִיתָ אַתָּה וְאַהֲרֹן עִמָּךְ וְגוֹ׳ וְהָעָם אַל יֶהֶרְסוּ לַעֲלֹת אֶל ה׳ פֶּן יִפְרָץ בָּם**, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ״י: יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַ מְחִיצָה פַאר זִיךְ, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ אַנְדֶערֶע מַדְרֵיגָה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט זַיין מַדְרֵיגָה; אַהֲרֹן מִיט זַיין מַדְרֵגָה; דִי כֹּהֲנִים מִיט זֵייעֶר מַדְרֵגָה; אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט זֵייעֶר מַדְרֵגָה. דָאס הֵייסְט, בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַן אוֹר אֵין סוֹף, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וויפִיל עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ, אַזוֹיפִיל קֶען זַיין מֹחַ פַארְנֶעמֶען צוּ שְׁפִּירְן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ מֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט, שְׁפִּירְט עֶר מֶער אֱלֹקוּת, אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגֶעגְרֵייט, שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לוֹיט דֶעם הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיין צִמְצוּם. דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע גֶעלֶעכְטֶער נָאכְצוּמַאכְן אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶעמְס תְּנוּעוֹת, וָואס מֶען הָאט אַ פָּנִים אַזוֹי וִוי אַ מָאנְקִ״י וָואס מַאכְט אוֹיךְ נָאךְ אַן אַנְדֶערְן.

דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דַארְף עֶר וִויסְן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, עֶר זָאל גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, מֶען זֶעהְט אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַרָאפּ אוּן וֶוערְן צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ נָאר וַוייל זֵיי קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, יֶענֶער אִיז שׁוֹין אַזַא לַמְדָן, יֶענֶער אִיז שׁוֹין אַ רֶעדְנֶער וְכוּ׳, וָואס דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵיי אִינְגַאנְצְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, בְּהַשְׁמָטָה): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם**, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי בְּחִינָה פוּן: **אֶחָד**, עֶר הָאט זִיךְ זִיךְ בַּאטְרַאכְט אַזוֹי וִוי עֶר

**דו בּיזט אַ חידוש!**

איז דער אײנציגסטער מענטש אויף דער וועלט, און בּכלל נישט געקוקט אויף אַ צווייטן. און ווען אַ מענטש לעבּט אויף דעם וועג, איז ער דער גליקליכסטער מענטש.

דער הייליגער רבּי האָט דערציילט (ספּורי מעשׂיות, מעשׂה ט), אַ מעשׂה פון אַ תּם, וואס ער איז געווען אַ שוסטער, און ער איז געווען שטענדיג זייער פריילך, ווען ער האָט געענדיגט מאכן אַ שיך, וואס מן הסתּם האָט עס געהאט דריי עקן, פלעגט ער נעמען דעם שיך און דאס אויסרימען, און ער האָט זיך מחיה געווען דערמיט, און ער פלעגט זאָגן: מיין ווייבּ! ווי שיין און ווי הערליך דאס שיכעלע איז, וואספאַרא זיסקייט דאס שיכעלע איז, וואספאַרא האָניגדיג און צוקערדיגע שיכעלע איז דאס, און ווען זיין ווייבּ האָט אים געפרעגט: אויבּ עס איז יאָ אַזוי, פאַרוואס אַנדערע שוסטערס נעמען אַסאך מער געלט פאַר אַ פּאָר שיך, און פאַרדינען שיין, און דו נישט?! האָט ער געענטפערט: וואס האָבּ איך מיט יענעם?! דאס איז יענעמס מעשׂה, און דאס איז מיין מעשׂה וכו׳. זעהט מען פון דעם, אַז אַ מענטש דאַרף שטענדיג קוקן נאָר אויף זיך, און זיך מורא׳דיג מחיה זיין מיט וואס ער האָט, און מיט וואס ער פאַרדינט.

יג.

**אָנֹכִי הֲוָיָ״ה אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים** (שמות כ, ב), איך בּין דער בּאַשעפער דיין גאָט, וואס האָט דיך אַרויסגענומען פון מצרים וכו׳. זאָגט דער רמבּ״ן הקדוש: וועגן דעם שטייט ׳אֱלֹקֶיךָ׳ - ׳הוֹצֵאתִיךָ׳ אַ לשון יחיד, און נישט ׳אֱלֹקֵיכֶם׳ - ׳הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם׳ אַ לשון רבּים, צו ווייזן אַז די הייליגע תּורה איז געגעבּן געוואָרן פאַר יעדן איד עקסטער, און אַפילו די גאַנצע וועלט האַלט נישט די תּורה, און זענען

**דו בּיזט אַ חידוש!**

אַוֶועק פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דִי וֶועלְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אִים אַלֵיין.

## יד.

**לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי** (שְׁמוֹת כ, ג), זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרֶעמְדֶע אָפְּגֶעטֶער וְכוּ׳; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כג): דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זַיין פָּנִים. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ לֶעכְטִיגֶע פָּנִים (עַיֵין עוֹד לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קנג), אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט, אוּן עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שְׁפַּייזְן אַ מֶענְטְשׁ גְרִינְגֶערְהֵייט, אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג אוּן פַאר׳דַאֲגָה׳ט, אוּן עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶרְן פָּנִים, וַוייל אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס לִיגְט אִין גֶעלְט, וָואס דָאס מַאכְט אִים צוּבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶעזֶעצְט.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טַייטְשׁ: **לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי**, אוֹיף דַיין פָּנִים זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אָפְּגָאט, דָאס הֵייסְט, זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ זוֹיעֶרְן אוּן טְרוֹיעֶרִיגְן פָּנִים.

מֶען פַארְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ״ל הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן אֵיינֶעם אַרוּם גֵיין מִיט אַ זוֹיעֶרְן פָּנִים אוּן מִיט **מָרָה שְׁחוֹרָה**, הָאט עֶר אִים מוּסָר גֶעזָאגְט: אִיר זֶענְט אַ **בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים**, [אֵיינְס פוּן דִי פִיר נְזִיקִין אִיז, אַז אֵיינֶער מַאכְט אַ גְרוּבּ אִין אַ **רְשׁוּת הָרַבִּים**, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, אוּן אֵיינֶער אִיז דָארְט אַרַיינְגֶעפַאלְן, אִיז מֶען אַ מַזִּיק אוּן מֶען אִיז חַיָּיב,] פְּרֶעגְט דֶער אִיד: וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּעֶן?! הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וִוייבַּאלְד דַיין פָּנִים אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, וַוייל יֶעדֶער קֶען דִיר זֶעהְן, אוּן אַז דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶרְן פָּנִים, וֶוערְן אַנְדֶערֶע

**דו בּיזְט אַ חִידוּשׁ!**

אוֹיךְ זוֹיעֶר, בּיזְטוּ דָאךְ אַ מַזִיק. דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט עֶר יֶעדְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

טו.

**לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה וְגוֹ'** (שְׁמוֹת כ, ד), אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אוּן קַיין שׁוּם תְּפִיסָה, אוּן אַז אוֹיבְן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם גֶעשְׁטַאלְט אוּן אוֹיסְזֶעהְן. נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מָאלְט זִיךְ אוֹיס כִּבְיָכוֹל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַן **אָב הָרַחֲמָן**, עֶר ווִיל אוּנְז הָאבְן, אוּן עֶר ווִיל אוּנְז נָאר מְקַרֵב זַיין.

דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער (שְׁמוֹת כ, ז): **לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ לַשָּׁוְא**, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִיל אִים הָאבְן, אוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס קוּמֶען אִים אַרַיין אִין מַחְשָׁבָה, אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְן, אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן לִיגְנְט אוּן פַאלְשׁ! דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ לַשָּׁוְא**, נֶעם נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס נָאמֶען פַארְן שָׁוְא, פַאר זַאכְן וָואס זֶענֶען פַאלְשׁ, כְּאִילוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, וַוייל דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ מַחְשָׁבוֹת אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְן, אוּן עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט.

טז.

**זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ** (שְׁמוֹת כ, ח), אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַ גַאנְצְן שַׁבָּת זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית): **כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְרֵיידְט זִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, אוּן עֶר אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר

## דו בּיזְט אַ חִידוּשׁ!

וָואלְט גֶעפַּאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּקּוּן כז): אוֹיף יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען פַּאלְט דוּרְךְ מִיט ׳**פְּגַם הַבְּרִית**׳ רַחְמָנָא לִצְלָן, דַארְף מֶען פַּאסְטְן: פ״ד [פִּיר אוּן אַכְצִיג] תַּעֲנִיתִים, קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף צֶען מָאל: אַכְט הוּנְדֶערְט אוּן פֶערְצִיג [840], אוֹיף הוּנְדֶערְט מָאל: אַכְט טוֹיזֶענְט אוּן פִּיר הוּנְדֶערְט [8400] טֶעג, וָואס לֵיידֶער קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, טוֹיזֶענְט מָאל, קוּמְט דָאס אוֹיס: פִּיר אוּן אַכְצִיג טוֹיזֶענְט [84000] תַּעֲנִיתִים, וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט אִין דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר אַזוֹיפִיל טֶעג צוּ פַּאסְטְן, וַוייל אַסַאךְ טֶעג אִין יָאר טָאר מֶען דָאךְ נִישְׁט פַּאסְטְן, וֶועט עֶר לוֹיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן דַארְפְן אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע גִלְגוּלִים, דָא קוּמֶען חֲזַ״ל אוּן זָאגְן אוּנְז אַז בְּלוֹיז מִיט אֵיין שַׁבָּת וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן שַׁבָּת, הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיף אֵיינְמָאל טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן יז): דֶער עִיקָר פוּן שַׁבָּת אִיז דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת. [עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת.] מֶען זֶעהְט אַז דַוְקָא שַׁבָּת וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן עֶר גֵייט לֵיידִיג, לָאזְט עֶר אוֹיס זַיינֶע נֶערְוְון אוֹיף זַיין וַוייבּ וְכוּ׳, דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ״ל (עַיֵּין גִיטִין נב ע״א): עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דֶער שָׂטָן פַּארְנוּמֶען צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת אִין אַ אִידִישֶׁער שְׁטוּבּ. כְּדֵי צוּ צוּשְׁטֶערְן דֶעם שַׁבָּת, אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ זַיין שְׁטִיל אוּן שְׁוַוייגְן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת, וָואס שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ יִתְרוֹ פח ע״א).

### יז.

**לֹא תִּרְצָח, לֹא תִּנְאָף, לֹא תִּגְנֹב** (שְׁמוֹת כ, יג), דִי אַלֶע דְרֵייִ הָאבְּן אֵיין שַׁייכוּת, וַוייל אַז אֵיינֶער אִיז אַ 'נוֹאֵף' אִיז עֶר שׁוֹין רַחְמָנָא לִצְלָן אַ 'רוֹצֵחַ', וַוייל פוּן יֶעדְן טִיפַּת זֶרַע קֶען גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אַ קִינְד. נָאכְדֶעם אִיז עֶר זִיךְ מוֹרֶה הֵיתֶּר צוּ גַנְבֶ'עְנֶען, נָאכְדֶעם זָאגְט עֶר לִיגְנְט, אוּן אַזוֹי זִינְקְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן מֶער אוּן מֶער.

דֶערְפַּאר דַארְף מֶען יֶעצְט וֶוען מֶען לֵיינְט דִי סִדְרָה וִוי אַזוֹי דִי אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אוֹיפְן בַּארְג סִינַי מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּקוּן כז): **קְרִיאָה מְעוֹרֵר אֶת הַזְּמַן.**

### יח.

אַזוֹי וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין נָאנְט צוּ פַּרְשַׁת שְׁקָלִים, וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (שְׁקָלִים ב ע"א): **בְּאֶחָד בַּאֲדָר מַשְׁמִיעִין עַל הַשְּׁקָלִים**, דַארְף יֶעדֶער אִיד נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר בֵּית הַתַּבְשִׁיל [יַבְנְאֵל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל,] וָואס מֶען אִיז מְחַיֶה הוּנְדֶערְטֶער הוּנְגֶעריגֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, בִּפְרַט יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת זֵיי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ יָחִיד בַּדוֹר אִין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען זַיין זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶעלֶע, הָאט אִים אַ גְבִיר אַמָאל גֶעטְרָאפְן לִיגְן אִין בֶּעט, פְרֶעגְט עֶר אִים: יְחֶזְקֶעלֶע, פַארְוָואס לִיגְסְטוּ אִין בֶּעט? בִּיזְט נִישְׁט גֶעזוּנְט?! הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: דֶער טַאטֶע הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען דִי שִׁיךְ, אוּן אוֹיךְ מַיין נַייעֶ סוּט, אוּן דָאס

**דוּ בִּיזְט אַ חִידוּשׁ!**

אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אַ יָתוֹם, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַרוֹיס צוּ גֵיין אַזוֹי. אוּן וִוי בַּאוואוּסְט הָאט מֶען טַאקֶע בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב אִין שְׁטוּבּ אַלֶעס גֶעמוּזְט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם טַאטְן, וַוייל אַלֶעס הָאט עֶר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן כְּדֵי צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

אַמָאל זֶענֶען אִידְן פוּן פּוֹילְן גֶעוֶוען אִין דַייטְשְׁלַאנְד פַאר בִּיזְנֶעס, הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן אַ אוֹיבֶּערְלֶענְדֶער אִיד אָן אַ בָּארְד וֵויינְט, פְרֶעגְן זֵיי אִים: פַארְוָואס וֵויינְט אִיר? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אִיךְ קוּם יֶעצְט אַרוֹיס פוּן דָאקְטָאר, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מַיין זוּהְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, זָאגְן זֵיי אִים: וָואס? דֶער דָאקְטֶער אִיז שׁוֹין אוֹיךְ בַּעַל הַבַּיִת?! פָאר קַיין צַאנְז, וָואס דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, גֶעט אִים צְדָקָה, וֶועט אִיר אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּהְן, וֶוען עֶר אִיז אָנְקוּמֶען קַיין צַאנְז, אוּן עֶר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב, פְרֶעגְט עֶר אִים גְלַייךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: אִיר הָאט פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ? [עֶר הָאט אִים נִיטְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט אוּן וָואס עֶר וִויל וְכוּ׳] עֶנְטְפֶערְט עֶר: יָא! זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: גֶעבְּט אַהֶער דִי 500 רַיינִישׁ, אוּן גֵייט לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

דֶער אִיד גֵייט אַרוֹיס אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט: דִי פּוֹילִישֶׁע שְׁוִוינְדְלֶערְס הָאבְּן מִיר דָא אַרַיינְגֶענַארְט אוּן פַארְשִׁיקְט צוּ עֶפֶּעס אַ אִיד וְכוּ׳, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן: עֶס אִיז מִיר שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּם רוּחַ אַזוֹיפִיל גֶעלְד, זָאל שׁוֹין דִי 500 רַיינִישׁ אוֹיךְ גֵיין צוּם רוּחַ.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער פוּן צַאנְזֶער רָב, דֶער שִׁינָאוֶוער רָב מִיטְן גָארְלִיצֶער רָב וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער שִׁינָאוֶוער רָב פַארְן גַבַּאי: לוֹיף אִים שְׁנֶעל נָאךְ, כְּדֵי מֶען זָאל אִים צוּרִיק

**דו בּיזט אַ חידוש!**

גֶעבּן דִי פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, וַוייל עֶר וֶועט נָאךְ בַּארֶעדְן דֶעם טַאטְן, און עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ חִילוּל הַשֵּׁם, זָאגְט אִים דֶער גָארְלִיצֶער רָב: נֵיין בְּרוּדֶער! אַז דֶער טַאטֶע הָאט פוּן דֶעם אִיד גֶענוּמֶען גֶעלְט, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אִיד אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן, און נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען און גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיין גָאט אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אָבֶּער אַז עֶר הָאט אוֹיךְ אַ פַארְטְרֶעטֶער דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוואוּסְט, וַוייל זַיין זוּהְן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב פַארְוָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן הַיינְט אִין מִקְוָה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק, אַזוֹי ווִי אִיךְ מוּז הֶעלְפְן פַאר אָרִימֶעלַייט, און אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן פִינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ פַאר אַ גֶעוִוויסֶע צְדָקָה, וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער מִיר צוּ גֶעבְּן דֶעם סְכוּם, דֶער וֶועט זִיכֶער זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, און פוּנְקְט אִיז דֶער אִיד גֶעקוּמֶען, און עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז פוּן גֶעבְּן צְדָקָה דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל וִויסְן וואוּ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִין זְכוּת פוּן דִי צְדָקָה, זָאלְן אַלֶע הָמָן׳ס וָואס קְרִיצְן מִיט דִי צֵיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ מַפָּלָה (מְגִלָּה יג ע״ב), אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (שַׁבָּת קלט ע״א): **אֵין יִשְׂרָאֵל נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת הַצְּדָקָה**, אַז נָאר אִין דִי זְכוּת פוּן צְדָקָה וֶועלְן מִיר אַלֶע אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, אָמֵן.

**~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

**מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ.** צוּבִּיסְלֶעךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועל אִיךְ פַּארְטְרַייבְּן דִי גוֹיִם פוּן עֶנְק, בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ פַּארְמֶערְן אוּן יַרְשֶׁ'עֱנֶען דָאס לַאנְד.

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵז זַיין דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצ"ו): אוֹיף דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת ב, י"ג): **וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים,** אַז וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶפֶּעס, טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁ'עֱנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דַוְקָא טוּהְן וָואס עֶר בֶּעהְט, נָאר עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשְׁט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר וַוארְטְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, אוּן זִיךְ לָאזְן פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז נָאר צוּם גוּטְן.

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז זַיין, **מְעַט מְעַט אֲגָרֲשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ,** אַלֶעס וָואס מֶען וִויל אוֹיסְפִירְן מוּז גֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ מִיט אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת, **עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת הָאָרֶץ,** דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה מִשְׁפָּטִים סִימָן ז)

בעזהשי"ת

# קונטרס

# גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג

וואו עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן: פוּן זַיין צוּבְּרָאכְן; פוּן טְשֶׁעפֶּעֶנעְן אַ צְוֵוייטְן; פוּן קְרִיגְן אוֹיפְן צַדִיק; פוּן קִיקְן שְׁמוּץ רח"ל; פוּן דִי צוּ פְּרִימֶע מֶענְטְשְׁן.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

מִשְׁפָּטִים תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט און בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער און פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוּן טוּעֶן אָפּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִישַׁזְבָן, אוּן זֵיי זִינְקֶן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַּךְ אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס כַּךְ וְכַּךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) יֶעצְט אַז דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען הַיינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנֶה הָאט דֶעם כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק ה' מִכְתָּב תר"נ)

# גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג

## א.

**וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (שְׁמוֹת כא, א). זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁמוֹת צד ע״א): **דָּא רָזָא דְּגִלְגּוּלָא** – אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה וָואס רֶעדְט אַרוּם בַּאֲרִיכוּת פוּן אַלֶע דִינִים אוּן הַלָכוֹת אוּן פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, לִיגְט דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן גִּלְגּוּל.

דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס גֶעשֶׁעהְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אַהְנוּנְג וָואס עֶס קוּמְט פָאר, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי בַּאדֵייט דֶערְפוּן. לְמָשָׁל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט רַייךְ אָדֶער אָרֶעם, אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט עֶפֶּעס, אָדֶער עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט חָלִילָה, אָדֶער אֵיינֶער שֶׁעדִיגְט אִים וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ מִיט מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט בַּיי שִׁידוּכִים וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאס אִיז זַאכְן וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְהוֹילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס הָאט צוּטוּהְן מִיטְן גִּלְגּוּל, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיט דֶער סֵפֶר **שַׁעֲרֵי הַגִּלְגּוּלִים** (פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ).

אִין רַשְׁ״י הַקָּדוֹשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִיז שׁוֹין אוֹיךְ מְרוּמָז דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן פוּן גִלְגּוּלִים, אִינֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת כא, יג): **וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס**

שָׁמָּה – אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דִירֶעקְט גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען יֶענֶעם, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי צוּגֶעפִירְט, זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפְן צוּם ׳עָרֵי מִקְלָט׳.

זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י: (הוּא שֶׁאָמַר דָוִד, כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמוֹנִי מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע (שְׁמוּאֵל-א כד, יג.), וּמְשַׁל הַקַּדְמוֹנִי הִיא הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא מְשַׁל הַקָּבָּ״ה שֶׁהוּא קַדְמוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְהֵיכָן אָמְרָה תּוֹרָה ׳מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע׳? ׳וְהָאֱלֹהִים אִנָּה לְיָדוֹ׳.

בַּמֶה הַכָּתוּב מְדַבֵּר? בִּשְׁנֵי בְּנֵי אָדָם, אֶחָד הָרַג שׁוֹגֵג וְאֶחָד הָרַג מֵזִיד, וְלֹא הָיוּ עֵדִים בְּדָבָר שֶׁיָּעִידוּ, זֶה לֹא נֶהֱרַג וְזֶה לֹא גָּלָה, וְהַקָּבָּ״ה מְזַמְּנָן לְפוּנְדָק אֶחָד, זֶה שֶׁהָרַג בְּמֵזִיד יוֹשֵׁב תַּחַת הַסוּלָם, וְזֶה שֶׁהָרַג שׁוֹגֵג עוֹלֶה בְּסוּלָם וְנוֹפֵל עַל זֶה שֶׁהָרַג בְּמֵזִיד וְהוֹרְגוֹ, וְעֵדִים מְעִידִים עָלָיו וּמְחַיְּיבִים אוֹתוֹ לִגְלוֹת, נִמְצָא זֶה שֶׁהָרַג בְּשׁוֹגֵג גוֹלֶה, וְזֶה שֶׁהָרַג בְּמֵזִיד נֶהֱרַג.)

מֶען רֶעדְט דָא פוּן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶע׳הַרְגֶ׳עט אֵיינֶעם אוּמְוֶועלְנְדִיג, אוּן אַן אַנְדֶערֶער הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט אֵיינֶעם מִיט כַּוָונָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵדִים וֶוער עֶס זָאל עֵדוּת זָאגְן, מְמֵילָא הָאט מֶען דֶעם רוֹצֵחַ נִישְׁט גֶע׳הַרְגֶ׳עט, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט בְּשׁוֹגֵג, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת.

אָבֶּער דֶער וֶועלְט אִיז דָאךְ נִישְׁט הֶפְקֵר, פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי צְוֵויי קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמְען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, וואוּ עֶס אִיז דָא דָארְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, דֶער רוֹצֵחַ וָואס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט בְּמֵזִיד זִיצְט אוּנְטֶערְן לֵייטֶער, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט בְּשׁוֹגֵג גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן לֵייטֶער אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ אוֹיף אִים, אוּן עֶר הַרְגֶ׳עט אִים אוֹיף טוֹיט, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין דָא עֵדִים, מְמֵילָא דַארְף עֶר אַנְטְלוֹיפְן אִין גָלוּת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט בְּמֵזִיד וֶוערְט יֶעצְט גֶע׳הַרְגֶ׳עט, אַזוֹי בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע יֶעצְט זֵייעֶר רִיכְטִיגְן אוּן פַּארְדִינְטְן עוֹנֶשׁ.

**גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג**

דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א כד, יג): דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אִין זַיינֶע מְשָׁלִים [וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה]: **מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע** - נָאר פוּן רְשָׁעִים קוּמְט אַרוֹיס שְׁלֶעכְטְס. כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא פָּסוּק אִין דִי תּוֹרָה, גֵייט דָאס אָבֶער אַרוֹיף אוֹיף דֶעם פָּסוּק: **וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ**. וָואס מֶען זֶעהְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה אַז וִויבַּאלְד דִי רְשָׁעִים הָאבְּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, הָאבְּן זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעמוּזְט שְׁלֶעכְטְס טוּהְן אוּן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר פַּאסִיגְן שְׁטְרָאף.

דָאס זָאגְט אוֹיךְ דֶער תַּנָא (אָבוֹת ב, ו): **עַל דַּאֲטֵפְתְּ, אַטְפוּךְ, וְסוֹף מְטַיְּפַיִךְ יְטוּפוּן** - וַוייל דוּ הָאסְט דֶערְטְרָאנְקֶן אַנְדֶערֶע, הָאט מֶען דִיר דֶערְטְרָאנְקֶן, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶוער עֶס הָאט דִיר דֶערְטְרָאנְקֶן, וֶועט אוֹיךְ דֶערְטְרָאנְקֶן וֶוערְן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן: אַז עֶר טוּט רְשָׁעוּת פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר דָאס נָאכְדֶעם צוּרִיק בַּאקוּמֶען. אַמָאל נָאךְ אַ שָׁעָה, אַמָאל נָאךְ אַ טָאג, אַמָאל נָאךְ אַ וָואךְ, אַמָאל נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אוּן אַמָאל נָאךְ אַ יָאר, אוּן אַמָאל נָאךְ אַסַאךְ יָארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט **אֲרִיכַת אַפַּיִם** אוּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶועט עֶר דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כא, כד), וֶוען אֵיינֶער שֶׁעדִיגְט אַ צְוֵוייטְן, דַארְף עֶר דָאס בַּאצָאלְן פּוּנְקְטְלִיךְ לוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן: **עַיִן תַּחַת עַיִן, יַד תַּחַת יַד, רֶגֶל תַּחַת רֶגֶל**. כָאטְשִׁיג רַשִׁ״י בְּרֶענְגְט (בְּשֵׁם חַזַ״ל: בָּבָא קַמָא פד ע״א) אַז עֶס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף נָאר בַּאצָאלְן גֶעלְט, דָאךְ אָבֶער וֵוייסְן מִיר: **אֵין הַמִּקְרָא יוֹצֵא מִידֵי פְּשׁוּטוֹ**, אוּן מֶען וֶועט עֶס פוּן הִימְל צוּרִיק בַּאקוּמֶען פָּשׁוּט אוּן גְרָאד.

**גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג**

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אֵיינֶער אִיז מְצַעֵר זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וֶועט עֶר דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער אָן רַחְמָנוּת, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כא, טו) **מַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת.**

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים. וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק: **וְהָאֱלֹקִים אִ׳נָּה לְ׳יָדוֹ וְ׳שַׂמְתִּי לְ׳ךָ.** וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **אֱלוּ״ל**, וֶוען אִידְן טוּעֶן **תְּשׁוּבָה**, וַוייל אַז מֶען טוּט **תְּשׁוּבָה** קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּהְן שְׁטֶענְדִיג נָאר גוּטְס, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט, אוּן טוּט נָאר גוּטְס, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, ט): **טוֹב הֲוָיָ״ה לַכֹּל.** אַזוֹי דַארְף זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג צוּ טוּהְן שְׁטֶענְדִיג נָאר גוּטְס, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאכְגֵיין אוּן טוּהְן אַלֶע מִדּוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּאֲרִיכוּת אִין דֶעם סֵפֶר ׳**תּוֹמֶר דְבוֹרָה**׳, וָואס דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען הרה״ק **רֶבִּי מֹשֶׁה קוֹרְדְבִירוֹ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, אוּן עֶס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי דְרַייצְן מִדּוֹת פוּן רַחְמִים, וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְטוּהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דֶעם. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער **רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּנֶעם הֵיילִיגְן **דִבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** אַז לֶערְנֶען אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר **תּוֹמֶר דְבוֹרָה** אִיז אַ **סְגוּלָה** אַקֶעגְן יֶענֶע מַחֲלָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן], אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה מֶען טוּט אָפּ שְׁלֶעכְטְס פַאר מֶענְטְשְׁן רַחְמָנָא לִצְלָן, טוּט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ, וַוייל מֶען בַּאקוּמְט עֶס נָאכְדֶעם גוּט צוּרִיק.

חֲזַ״ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת דַף ל): כָאטְשׁ דִי פִיר **מִיתוֹת בֵּית דִין** אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט דָא, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין סַנְהֶדְרִין, אָבֶּער דִי דִין פוּן ד׳ **מִיתוֹת בֵּית דִין** אִיז נָאךְ יָא דָא, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט חָלִילָה וְחַס עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף

אַזאַךְ וָואס עֶס קוּמְט זִיךְ דֶערוּיף חֶנֶק, וֶוערְט עֶר רַחְמָנָא לִצְלָן דֶערְשְׁטִיקְט פוּן גֶעז; דִי זֶעלְבֶּע אוּיבּ אֵיינֶער דַארְף גֶע׳מִשְׁפָּט וֶוערְן מִיט שְׂרֵיפָה, וֶוערְט עֶר פַארְבְּרֶעגְט אִין אַ פַייעֶר; אֵיינֶער מִיט סְקִילָה, וֶוערְט עֶר גֶעכַאפְּט אִין אַן עֶקְסִידֶענְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין, אוּן דִי קַאר דְרֵייט זִיךְ אִיבֶּער אוּיף אִים, אָדֶער עֶר פַאלְט אַרָאפּ אִין אַ טִיפְן גְרוּבּ אוּן עֶס פַאלְן אַרוּיף אוּיף אִים שְׁטֵיינֶער; אֵיינֶער הֶרֶג, הַרְגֶ׳עט מֶען אִים רַחְמָנָא לִצְלָן; וַוייל דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער דִיבּוּר (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקה): וֶוען מֶען זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל אִים וַוייזְן זַיין **פְּנִימִיוּת** וָואס אִיז דָא אִין אִים, וָואלְט מֶען גֶעזֶעהְן ווִי אִין יֶעדֶען עֶקְסְטֶערְן אָדֶער פוּן אִים אִיז תָּלוּי אָן אַ שִׁיעוּר וֶועלְטְן.

אוּיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט (שָׁם סִימָן תקד): וָואס אִיז טַייטְשׁ! אַ אִיד מַאכְט אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט, וֶוערְט אַזוֹי אִין דִי **עוֹלָמוֹת**, מַאכְט עֶר אַזוֹי מִיט דִי הַאנְט וֶוערְט אַזוֹי אִין דִי **עוֹלָמוֹת**.

דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי אֲמָרִים תַּנְיָא, קוּנְטְרֵס אַחֲרוֹן, דַף קס): מֶען זֶעהְט דִי ווָאוּנְדֶער אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, ווִי אַזוֹי אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ׳ וֶוענְדְט זִיךְ אִין אֵיין קְלֵיינִיקַייט פוּן אַ מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט דָא אוּיף דֶער וֶועלְט, וַוייל יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אוּיסְגֶערֶעכֶענְט פּוּנְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף דָאס מְקַיֵים זַיין, אוּן אוּיבּ מֶען אִיז נָאר מְשַׁנֶה אַפִילוּ אֵיין קְלֵיינִיקַייט, אִיז דָאס שׁוֹין פָּסוּל, לְמָשָׁל אַ קָרְבָּן דַארְף מֶען שְׁפְּרִיצְן דִי בְּלוּט מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אוּיבּ הָאט מֶען דָאס גֶעטוּהְן מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט אִיז דָאס שׁוֹין פָּסוּל, אָדֶער לְמָשָׁל תְּפִלִין אַז מֶען הָאט דָאס גֶעמַאכְט אֵיין טְרָאפּ אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען דַארְף,

װֶוערְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֶעגוּמֶען. פוּן דֶעם זֶעהְט מֶען װִי מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב עֶס אִיז אִין הִימְל יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט װָאס אַ מֶענְטְשׁ טוּט דָא אוֹיף דִי װֶועלְט.

װֶועגְן דֶעם, װֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל װִיסְן װִי װַייט עֶר אִיז בַּאהָאפְּטְן צוּ אַלֶע װֶועלְטְן װָאלְט עֶר זִיךְ מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק גֶעװֶוען, אוּן עֶר װָאלְט נִישְׁט גֶעװֶוען אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט אַזַא יֵאוּשׁ אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, װָאס דָאס קוּמְט װַייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט [סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ], עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ.

אוּן פוּן דֶעם קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן, מֶען זִיצְט עֶקְסְטֶער, אוּן מֶען װִיל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע קְלַאפְּט עֶס אוֹיס אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין **שָׁלוֹם בַּיִת** רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, װָאס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ: אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ! בְּמֵילָא קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן מִיט דִי װַייבּ, מִיט חֲבֵרִים וְכוּ׳, אוּן אַלֶעמָאל אִיז יֶענֶער שׁוּלְדִיג.

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער **יֵצֶר הָרַע**: עֶר אִיז מְיַיצֵר דִי רַע - עֶר בַּאשַׁאפְט שְׁלֶעכְטְס. דָאס הֵייסְט, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ: בִּיסְט גָארְנִישְׁט מִיט גָארְנִישְׁט! אוּן װִידֶער דִי **יֵצֶר טוֹב** אִיז מְיַיצֵר דֶעם טוֹב: בִּיסְט יָא גוּט! בִּיסְט יָא װֶוערְד! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ יָא!

דֶערְפַאר דִי אַלֶע װָאס זֶענֶען **׳מְלַמְדִים׳** אוּן **׳מְחַנְכִים׳** [סַיי פַאר קִינְדֶער אִין חֵדֶר, סַיי פַאר בָּחוּרִים, סַיי פַאר חֲתַנִים, סַיי פַאר יוּנְגֶעלַייט], דַארְפְן גוּט װִיסְן דִי װִיכְטִיגְקֵייט פוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים: דוּ בִּיסְט יָא! דוּ קֶענְסְט יָא! דוּ טוֹיגְסְט יָא! דוּ װֶועסְט קֶענֶען! אוּן דוּ װֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס װֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפב): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין **לְכַף זְכוּת**, אוּן טְרֶעפְן בַּיי

זִיךְ אַ **נְקוּדָה טוֹבָה**, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען יֶענֶעם אוֹיךְ דַן זַיין **לְכַף זְכוּת**; אוּן דָאס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעבִּינְדְן אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ דַן **לְכַף זְכוּת**, וֶועט עֶר יֶענֶעם אוֹיךְ דַן זַיין **לְכַף זְכוּת**.

דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (שַׁבָּת קכז ע״ב), דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן **לְכַף זְכוּת**, אַפִילוּ וֶוען מֶען זֶעהְט זַאכְן וָואס קוּקְט אוֹיס אוּמְרִיכְטִיג, פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא: אַ תַּנָא הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעדַארְפְט גֵיין טְרֶעפְן מִיט אַ קֶענִיגְן, מְבַטֵל צוּ זַיין אַ גְזֵירָה, פַאר עֶר אִיז אַרַיין צוּ אִיר הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּהְן דִי תְּפִילִין, [דֶעמָאלְס אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אַגַאנְצְן טָאג מִיט דִי תְּפִילִין], וֶוען עֶר אִיז אַרַיין הָאט עֶר צוּגֶעמַאכְט דִי טִיר, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי תַּלְמִידִים.

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאט אִיר גֶעטְרַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטוּהְן דִי תְּפִילִין? אַז עֶס אִיז אַ טָמֵא׳נֶע פְּלַאץ; אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ פַארְמַאכְט דִי טִיר? אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ סוֹד צוּ רֶעדְן וָואס קֵיינֶער טָאר נִישְׁט וִויסְן; אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה? וַוייל אֶפְשָׁר וֶוען זִי הָאט גֶערֶעדְט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיפְן רֶבִּי׳ן שְׁפֵּייעֶכְץ. הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ שְׁוֶוער, אַז אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען! אוּן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מִיר דַן גֶעוֶוען **לְכַף זְכוּת**, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק אוֹיךְ דַן זַיין **לְכַף זְכוּת**.

אָבֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן הָאט זִיךְ אַלֵיין פַיינְט, הָאט עֶר נָאכְדֶעם יֶענֶעם אוֹיךְ פַיינְט, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ וַוארְפְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דֶערוֹיף, וַוייל יֶעדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין נֶעבֶעךְ זַיין אֵייגֶענֶע פֶּעקֶל צָרוֹת, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט יֶענֶעמְס פֶּעקֶל אוֹיךְ אוֹיפְן קָאפּ, מְמֵילָא וִויל קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְּן

מִיט אִים צוּטוּהְן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְש אִיז שְׁטַארְק מִיט זִיךְ, קֶען עֶר נָאכְדֶעם מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַן אַנְדֶערְן אוֹיךְ, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְש צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

וֶועגְן דֶעם גְלַייךְ נָאךְ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ווִי דִי אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן דִי תּוֹרָה, הֵייבְּט זִיךְ תֵּיכֶף אָן פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, וָואס אִיז פִּיל מִיט הַלָכוֹת פוּן ׳**בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ**׳, ווַייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן דִי תּוֹרָה, אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט חָלִילָה טְשֶׁעפֶּענֶען אָדֶער וֵויי טוּהְן אַ צְוֵוייטְן. לֵיידֶער אִיז דָא נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן פוּן אַ קְרֶענְק, אַז זֵיי מוּזְן מְצַעֵר זַיין יֶענֶעם, וָואס פוּן אַזַאלֶעכֶע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְש בַּיי אוּנְז אִין שׁוּהְל, וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ שָׁאקְלֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן שְׁרֵייעֶן אַז זֵיי זָאלְן עֶנְטְפֶערְן הוֹיעֶךְ: אָמֵן! אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה! [וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אוֹיף יֶענֶעם גֵייט דוּרְךְ, עֶר הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן זִיצְט רוּאִיג אוּן שְׁטִיל אִין זַיין ווִינְקֶל, לָאז אִים מְנוּחָה], אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דַאכְטְן וָואסְפַארַא צַדִיק עֶר אִיז, הַיינְט זִיצְט עֶר אִין תְּפִיסָה, ווַייל עֶר הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן קַאלְיֶע גֶעמַאכְט אַפָּאר קִינְדֶער. ווַייל פוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען צוּ פְרוּם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה (עַיֵין קַב הַיָשָׁר פֶּרֶק נב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טַאטֶע וָואס הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיין זוּהְן: פוּן דִי גָאר פְרוּמֶע זָאלְסְטוּ דִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן. וַיְהִי הַיוֹם דֶער זוּהְן הָאט גֶעהַאט גֶעלְט אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין מַאכְן דֶערְמִיט בִּיזְנֶעס אִין אַ אַנְדֶערֶע מְדִינָה, הָאט זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַ מֶענְטְש אוּן עֶר זָאגְט אִים: אִיךְ הֶער אַז דוּ הָאסְט

### גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג

גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלְט, לָאמִיר מַאכְן אַ 'שׁוּתְּפוּת' אוּן פָארְן אִינְאֵיינֶעם, וְכַּךְ הֲוָה זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם שׁוּתְּפוּת.

אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף זֶעהְט עֶר וִוי דֶער שׁוּתָּף גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט גְרָאד, אוּן עֶר שְׁפְּרִינְגְט אַהֶער אוּן אַהִין, פְרֶעגְט עֶר אִים: וָואס גֵייט פָאר, וָואס טַאנְצְטוּ דָארְט?! זָאגְט עֶר אִים: דוּ זֶעהְסְט נִישְׁט?! דִי גַאנְצֶע עֶרְד אִיז פִיהְל מִיט מוּרִישְׁקֶעס! אִיךְ ווִיל זֵיי נִישְׁט חָלִילָה אָנְטְרֶעטְן אוּן הַרְגֶ'עְנֶען. אִיז אִים דֶעמָאלְס אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ דָאס וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט: פוּן דִי גָאר פְרוּמֶע זָאלְסְטוּ דִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן!

זָאגְט עֶר פַארְן שׁוּתָּף: אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בּוֹיךְ וֵויטָאג, אוֹיךְ מַיין פוּס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן יֶעצְט. וואוּנְדֶערְט זִיךְ יֶענֶער: מֶען וֶועט דָאךְ מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט?! אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט קְלָאר אַז עֶר קֶען נִישְׁט פָארְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ פוּן אִים אָפְּגֶעטְשֶׁעפֶּעט. נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פְרֶעכֶער גַנָב אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ בַּא'גַנְבֶ'עט מֶענְטְשְׁן.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קַיין חַיָה אוּן אַ פֶּרֶא אָדָם, אוּן דָאס נָאךְ מַלְבִּישׁ זַיין מִיט קַנָאוּת, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶעם יְסוֹד: נָאר מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן.

### ג.

אַזוֹי וִוי מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט בַּיים סוֹף פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אוּן דֶעם שַׁבָּת וֶועט מֶען לֵיינֶען פַּרְשַׁת שְׁקָלִים וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל, טז): **לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. אִיז יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע צַייט נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה אוּן חֲרָטָה, אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועט מֶען שׁוֹין אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

## גֶעב זִיךְ אַכְטוּנְג

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, אוּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן **פְּגַם הַבְּרִית**, אוּן **הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה**, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָונוֹת פֶּסַח, דְרוּשׁ א): אִין דִי הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג יָאר וֶוען **אָדָם הָרִאשׁוֹן** הָאט זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן אָפְּגֶעשֵׁיידְט, אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן אִים **זֶרַע לְבַטָלָה**, וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפְן דִי אַלֶע **רוּחוֹת אוּן שֵׁדִים וְכוּ'**, אוּן דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת הָאבְּן גֶעמוּזְט נָאכְדֶעם מְגוּלְגָל וֶוערְן אוּן אַרָאפּ קוּמֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן זִיךְ אוֹיסְמוּטְשֶׁענֶען אוּן אוֹיסְלַייטֶערְן, בִּיז מֶען אִיז עֶנְדְלִיךְ אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן גֶעקוּמֶען צוּ **'קַבָּלַת הַתּוֹרָה'**, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עִיקָר תַּכְלִית פוּן **יְצִיאַת מִצְרַיִם**, מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ג, יב).

דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ש): יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ זֶעהְסְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז נָאר וֶועגְן דִי **בְּחִירָה** אוּן **נִסָיוֹן**. דֶערְפַאר אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ יֶעצְט פָאר: אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט מֶער קוּקְן אוּן אַרַיין קְרִיכְן אִין דִי אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ'. דֶעמָאלְס וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם.

וַוייל בֶּאֱמֶת אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית אוּן מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָלָה קוּמְט אִים מִיתָה (נִדָּה יג ע"א), אוּן פַארְוָואס טַאקֶע אִיז דָאס אַזוֹי הַארְבּ? נָאר אַז מֶען קוּקְט מִיט אַ פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז אוֹיף אַ טִיפּוֹת זֶרַע, קֶען מֶען זֶעהְן דָארְט אַ קָאפּ, הֶענְט, אוּן פִיס (סֵפֶר הַבְּרִית מַאֲמַר טז, פֶּרֶק ג), וַוייל פוּן יֶעדֶע טִיפָּה קֶען בַּאשַׁאפְן וֶוערְן אַ קִינְד. יֶעצְט שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ הַרְגֶ'עסְט אֵיינֶעם רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּיסְטוּ דָאךְ אַ רוֹצֵחַ! אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶע'הַרְגֶ'עט דַיין אֵייגְן קִינְד, בִּיסְטוּ דָאךְ אַ מְשׁוּנָה'דִיגֶע רוֹצֵחַ!

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ צְוֵויי אָדֶער צֶען קִינְדֶער, בִּיסְטוּ דָאךְ אַ מַאסְן מֶערְדֶער! דָאס אִיז 'חַטאוֹת נְעוּרִים'.

אִיז גֶעקוּמֶען דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ (שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ תִּקוּן כז, דַף כג), אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן אַז פַאר יֶעדֶע הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה זָאל מֶען פַאסְטְן פִיר אוּן אַכְצִיג [פ"ד] תַּעֲנִיתִים. וֶוער הָאט דֶען כֹּחַ אַזוֹיפִיל צוּ פַאסְטְן? וָואס דָאס אִיז נָאר פַאר אֵיינְמָאל פְּגַם הַבְּרִית, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט צֶען מָאל גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם, דַארְף עֶר שׁוֹין פַאסְטְן אַכְט הוּנְדֶערְט אוּן פֶערְצִיג (840) מָאל, אוּן אוֹיבּ הוּנְדֶערְט מָאל, דַארְף עֶר שׁוֹין פַאסְטְן אַכְט טוֹיזֶענְט אוּן פִיר הוּנְדֶערְט תַּעֲנִיתִים, וֶוער רֶעדְט נָאךְ נָאכְמֶער, וָואס אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שָׁכִיחַ הַיינְט.

עֶס שְׁטֵייט (רֵאשִׁית חָכְמָה, שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג): הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין בָּחוּר וָואס זָאל זַיין רֵיין פוּן דֶעם חֵטְא; דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִין דִי שְׁטָאט צְפַת, וָואס דֶעמָאלְס אִיז גֶעוֶוען דִי שֶׁענְסְטֶע דוֹר בַּיי אִידְן זַייט חוּרְבְּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וִוי בַּאוואוּסְט, אוּן אַפִילוּ לְהַבְדִיל דִי אַרַאבִּישֶׁע פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּהְן פִיל מִיט שְׁמַאטֶעס אוּן פַארְדֶעקְט דָאס פָּנִים, אַז קוֹים דִי אוֹיגְן הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן, וָואס זָאל מֶען שׁוֹין זָאגְן הַיינְט וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן פוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען יֶעדֶעס טְרָאפֶּעלֶע בּוּשָׁה אוּן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם וִוי דִי חַיוֹת אִין וַואלְד.

נָאכְדֶעם דְרֵייעֶן זִיךְ יוּנְג אוּן אַלְט לֵיידֶער אַרוּם מִיט אַ סֶעלְפָאוֹן וָואס הָאט אִינְטֶערְנֶעט בַּיי זִיךְ אִין טַאשׁ, וָואס מֶען קֶען דָארְט זֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן, אַפִילוּ אֵיינֶער וָואס מֵיינְט אַז עֶר הָאט אַלֶעס בִּקְדוּשָׁה, הָאט עֶר אוֹיךְ פַארְשִׁידֶענֶע בִּילְדֶער וָואס דֶער חַבֵר הָאט אִים נָאר אַרֵיינְגֶעשִׁיקְט פוּן זִיךְ אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דָאס גְלַייכְן, וָואס דָאס וַוייזְט וִוי פַארְדָארְבְּן מֶען

אִיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן. אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אִיז בִּכְלַל אַפִילוּ מֶעגְלִיךְ אִינֶעם גַאנְצֶען לֶעבְּן אַזוֹיפִיל צוּ פַּאסְטְן?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אַפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בְּמֶשֶׁךְ דִי זִיבֶּעצִיג יָאר הָאבְּן נָאר אֵיין הִרְהוּר רַע וֵויינִיגֶער, הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס גֶעלוֹינְט; וַוייל יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע הִרְהוּר אִיז מוֹרָא'דִיג פּוֹגֵם רַחְמָנָא לִצְלָן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיד).

אוּן וֶוער קֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן אַ הִרְהוּר רַע, אוּן נִישְׁט נָאר אֵיין הִרְהוּר רַע, נָאר רַחְמָנָא לִצְלָן אַ גַאנְצְן טָאג הַאלְט עֶר אִין אֵיין טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ, אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ ע"ב): **הַמְהַרְהֵר בְּיוֹם בָּא לִידֵי טוּמְאָה בַּלַיְלָה** - אַז מֶען טְרַאכְט פוּן שְׁמוּץ וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם נִכְשָׁל בַּיינַאכְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי אוּן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"א): כָּאטְשִׁיג דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי רי"ט ע"ב), אַז אוֹיף דֶעם חֵטְא נִיצְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, זָאג אִיךְ: אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר, אוּן בֶּאֱמֶת נִיצְט יָא תְּשׁוּבָה, אוּן אַפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט גָאר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם חֵטְא קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן, דֶער עִיקָר מֶען זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען דָאס מֶער נִישְׁט צוּ טוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הִלְכוֹת תְּפִלִין, הֲלָכָה ד, אוֹת ד): וִוי אַזוֹי קֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קְרִיגְן אוֹיפְן זֹהַר?! אִיז עֶר דָאס מַסְבִּיר: וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא, אִיז עֶר בֶּאֱמֶת נִישְׁט רָאוּי עֶר זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ זֵייעֶר לִיבּ יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר וִויל אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, וַוארְט עֶר נָאר אַז עֶר זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּהְן, דֶערְפַאר מוּז עֶר לָאזְן אַ נִסָיוֹן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל הֶערְן מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי אֱמֶת'דִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי קֶענֶען אִים

פַארֶעכְטְן, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז אַפִילוּ דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאל אוֹיף אִים זָאגְן: עֶס הֶעלְפְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה. "אָבֶּער אוֹיבּ הָאט עֶר דָאךְ רַחְמָנוּת אוֹיף זִיךְ, אוּן מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס וֶועט דָאךְ זַיין מִיט מִיר! אִיךְ וִויל דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן! אוּן דָא אִיז דָא אַזַא צַדִיק וָואס נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער מִיר צוּ פַארֶעכְטְן, קוּקְט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעָה אוּן אוֹיף קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר וֶועט זִיכֶער הָאבְּן אַ תִּקוּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מָלֵא רַחְמִים, אוּן אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה" (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה).

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, זֶעהְט עֶר זִיךְ אִין שְׁפִּיגֶעל וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, אוּן עֶר וֵוייסְט גוּט וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן רַחְמָנָא לִצְלָן, כָאטְשִׁיג קֵיינֶער וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, אוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעהְט עֶר אוֹיס וִוי אַן אֵיידֶעלֶער חֲסִידִישֶׁ'עֶר בָּחוּר אָדֶער יוּנְגֶערְמַאן, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט דָאךְ יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶעהְט אַלֶעס, מְמֵילָא דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר בַּאטְרַאכְט זִיךְ גוּט, אַזוֹי וִוי אִין אַ שְׁפִּיגֶעל, וָואס דָאס הֵייסְט 'רְאִיָה', בַּאקוּמְט עֶר יִרְאַת שָׁמַיִם עֶר פַאנְגְט אָן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'יִרְאָה', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אֵיין שִׁיף מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ', (עַיֵין בַּאֲרִיכוּת: שִׁבְחֵי הָרַ"ן נְסִיעָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וּפְעוּלַת הַצַדִיק סִימָנִים רכ - רכא, וְעוֹד), עֶר הָאט דָארְט גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה פוּנֶעף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן עֶר לִיגְט דָארְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דִי תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אוּן דֶעם מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִוי לְמָשָׁל: רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער (דֶעם

הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זֵיידֶע), **רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְּׁפֶּטִיוְוקֶע, רֶבִּי מֶענְדְל פְּרִימִישְׁלַאנֶער, רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער, זְכוּתָם הַגָּדוֹל תָּגֵן עָלֵינוּ].**

אֵיינְמָאל קוּמְט צוּ אִים אַ אִיד אוּן זָאגְט אִים: רֶבִּי! אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם! ׳וֶוען אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן אִיךְ דַארְף זָאגְן דֶעם **שֵׁם הֲוָיָ״ה**, הֵייבּ אִיךְ אָן אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ צִיטֶערְן אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן׳. זָאגְט אִים **רֶבִּי וָואלְף**: דוּ וֵוייסְט וִויפִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן גְלוּסְטְן אוּן הָארֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַזַא ׳יִרְאָה׳, אוּן דוּ ווִילְסְט דָאס אַוֶועקְוָוארְפְן?! זָאגְט עֶר: אָבֶּער רֶבִּי! אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען. הָאט עֶר מִיט אִים גֶערֶעדְט, אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה דֶערוֹיף [עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט וָואס].

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט. דֶער צַדִּיק לָאזְט אִים אָבֶּער נִישְׁט אָפּ: דֶערְמַאן זִיךְ דָאךְ עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט אַמָאל גֶעטוּהְן?! [דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מַאכְט שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים]. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי׳ן:

אַמָאל הָאט זִיךְ אַ פְרוֹי דֶערְטְרָאנְקֶען אִין **יַם כִּנֶּרֶת**, בִּין אִיךְ גְלַייךְ אַרַיין גֶעטַאנְצְן אוּן אִיר אַרוֹיס גֶענוּמֶען אוּן גֶערַאטֶעוֶועט, [חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה כא ע״ב): וָואס הֵייסְט אַ **חָסִיד שׁוֹטֶה**? אַז עֶר זֶעהְט אַ פְרוֹי דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ אוּן עֶר - וֶועגְן פְּרוּמְקֵייט - רַאטֶעוֶועט אִיר נִישְׁט]. דִי פְרוֹי הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט, גְלַייךְ הָאט דֶער **יֵצֶר הָרַע** אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ טוּהְן מִיט אִיר אַן עֲבֵירָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**! אִיךְ הָאבּ יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אִיר גֶערַאטֶעוֶועט, וָואס חַזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (סַנְהֶדְרִין לז ע״א): **הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא**. אוּן יֶעצְט וֶועגְן דִי אֵיין

יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט מִיךְ צוּ צוּ זִינְדִיגְן, זָאל אִיךְ אַלֶעס פַארְלִירְן ? ! אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּהְן.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְף גֶעזָאגְט: יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין, וָואס הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסט): אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אָפּ פוּן **פְּגַם הַבְּרִית**, וַוייל 'פְּגַם הַבְּרִית' קוּמְט נָאר דוּרְךְ **עַצְבוּת** אוּן **מָרָה שְׁחוֹרָה**.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ דֶער עִיקָר אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, כָאטְשִׁיג דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צְוִוינְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ; מֶען זֶעהְט: אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַאסְטְן אוּן מַאכְן אַלֶע סִיגוּפִים, לוֹיפְן אִין פֶעלְד אָדֶער אִין וַואלְד, זִיךְ קוֹילֶערְן צְווִישְׁן דֶערְנֶער, אָבֶּער זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן כַאפְּן אַ טֶענְצְל אוֹיף אַ נִיגוּן, דָאס קֶען עֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּאוַוייזְן.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּצַוֶה קפ"ד ע"ב): **חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה עִלָּאָה** - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייְדְט זִיךְ, צִיהְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פוּן הִימְל; קוּמְט אוֹיס אַז שִׂמְחָה אִיז דִי עִיקָר קְדוּשָׁה פוּן אַ אִיד.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שִׂמְחָה, וָואס עֶר אַלֵיין אִיז דֶער בֶּן הַשִּׂמְחָה, [דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן **רֶבִּי שִׂמְחָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָאס מְרַמֵז (לִיקוּטֵי

## גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג

מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב) אוּן עֶר שְׁרַייבְּט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: דֶער צַדִּיק אִיז 'מְנַחֵם' **הַכֹּל** וּ'**מְשַׂמֵּחַ' הַכֹּל**.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס זַיין טַאטֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִּיק, מֶען הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען זַיין נָאמֶען [**נַחְמָן**] אוּן זַיין טַאטֶעס נָאמֶען [**שִׂמְחָה**], וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּנֶעם צַדִּיק, אַז עֶר אִיז אוּנְז מְנַחֵם אוּן מְשַׂמֵּחַ.

וֶועגְן דֶעם, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל ווִיסְן צוּ זַיין **תְּשׁוּבָה** אִיז שׁוֹין **נִתְקַבֵּל** גֶעוָוארְן, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיבּ עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוּן עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן, אִיז עֶר נָאךְ טִיף בַּיי דִי קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחְרָא, אוּן עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּהְן.

קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין צוּבְּרָאכְן, אוּן אַז אִין הִימְל הָאט מֶען זֵייעֶר לִיבּ אַ '**לֵב נִשְׁבָּר**', עֶס שְׁטֵייט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ (תְּהִלִּים נא, יט): **לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה**. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער **יֵצֶר הָרַע** ווִיל אִים יֶעצְט אַרַיין כַאפְּן אִין **עַצְבוּת**, נָאר עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט **מִצְווֹת** (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הוֹדָאָה הֲלָכָה ו'; לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א). אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן כד): עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ קוּמֶען פוּן אַ **לֵב נִשְׁבָּר** צוּ **מָרָה שְׁחוֹרָה**, ווִי פוּן **שִׂמְחָה** צוּ **הוֹלֵלוֹת**.

וַוייל וֶוען אַ אִיד פְּרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, ווִי לְמָשָׁל: בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מְזוּזָה, תְּפִלִּין, צִיצִית וְכוּ', אִיז עֶר בַּיים

בַּאשֶׁעפֶּער. אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.** וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר! אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳.

## ה.

אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, טְשֶׁעפֶּעט עֶר שׁוֹין נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן, וַוייל נָאר אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, נֶעמְט זִיךְ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז שְׁוַואכֶער פוּן אִים, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ, וִויל אַז פַאר יֶענֶעם זָאל אוֹיךְ גֵיין גוּט אוּן יֶענֶער זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל פַאר זִיךְ הָאט עֶר שׁוֹין גֶענוּג, אַזוֹי וְוי חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ד, א): **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ.**

אוּן דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן **צְדָקָה** אוּן הֶעלְפְן יֶענֶעם. וְויבַּאלְד אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ וִויל אִיךְ אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ. ״וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַארְלַיידְן אַז יֶענֶער גֵייט אַרוּם מִיט אַן אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶער נָאז״, אָבֶּער אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, טְרֶעפְט עֶר בַּיי יֶענֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כד), אַ מוֹרָא׳דִיגֶער גִילוּי אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה (בְּכוֹרוֹת ח ע״ב): וֶוען **רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא** אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי אַלְטֶע לַייט פוּן דִי שְׁטָאט אַתּוּנָא-גְרִיכְלַאנְד, [זֵיי הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעהֵייסְן דִי גְרֶעסְטֶע חֲכָמִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְשִׁידֶענֶע שְׁאֵלוֹת אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶענְטְפֶערְט].

אֵיינְס פוּן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת אִיז גֶעוֶוען: **[אֶמְצָעוּתָא דְּעָלְמָא הֵיכָא]**, וואוּ אִיז דֶער מִיטְן פוּן דִי וֶועלְט? **[זַקְפָּא לְאֶצְבָּעָתֵהּ, אָמַר לְהוּ הָכָא]**, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע פִינְגֶער אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: דָא! **[אָמְרוּ לֵהּ, מִי**

יֵימַר? אָמַר אַיְתוּ אַשְׁלוּ וּמוֹשְׁחוּ], הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְּרֶעגְט: וֶוער זָאגְט דִיר דָאס? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: גֵייט בְּרֶענְגְט שְׁטְרִיק אוּן מֶעסְט דָאס אוֹיס.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם: אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז וואוּ עֶר אִיז, דָארְט אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִמֵילָא אִיז דָארְט אִינְמִיטְן פוּן דֶער וֶועלְט. קוּמְט גְלַייךְ דִי סִטְרָא אַחְרָא אוּן פְרֶעגְט: מִי יֵימַר? דוּ בִּיסְט דֶען עֶפֶּעס וֶוערְט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אַזוֹי אוֹיפְטוּהְן? דִי תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז: אַיְתוּ אַשְׁלוּ וּמוֹשְׁחוּ, מֶען זָאל בְּרֶענְגְן שִׂמְחָה וֶועט מֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצַייגְן. דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹרָא׳דִיג פְרֵיילִיךְ פַּאנְגְט עֶר אָן אַנֶערְקֶענֶען אַז וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט, מִמֵילָא אִיז דָארְט דֶער מִיטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז דָארְט. אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סוּכָּה נג ע״א): **הִלֵל** הָאט גֶעזִינְגֶען בַּיי שִׂמְחַת בֵּית הַשׁוֹאֵבָה: **אִם אֲנִי כַּאן הַכֹּל כַּאן וְאִם אֵין אֲנִי כַּאן מִי כַּאן** – אוֹיבּ אִיךְ בִּין דָא, אִיז אַלֶעס דָא, אוּן אוֹיבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא וֶוער אִיז דֶען דָא?

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז כָאטְשִׁיג הִלֵל אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע מִצְוֹות, אַז עֶר הָאט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: אַז וואוּ עֶר אִיז, דָארְט קוּמְט אַלֶעס פָאר, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ פְרֵיידְט עֶר זִיךְ מִיט זַיינֶע מִצְוֹות, הָאט עֶר שׁוֹין מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּטוּהְן, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז וואוּ עֶר אִיז, דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**ו.**

וֶועגְן דֶעם אִיז **חוֹדֶשׁ אֲדָר** אַזַא פְרֵיילִיכֶע חוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ״ט ע״א): **מִשֶׁנִכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה**. וַוייל הָמָן [וָואס שְׁטַאמְט פוּן

עֲמָלֵק, אַן אֵיינִיקְל פוּן עֵשָׂיו, וָואס דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂיו אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין], וויל נָאר מַכְשִׁיל זַיין מֶענְטְשְׁן מִיט פְּגַם הַבְּרִית, אוּן אַזוֹי אַרוּם חָלִילָה אָפְּמֶעקְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זַיין עִיקָר עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט אוּן צוּבְּרָאכְנְקֵייט אִין אַ מֶענְטְשׁ, וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע צָרוֹת, מֶען פַארְפְּלָאנְטֶערְט זִיךְ אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם **חוֹדֶשׁ אֲדָר** - אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה, וַוייל אַזוֹי וִוי פַאר **חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי** וֶוען עֶס קוּמְט דֶער **יוֹם הַדִּין** הָאט מֶען אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם **חוֹדֶשׁ אֱלוּל** תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן מִיִּרְאָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען גֵייט אִים דַן זַיין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַאר **חוֹדֶשׁ נִיסָן**, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ פוּן דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא ע"א): **בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל**. הָאט מֶען אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה כְּדֵי אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן מֵאַהֲבָה מִיט לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מט), וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פְרֵייליךְ, דָאס אִיז **תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה**.

ז.

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן 'מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל' וָואס יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ צוּ עֶר אִיז אָרֶעם צוּ רַייךְ הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דַוְוקָא אַ הַאלְבֶּע שֶׁקֶל, צוּ וַוייזְן אַז אַלֵיינְס אִיז מֶען נָאר הַאלְבּ, מֶען מוּז אוֹיךְ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד (עַיֵּין אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ שְׁמוֹת ל, יג; לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, שׁוּתְּפִים בְּקַרְקַע הֲלָכָה ה, אוֹת כה).

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֵייט דָאס אַרוֹיף אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְּרִיעֶר, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶוערְט מֶען אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וִוילַאנְג מֶען אִיז אַ בָּחוּר אִיז מֶען אַ **פְּלַג גּוּף** - הַאלְבֶּער גוּף (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וַיִּקְרָא דַף פא).

דֶערְפַּאר דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, זִיךְ זָארְגְן אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער, אוּן וֶוער עֶס הָאט נָאר אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף אַנְדֶערֶע זָאל טוּהְן אִין דֶעם, אוּן מְעוֹרֵר זַיין דֶערוֹיף, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר, וַוייל אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען כָּאטְשׁ פַּת בְּסַלּוֹ. ווִידֶער זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ד, ט-י): **טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד וְכוּ׳, כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ וְכוּ׳.** אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי, קֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן הֶעלְפְּן.

נָאכְדֶעם דַארְף זִיךְ אֵיין אִיד מִיטְן צְוֵוייטְן פַּארְטְרָאגְן, אוּן ווִיסְן: אִיךְ בִּין נָאר אַ הַאלְבֶּער, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיד אִיז אַ הַאלְבֶּער, אוּן צוּזַאמֶען זֶענֶען מִיר אַ גַאנְצֶער אִיד.

וָואס אִיז אָבֶּער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם? ס׳ זֶעכְצִיג, מ׳ פֶערְצִיג; דָאס הֵייסְט עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: אִיךְ בִּין מֶער פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער אִיז ׳פֶערְצִיג׳ אוּן אִיךְ בִּין ׳זֶעכְצִיג׳. אָדֶער פַּארְקֶערְט: יֶענֶער אִיז זֶעכְצִיג אוּן אִיךְ בִּין נָאר פֶערְצִיג, אוּן אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת ל, טו): **הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה**, הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּ גְרוֹיס. **וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט** הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְלֵיין. מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע קִינְדֶער פוּן **אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב**, מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע אִין צָרוֹת, אוּן מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע גְלִיקְלִיךְ, מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֵייגְט תְּפִלִין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, מְמֵילָא אַז מֶען טְרַאכְט אַזוֹי וֶועט שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט מַזִּיק זַיין דֶעם אַנְדֶערְן.

אוּן דָאס הָאט הָמָן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר הָאט עֶר מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ג, ח): **יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים**, חָלִילָה אַז אִידְן פַּארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

גֶעזָאגְט (מְגִילָה יג ע״ב): דוּ רָשָׁע! דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט אַ ׳מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל׳, אוּן דוּ וֶועסְט זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

מֶען זֶעהְט טַאקֶע וִוי אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא אַנְדֶערֶע רְשָׁעִים, מִיט אַנְדֶערֶע נֶעמֶען, וָואס זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען אָפְּוִוישְׁן דִי תּוֹרָה חָלִילָה, זֵיי וֵוייסְן אָבֶּער נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן אָפְּגֶעוִוישְׁט וֶוערְן אַסַאךְ פְּרִיעֶר, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

דָאס אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן **פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים** וואוּ עֶס שְׁטֵייט אַלֶע דִינִים: אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַזִיק זַיין אַ צְוֵוייטְן, צוּ **פַּרְשַׁת שְׁקָלִים** וואוּ עֶס שְׁטֵייט פוּן ׳מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל׳, צוּ וַוייזְן אַז מֶען מוּז הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, בְּמֵילָא וֶועט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מַזִיק זַיין, וַוייל אֵיין הַאנְט וֶועט דָאךְ נִישְׁט קְנַאקְן דֶעם אַנְדֶערְן הַאנְט, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה וָואס דָאס אִיז **חוֹדֶשׁ אֲדָר** דִי חוֹדֶשׁ הַשִּׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעזָאגְט: עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערֶענְט ׳**אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל**׳ פוּן צְוֵויי גוֹיִם **שִׁיכּוֹרִים** [וִוי בַּאוואוּסְט הָאט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר ׳**פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם**׳ אַרוֹיסְצוּנֶעמְן אִידְן פוּן תְּפִיסוֹת].

אֵיינְמָאל אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ וֶוערְצְהוֹיז, זֶעהְט עֶר וִוי אֵיין **שִׁיכּוֹר** טְרוּנְקְט פוּן זַיין פְלֶעשְׁל, נָאכְדֶעם גֶעט עֶר פַארְן אַנְדֶערְן אוֹיךְ צוּ טְרִינְקְן פוּנֶעם זֶעלְבְּן פְלֶעשְׁל [אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר בַּיי גוֹיִם שִׁיכּוֹרִים], אוּן עֶר זָאגְט אִים: דוּ וֵוייסְט! אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ. פְרֶעגְט דֶער צְוֵוייטֶער: וואוּ טוּט מִיר וֵויי? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט. זָאגְט עֶר אִים: אוֹיבּ אַזוֹי אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט לִיבּ!

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט: אַזוֹי דַארְף אֵיין אִיד שְׁפִּירְן דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן וֶוען מֶען וֶועט זוֹכֶה

זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם, וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אִין דֶעם פִּיוּט (יוֹצֵר לְמוּסָף שֶׁל פַּרְשַׁת שְׁקָלִים): **וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבַיִת נָכוֹן וְנִשָּׂא.** וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דֶעם גַאנְצְן שֶׁקֶל. וַוייל מִיר וֶועלְן אַלֶע גֶעוָואר וֶוערְן אַז יֶעדֶער דַארְף הָאבְּן דֶעם **בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים**, מִמֵילָא פַאלְט אַוֶועק דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוּן פָּאלִיטִיק, אִיבֶּערְהוֹיפְּט דָאס וָואס מֶען קְרִיגְט לֵיידֶער אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְט דָאךְ אוֹיף אַן אַנְדֶערְן: עֶר אִיז דֶער אֶמֶתְ׳ער עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע וִויסְן וֶוער אִיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל; קסד): דֶער צַדִיק אִיז אַ דָאקְטֶער; וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶער דָאקְטֶער? אַז אִיךְ זֶעה אַז עֶר הָאט מִיךְ גֶעהָאלְפְן, אוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן מַיין בִּיטֶערֶע קְרַאנְקְהֵייט, וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז טַייטְשׁ, אַז עֶר קֶען מִיךְ הֶעלְפְן, אַז כָאטְשִׁיג אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער אוּן נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶועןְ אַזַא מִין נִידֶערִיגֶע נְשָׁמָה אַזוֹי וִוי מִיר, אוּן דָאךְ הָאט מִיךְ דֶער צַדִיק אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מַיין בְּלָאטֶע. אוּן עֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט עֶפֶּעטֶען דֶעם ׳חוּמָשׁ׳ אוּן מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען ׳מִשְׁנַיוֹת׳, בִּיז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. אוּן אַז אִיךְ זָאל עֶפֶּעטֶען אַ ׳גְמָרָא׳ יֶעדְן טָאג, אוּן לֶערְנֶען שַׁ״ס אִין אַ רֵייעֶ.

אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן: אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, אוּן זָאגְן יֶעדֶע בְּרָכָה עֶרְלִיךְ; אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְפֶעלְן צוּ גֵיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּהְל דַאוֶונֶען שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי אַז

**גֶעבּ זיך אַכְטוּנְג**

מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זיך גֶעטוּישְׁט, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער אִיד, אוּן צוּ אַזַא אֵיינֶעם דַארְף אִיךְ מִיךְ צוּקְלֶעבְּן, וַוייל עֶר טוּט דָאךְ מִיר מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבוֹת.

אָבֶּער אַז אִיךְ גֵיי סְתָּם צוּ אֵיינֶעם וָואס עֶס גִיסְט זיךְ פוּן אִים פֶּערְל וֶוערְטֶער, אָדֶער עֶר רֶעדְט פוּן קַבָּלָה אוּן עוֹלָמוֹת וְכוּ׳, טִיפֶע זַאכְן וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע דְרָשָׁה, אוּן אִיךְ בְּלַייבּ וַוייטֶער מִיט מַיין שְׁמוּץ, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דֶעם?!

דִי גְמָרָא בְּרֶענְגְט (שַׁבָּת פ״ב ע״א): **רַב הוּנָא** הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּן **רַבָּה**: פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט צוּ **רַב חִסְדָא** לֶערְנֶען? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: טַאטֶע! וָואס הָאבּ אִיךְ דָארְט צוּ גֵיין עֶר רֶעדְט דָאךְ סְתָּם שְׁטוּתִים, וִוי אַזוֹי זִיךְ אָפּ צוּ ווִישְׁן, [אַמָאלִיגֶע צַייטְן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען אִיז אַרוֹיס פַאר דִי גֶעבְרוֹיכְן, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּווִישְׁן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פַּאפִּיר, מֶען הָאט גֶענוּצְט שְׁטֵיינְדְלֶעךְ, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה׳דִיגֶע זַאךְ, וַוייל עֶס אִיז שַׁארְף, אוּן עֶס הָאט זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעקֶענְט אָפְּרַייסְן דִי שִׁינֵי הַקַּרְקַשְׁתָּא [גָאלְדֶענֶע אָדֶער], דָארְט וואוּ דִי חוּט הַשֶּׁדְרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ אוּנְטְן, דֶערְפַאר הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע שְׁטֵיינֶער צוּ נִיצְן], הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: עֶר לֶערְנְט דִיר דָאךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז שְׁטוּתִים?!

וֶועגְן דֶעם אַ עֶרְלִיכֶער אִיד הֵייסְט וֶוער עֶס קֶען מִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן בְּלָאטֶע, אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען אַז אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן עֶר לֶערְנְט מִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי אָנְצוּהֵייבְּן גוּט דֶעם טָאג. אַז וֶוען אִיךְ לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן זָאל אִיךְ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, [בִּפְרַט דִי קְרִיאַת שְׁמַע פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס דָארְט זָאגְט מֶען ווִידוּי, אוּן דָאס

נֶעמְט נִישְׁט מֶער ווי זִיבְּן אַכְט מִינוּט], אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ ווי אַ אִיד פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף ווי אַ אִיד.

וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט אִין 'שׁוּלְחָן עָרוּךְ' (אוֹרַח חַיִים א, א): **יִתְגַּבֵּר 'כָּאֲרִי' לַעֲמוֹד בַּבּוֹקֶר** - מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן ווי אַ לֵייבּ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין. **אַרְיֵה** אִיז דִי אוֹתִיוֹת יִרְאָה, וַוייל גְלַייךְ צוּפְרִי דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ ווי אַ פֶערְד שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווי אַ פֶערְד.

מֶען זֶעהְט אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אַזַא יִאוּשׁ, עֶס אִינְטֶערְסִירְט זֵיי מֶער נִישְׁט דָאס לֶעבְּן, בִּיז מֶען טְרַאכְט שׁוֹין: הַלְוַואי שְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן...

אָבֶּער אַז מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן מֶען גֶעט אִיבֶּער דִי נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זָאגְט בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי, שְׁטֵייט מֶען אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, מֶען דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה. דָאס הֵייסְט אַ צַדִיק, עֶר לֶערְנְט מִיךְ אוֹיס ווי אַזוֹי צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד.

אָבֶּער דֶער טֶבַע פוּן מֶענְטְשְׁן אִיז אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ אֵיינֶער וָואס מַאכְט פַּאקְסְן, עֶר גֵייט מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ וְכוּ', וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֲנָוָה, נָאר אַ פָּשׁוּטֶ'ער נַארִישְׁקֵייט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצז), אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעקֶענְט דִי אֱמֶתֶ'ע גְדוֹלֵי וּמַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר, וֶועט עֵדוּת זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ ווי שׁוֹטִים, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין מָאדְנֶע תְּנוּעוֹת, לְמָשָׁל: דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶ'ער רֶבִּי **בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין אֵיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאקְס, דָאךְ וֶוען מֶען הָאט אִים

**גֶעבּ זיך אַכְטוּנג**
נָאר אָנְגֶעקוּקְט אִיז גֶעפַאלְן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע יִרְאָה אוּן אַהֲבָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארָאוֶועןְ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד.

וָואס הֵייסְט אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד? אַז מֶען אַנֶערְקֶענְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. כָאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא לֵצִים וָואס לַאכְן פוּן דֶעם, אוּן פְרֶעגְן מִיט גֶעשְׁפֶּעט: דוּ רֶעדְסְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער? וָואס עֶנְטְפֶערְט עֶר דִיר?! אָבֶער וֶוער עֶס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעהְט שׁוֹין זֵייעֶר גוּט וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט אִים: עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאן אָן אַ שִׁיעוּר זַאכְן מִיט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶנְטְפֶערְט אִים, דָאס הֵייסְט אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד.

בִּיז דֶערְוַוייל וָואס טוּט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם? עֶר נֶעמְט פָּשׁוּטֶ׳ע שְׁוֶועןְץ אוּן לֵיידִיגֵייעֶרְס, וָואס זֵיי קֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אוּן עֶר מַאכְט זֵיי גְרוֹיס, אוּן עֶר הֵייבְּט זֵיי אוֹיף גָאר הוֹיעֶךְ, וָואס דָאס אִיז דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק: **חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעֲלָה** (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, שַׁבָּת הֲלָכָה ה, אוֹת ט).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן! דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ. וֶועגְן דֶעם יֶעצְט אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ ׳אֲדָר׳, וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים קי״ט, ק״ס): **ר׳אשׁ ד׳בָרְךָ אֶ׳מֶת** (הַשְׁמָטוֹת מִסִּפְרֵי רַבֵּינוּ בְּסוֹף חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן מַהֲדוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוֹת ב). זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נָאר הַאלְטְן בַּיים אֱמֶת, אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס קוּקְט אוֹיס וִוי פָּשׁוּט׳ע זַאכְן אָבֶער אִין הִימֶעל אִיז דָאס מוֹרָא׳דִיג

חָשׁוּב, אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם שֶׁקֶר אוּן סַמֶ״ךְ מֶ״ם, וָואס דָאס אִיז צוּבְּרָאכֶענְקֵייט אוּן יִאוּשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קלג): דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִיל מִיט לֶעכְט, נָאר דָאס קְלֵיינֶע הֶענְטֶעלֶע פַארְדֶעקְט אַלֶעס. דָאס הֵייסְט: דֶער צַדִיק קֶען מְגַלֶה זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי אָפֶען, בִּיז מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, פְּרֶעגְט אִים אַ מֶענְטְשׁ: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? עֶנְטְפֶערְט עֶר: דָארְט אוּן דָארְט. גֶעט יֶענֶער אַ מַאךְ אַוֶועק מִיט דִי הֶענְט, אוּן וֶוער עֶס אִיז אַ טִיפֵּשׁ הָאט שׁוֹין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז דֶער אוּן דֶער הָאט אַוֶועק גֶעמַאכְט.

אָבֶּער אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל 'שֵׂכֶל', וָואס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **שׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ** (אֵיכָה ב, יט). דָאס הֵייסְט, אַז מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין: וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיס אוּן מֶען וֶוערְט גֶעוָואר וְויפִיל מֶען דַארְף נָאךְ פַארֶעכְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן סז): דֶער צַדִיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער עִיקָר עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ. בְּמֵילָא הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּ טוּהְן מִיט אַ צְוֵוייטְן.

## ח.

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן פּוּרִים, ווייל פּוּרִים קוּמְט מֶען צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה פוּן: **מוֹחִין דְאַבָּא** - אַ מֹחַ פוּן אַ טַאטֶע (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַפּוּרִים פֶּרֶק ו׳), [דָאס הֵייסְט, אַ בָּחוּר אִיז אַ הַאלְבֶּער גוּף אוּן עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן אַפִילוּ אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט נָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, ווייל מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ ווייבּ, נָאר וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי וֶועקְן אִים אוֹיף פוּן שְׁלָאף וְכוּ׳ נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי וֶוערְן גְרֶעסֶער אוּן מֶען

**גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג**

דַארְף זֵיי טְרָאגְן אִין חֵדֶר, אוּן דֶער מְלַמֵד שִׁיקְט אַהֵיים אַ קִינְד וְכוּ׳, דֶעמָאלְטְס הֵייבְּט מֶען אָן צוּ זֶעהְן, וִוי שְׁטַארְק טַאטֶע אוּן מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ מִיט מִיר גֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן יֶעצְט בַּאצָאלְט מֶען מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף זִיךְ מוּטְשֶׁענֶען], אוּן דָאס בַּאקוּמְט מֶען פּוּרִים, אַ ׳גַדְלוּת הַמוֹחִין׳.

אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דִי מִנְהָג אַז מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ, צוּ וַוייזְן אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶער שְׁפִּיל, אוּן מֶען קֶען זִיךְ גוּט פַארְשְׁטֶעלְן, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן אוּן גוּט זֶעהְן: וָואס אִיז חָשׁוּב פַאר מִיר, אוּן וֶוער קֶען מִיר רַאטֶעוֶועֶן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן, וָואס נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן, מֶען זָאל מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין שׁוֹין צוּ זֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פַאר מִיר אַ תְּרוּמָה. לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אִין פָּסוּק, "וְיִתְּנוּ" לִי תְּרוּמָה, דִי אִידְן זָאלְן "גֶעבְּן" תְּרוּמָה, פַארְוָואס שְׁטֵייט "וְיִקְחוּ"?

מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קט"ז): וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:): כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת מְרַחֲמִין עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת פוּן הִימְל,קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֶעבְּט צְדָקָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן דֶעמָאלְטְס מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעבְּן שֵׂכֶל, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת לג.): אַז אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן עֲבֵירוֹת וַוייל אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל (סוֹטָה ג.).

אוּן דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַארְן מִשְׁכָּן, שְׁטֵייט וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען, וַוייל מִיט דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן צְדָקָה הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט טוּהְן קַיין עֲבֵירוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ תְּרוּמָה תשס"ג לפ"ק)

בעזהשי"ת

# קונטרס

# דער באשעפער דארף דיך יא

ווי עס ווערט ערקלערט אז דורכדעם וואס מען איז פרייליך, ווערט מען געוואר דעם 'אמת', אז "דער באשעפער דארף מיך יא" !

פארגעלערנט דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

פרשת תרומה תשע"ג

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי, דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט, וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין יֶעדְן פְּרַט אוּן פְּרַט, וּבִפְרַט מִיט מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וּבִפְרָטִיוּת וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ, צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ שִׂמְחָה, אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

(אַשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק ה׳ מִכְתָּב תקס״ה)

# דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דַארְף דִיךְ יָא

א.

אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס צַייטְן הָאט דֶער צַאר פוּן רוּסְלַאנְד גֶעוָואלְט אַרוֹיס גֶעבְּן אַ גְזֵירָה אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער, דִי גְזֵירָה אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זֵיי צוּכַאפְּן קְלֵיינֶערְהֵייט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אַלְץ גוֹיִם רַחְמָנָא לִצְלָן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן שְׁפֶּעטֶער זַיין סָאלְדַאטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעפֶּערְלִיךְ אַיינְגֶעריסְן מִיט תְּפִלָּה, מְבַטֵל צוּ זַיין דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ טַעֲנָה, פַארְוָואס פַאר אַנְדֶערֶע צַדִיקִים גֵייט דָאס נִישְׁט אַזוֹי אִין לֶעבְּן, אוּן מַאכְן נִישְׁט אַזַא גֶעוַואלְד (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן א; ו; רעז, שצח).

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קלא): אַזוֹי וִוי עֶס אִיז יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֲדָר, אוּן עֶס קוּמְט שׁוֹין פּוּרִים וֶוען אִידְן וֶועלְן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען פוֹעֵל׳ן אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי גְזֵירָה, אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט פַאר נָאךְ פוּנֶעף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז עֶס לֵיידֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן י): **כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם, דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִין** - וֶוען עֶס אִיז דָא חַס וְשָׁלוֹם דִינִים אוֹיף אִידְן אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען מַמְתִּיק זַיין דִי

דִינִים. וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן מֶען קֶען דוּרְךְ שִׂמְחָה פּוֹעֵל׳ן מֶער וִוי מִיט סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע זַאךְ.

לְמַעֲשֶׂה זֶעהְט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען עֶנְדֶערְשׁ טוּהְן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר קֶען פַאסְטְן, זִיךְ קוֹילֶערְן אִין שְׁנֵיי, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע סִיגוּפִים, אָבֶּער נָאר נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מִיט עֲבֵירוֹת, אַז דָאס שְׁלֶעפְּט אִים אַרָאפּ נָאר צוּ זַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועגְן דֶעם אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כד), עֶס דַאכְט זִיךְ נָאר אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז שִׂמְחָה אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעהְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַמָאל דַאכְט זִיךְ אוֹיף אֵיינֶעם אַז עֶר אִיז אַ מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר פָּשׁוּט אַ ׳**לֵב נִשְׁבָּר**׳, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען זֶעהְט אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ עֶר טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט, אוּן עֶר מַאכְט וֶוערְטְלִיךְ אוּן לֵיצָנוּת פוּן אַנְדֶערֶע, מֵיינְט עֶס נָאךְ נִישְׁט אַז עֶר אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ, פַארְקֶערְט עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דוּרְכְגֶעפּוֹילְט מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, נָאר עֶר פַארְשְׁטֶעלְט דָאס מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט, זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן וֶועמֶען מֶען הֶערְט זִינְגֶען, וַוייל אוֹיבּ חָלִילָה מֶען הֶערְט פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, שַׁאדְט דָאס זֵייעֶר, אוּן עֶס צִיהְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ג).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן מב): עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק צְווִישְׁן אַ **לֵב נִשְׁבָּר** אוּן עַצְבוּת, וַוייל אַ **לֵב נִשְׁבָּר** אִיז בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ, נָאר עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**! אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר! אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ רַייס זִיךְ אָפּ פוּן דִיר חַס וְשָׁלוֹם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ

פַאל שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ! און דָאס גְלַייכְן. אַזוֹי קוּמְט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בֶּענְקְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר ווִיל נָאר זַיין נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קוּמְט אוֹיס אַז אַפִילוּ עֶר הָאט יֶעצְט אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' און עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**! וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוָואלְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען און זַיין וואוּיל, און עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט. דָאךְ אָבֶער אִיז עֶר בֶּאֱמֶת **בְּשִׂמְחָה**, וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז נָאר דָא 'שִׂמְחָה', און אַלֶעס אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים-א טז, כז): **עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ**. אָבֶער **עַצְבוּת** אִיז, אַז עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ און עֶר הָאט נָאר קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן, און עֶר אִיז פוּל מִיט סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים אִין דִי אֱמוּנָה.

דִי גְמָרָא זָאגְט סוֹף מַסֶכֶת תַּעֲנִית (דַף כט ע"א): **מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה**. טַייטְשְׁן צַדִיקִים, וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֲדָר, **מַרְבִּין** - פַארְמֶערְט מֶען דִי קְדוּשָׁה, **בְּשִׂמְחָה** - דוּרְךְ שִׂמְחָה. וַוייל מִיט שִׂמְחָה פַארְמֶערְט מֶען דִי קְדוּשָׁה.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י): דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן **מָרְדְכַי** און **אֶסְתֵּר**, וָואס 'אֶסְתֵּר' וַוייזְט אוֹיף טַאנְצְן מִיט דִי פוּס, און 'מָרְדְכַי' אוֹיף פַּאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט, וָואס דוּרְךְ דִי צְוֵויי כּוֹחוֹת הָאבְּן זֵיי מַכְנִיעַ גֶעוֶוען הָמָן-עֲמָלֵק. און דָאס אִיז "דֶער גַאנְצֶער **סוֹד פוּן פּוּרִים**: צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ".

וֶועגְן דֶעם זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת פ"ח ע"א): דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה **מֵאַהֲבָה**. וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בַּיי מַתַּן תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, אִיז נָאר גֶעוֶוען **מִיִרְאָה**, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעצְווּינְגֶען אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וֶועלְן זֵיי דָארְט

בַּאגְרָאבְּן וֶוערְן. אָבֶּער בַּיי דִי צַייטְן פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

כָאטְשִׁיג חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כ"ו ע"ב): דֶער טָאג וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אַזַא שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי אַ חֲתוּנָה; וַוייל דִי אִידְן וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן כַּלָּה אוּן כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חָתָן, אוּן מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה וָואס דָאס אִיז דִי כְּתוּבָּה, וֶועגְן דֶעם אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע חֲתוּנָה, דָאךְ אָבֶּער, וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה פּוּרִים, אִיז דָאס גֶעוֶוען אוֹיף אַסַאךְ אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעוֶוען אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען פַאר דִי עֵרֶב רַב אַיינְצוּרֶעדְן פַאר דִי אִידְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן דֶער שָׂטָן הָאט מִיטְגֶעשְׁפִּילְט צוּ דֶעם, עֶר הָאט גֶעוִויזְן אִין דִי וָואלְקֶענֶעס אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בַּיי זַיין לְוָיָה (שַׁבָּת פ"ט ע"א), בִּיז זֵיי הָאבְּן דוּרְכְדֶעם לֵיידֶער גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל, וָואס פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אַלֶע קִלְקוּלִים, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען שְׁפְּרִינְגְט מִיטְן עֵגֶל הָאט עֶר גְלַייךְ צוּבְּרָאכְן דִי לוּחוֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמוּזְט צְווִינְגֶען דִי אִידְן מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה.

אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי בִּיטֶערֶע צָרָה פוּן הָמָן מִיט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן פַארְלֶענְדְן דִי אִידְן, הָאט מֶען שׁוֹין גוּט גֶעזֶעהְן וֶוער דִי גוֹיִם זֶענֶען, אוּן וָואס זֵיי זֶענֶען מְסוּגָל צוּ טוּהְן, אוּן דִי גְרוֹיסֶע חִילוּק וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת, אַ גוֹי אִיז אַן 'אַכְזָר' אוּן אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ, מְמֵילָא הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט.

און דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר אוּנְז, וָואס מֶען זֶעהְט לֵיידֶער וִוי מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן דִי אֶמוּנָה, וַוייל מֶען זֶעהְט אַז פַאר דִי גוֹיִם גֵייט גוּט אוּן עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוען מֶען זָאל גוּט קוּקְן אוֹיף דִי רִשְׁעוּת פוּן דִי גוֹיִם, סַיי עֵשָׂו אוּן סַיי יִשְׁמָעֵאל, וָואסְפַארַא אַכְזָרִיוּת זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז הַיינְט, פְרֵיידְט מֶען זִיךְ שׁוֹין: **בָּרוּךְ הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי**, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוֹיִם בָּרוּךְ הַשֵּׁם, נָאר מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. בְּמֵילֶא נֶעמְט מֶען אָן דִי תּוֹרָה מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אַהֲבָה.

נָאר דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעהְט דָאךְ אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ, אִיז וַוייל מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל אִין **'פְּגַם הַבְּרִית'**, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין צוּ קוּקְן אַלֶע נַארִישֶׁע אוּן טָמֵא'נֶע זַאכְן פוּן דִי גוֹיִם, בְּמֵילֶא וֶוערְט מֶען אוֹיךְ מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט זֵיי, וָואס דוּרְכְדֶעם קוּמְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (בַּמִּדְבָּר טו, לט): **וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם**. זָאגְן חַזַ"ל אוֹיף דֶעם (בְּרָכוֹת י"ב ע"ב): **אַחֲרֵי לְבַבְכֶם** דָאס מֵיינְט מֶען **מִינוּת וּכְפִירוּת**, **וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם** מֵיינְט מֶען **נִיאוּף**; וַוייל וֶוער עֶס פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין נִיאוּף רַחְמָנָא לִצְּלָן, וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דִי אֶמוּנָה, אוּן עֶר וֶוערְט מְיוּאָשׁ. מְמֵילָא טְרַאכְט עֶר: וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, אוּן דָאס אִיז אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶער עוֹל, בְּשַׁעַת דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען דָאס אַפִּילוּ נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער זִיךְ אַוֶועק צוּ זֶעצְן מִיט אַ חוּמָשׁ, אוֹיפְמַאכְן אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, אָבֶּער אֵיין מָאל מֶען עֶפֶענְט דֶעם חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן מֶען לֶערְנְט אִין דִי רַייעֶ, אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶעניגְן פוּן דֶעם.

דֶערְפַאר קוֹדֶם דַארְף מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אַפִּילוּ גֶעצְוּוּנְגֶענֶערְהֵייט, וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער אוּן נִישְׁט גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען אִיז שׁוֹין טוֹעֵם

דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן דִי תּוֹרָה, וַויל מֶען שׁוֹין מֶער גָארְנִישְׁט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן יז): פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען, דוּ וֶועסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט דֶערְלֶייגְן, פַארְקֶערְט דוּ וֶועסְט נָאךְ בַּאקוּמֶען ׳עוֹלָם הַבָּא׳ דֶערְפַאר? ! אָפְּגֶערֶעדְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן דָאס פָּנִים, אוּן אַרוֹיסְוַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קַיין שׁוּם שְׂכַר, נָאר דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס!

דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב [הַמִּנְחַת אֶלְעָזָר] זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז זַיין זֵיידֶע הָרַב הַקָּדוֹשׁ ׳בַּעַל שֵׁם שְׁלֹמֹה׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן רֶבִּי מֹשֶׁה יְהוּדָה לַייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סְטְרִיזְשׁוּב, וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן גָארְלִיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּיי זַיין חֲתוּנָה וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט גֵיין צוּ דִי חוּפָּה, זֶעהְט מֶען אַז דֶער גְרוֹיסֶער זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִישְׁט דָא, עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ שָׁעָה, אוּן עֶר קוּמְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן זַיין שְׁטוּבּ וואוּ עֶר אִיז גֶעזִיצְן פַארְשְׁפַּארְט, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דוּרְךְ נָאךְ אַ שָׁעָה, זֶענֶען דִי קִינְדֶער [דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב אוּן דֶער הֵיילִיגֶער גָארְלִיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ] צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְחוּתָּן אוּן אִים גֶעזָאגְט: הֶערְט אוֹיס! מִיר זֶענֶען קִינְדֶער אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם טַאטֶען, דֶערְפַאר זָאלְט אִיר אַרַיינְגֵיין צוּם טַאטֶען וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִן הַסְתָּם פַארְלֶערְנְט, אוּן אִים דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא הַיינְט אַ חֲתוּנָה.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהְן, עֶר גֵייט אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב אִין צִימֶער, זֶעהְט עֶר וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק צוּ דִי שַׁיין פוּן דִי לֶעכְט, נֶעמְט עֶר זַיין שְׁטְרַיימֶעל אוּן פַארְדֶעקְט דֶערְמִיט דִי לֶעכְט, מִמֵילָא אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקֶל, הֵייבְּט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער

צַאנְזֶער רָב אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן בַּאמֶערְקְט אִים, פְּרֶעגְט עֶר אִים: וֶוער זֶענְט אִיר? אוּן וָואס טוּט אִיר דָא? עֶנְטְפֶערְט עֶר: מְחוּתָּן! מֶען וַוארְט אוֹיף אַייךְ אִינְדְרוֹיסְן צוּ גֵיין צוּ דִי חוּפָּה. פְּרֶעגְט עֶר אִים: פוּן וָואסְפַארַא חוּפָּה רֶעדְט אִיר?! זָאגְט עֶר: מִיר הָאבְּן זִיךְ דָאךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען. זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי זִיס צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג שְׁטֶערְט מֶען מִיר, יֶעצְט וִויבַּאלְד עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן קֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אִיז דִי בֶּעסְטֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען 'מִלְחָמוֹת' מִיטְן 'בַּעַל הַמָּאוֹר', אוּן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, קוּמְט זֶעצְט אַייךְ אוֹיךְ אַוֶועק, וֶועט אִיר דָאס מִיט מִיר אִינְאֵיינֶעם לֶערְנֶען, עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְאֵיינֶעם פַארְלֶערְנְט, אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְט אִינְדְרוֹיסְן, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט צוּ לֶערְנֶען, רוּפְט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רָב אָן: יֶעצְט קֶען מֶען גֵיין צוּם חוּפָּה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט חֲבִיבוּת הַתּוֹרָה, לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה.

אוּן צוּ דֶעם קֶען בֶּאֱמֶת יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין, אוֹיבּ עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז אַפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן נָאר זָאגְן וַוייטֶער אִין אַ סֵדֶר (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וָואס דוּרְכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגְן תַּעֲנוּג פוּנֶעם לֶערְנֶען, עֶס צִיהְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט זַאט, נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן מֶען פַאנְגְט שׁוֹין נָאכְאַמָאל אָן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ מִיט גְמָרָא אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאכְדֶעם הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען הֵייבְּט אוֹיךְ אָן לֶערְנֶען זוֹהַר מִיט תִּיקוּנִים.

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר וָואס אִיז אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ גֵייט אִים שׁוֹין זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ, עֶר הָאט

שׁוֹין אַן אַנְדֶער סָארְט מוֹחַ, און עֶר מַאכְט זִיךְ שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט צוּ טוּהְן פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּן דֶעם 'דֶרֶךְ הַלִימוּד'. אַזוֹי אוֹיךְ פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק **תַּאֲווֹת נִיאוּף**, וַוייל דִי גַאנְצֶע תַּאֲוָוה נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן **מָרָה שְׁחוֹרָה**, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁפִּירְט כִּבְיָכוֹל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים, מִמֵילָא מַאכְט דִי תַּאֲוָוה נִישְׁט בַּיי אִים קַיין שׁוּם רוֹשֶׁם, און עֶס אִיז בַּיי אִים בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָיוֹן (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב), דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף שִׂמְחָה, בִּפְרַט אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, נָאכְדֶעם זָאל עֶר שׁוֹין דָאס אוֹיךְ מִיטְנֶעמֶען אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

## ב.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (שְׁמוֹת כה, ב), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט: **מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי** - פוּן יֶעדֶער אִיד וָואס זַיין הַארְץ וֶועט וֶועלְן, זָאל מֶען פוּן אִים נֶעמֶען זַיין נְדָבָה. זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י: '**יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ**'. **לָשׁוֹן נְדָבָה, וְהוּא לָשׁוֹן רָצוֹן טוֹב**; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעט צְדָקָה, און עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס אַן אָרִימַאן, דַארְף דָאס זַיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, און מִיט דִי גְרֶעסְטֶע הַנָאָה, נִישְׁט אַז עֶס זָאל אִים וַויי טוּהְן אַז עֶר מוּז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים טו, י): **וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ** - עֶס זָאל דִיר נִישְׁט וַויי טוּהְן דִי הַארְץ וֶוען דוּ גֶעבְּסְט צְדָקָה. אַדְרַבָּה זַיי מָלֵא שִׂמְחָה מִיט דִי מִצְוָה.

צְדָקָה אִיז אָבֶּער נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג מִיט גֶעלְט, וַוייל צוּ זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אָדֶער מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיז נָאךְ אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה!

אַוַודַאי אַז מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס פַאר אַ '**בֵּית הַתַּבְשִׁיל**', וואוּ מֶען גֶעט צוּ עֶסְן פַאר הוּנְגֶערִיגֶע און דָארְשְׁטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶער זְכוּת,

וַוייל מֶען קֶען בַּיי דֶעם נִישְׁט פָּאפְּן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג וֶועט נִישְׁט קֶענֶען עֶסְן, אוּן וֶוער עֶס קֶען יָא עֶסְן, זָאל אִים דָאס וואוֹיל בַּאקוּמֶען, אוּן דִי מַעֲלָה פוּן אַ 'בֵּית הַתַּבְשִׁיל' וואוּ יֶעדֶער קֶען עֶסְן אִיז, אַז דִי וָואס דַארְפְן דָאס טַאקֶע יָא הָאבְּן, זֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶה.

וַוייל אַמָאל גֶעט אַ מֶענְטְשׁ צְדָקָה פוּן זַיין אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע אוּן אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט, אוּן עֶר זָאגְט נָאךְ אַן עֶרְלִיכְן **לְשֵׁם יִחוּד** וְכוּ', אוּן יֶענֶער נֶעמְט דִי גֶעלְט אוּן עֶר גֵייט דֶערְמִיט טוּהְן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן. חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא קַמָא ט"ז ע"ב): **יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא** הָאט גֶעשָׁאלְטְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן **עֲנָתוֹת**, וָואס זֵיי פְּלֶעגְן גֶעבְּן צְדָקָה, [זֵיי הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועזְן, אוּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ גְרוּב, אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אִים כִּמְעַט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן], אַז זֵיי זָאלְן נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט גֶעבְּן צְדָקָה אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער. עֶס אִיז דָא עֶטְלִיכֶע תְּפִלּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, תְּפִלָּה כה; עז; קנב; חֵלֶק ב, ד): וִוי עֶר בֶּעהְט זִיךְ: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**! אַז אִיךְ גֶעב שׁוֹין יָא צְדָקָה, זָאל עֶס זַיין פַאר אַן אֱמֶת'ע צְדָקָה. דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן צְדָקָה נָאר אוֹיף גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

### ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר, הֲלָכָה א, אוֹת ד): וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם **עֵגֶל**, אַז יֶעדֶער זָאל בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס אַ נְדָבָה פַארְן מִשְׁכָּן, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואסְפַארַא נְדָבָה עֶר קֶען, אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט גָאלְד, אֵיינֶער זִילְבֶּער, קוּפֶּער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, יֶעדֶער זַיין זַאךְ וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט, זָאל עֶר דָאס גֶעבְּן מִיט זַיין גוּטְן הַארְץ פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן. אוּנְז צוּ וַוייזְן,

## דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף דִיךְ יָא

אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זַיין גוּטֶע נְקוּדָה וָואס עֶר קֶען בְּרֶענְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב.

וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס זֵיי טְרַאכְטְן: פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי ווִי יֶענֶעם? יֶענֶער מַאכְט דָאךְ אַזַא נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט! בְּשַׁעַת עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער נַארִישְׁקֵייט אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, וַוייל פוּן יֶענֶעם ווִיל דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָאס וָואס עֶר קֶען, אוּן פוּן דִיר ווִיל דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָאס וָואס דוּ קֶענְסְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף נִישְׁט פוּן דִיר וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט. אוּן אַפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר אַז דָאס וָואס דוּ הָאסְט אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאךְ אָבֶּער בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיים בְּרֶענְגֶען דִי נְדָבוֹת פַארְן מִשְׁכָּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלֶעכֶע וָואס הָאבְּן נָאר גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען בְּלוֹי וָואל אָדֶער פֶּערְפֶּעל וָואל, אָדֶער נָאר אַ פָּאדֶעם, אוּן עֶר וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן: וָואס אִיז שׁוֹין מַיין בִּיסְל וָואל אַקֶעגְן יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטִיק גָאלְד?! דָאס הָאט דִי תּוֹרָה אוּנְז גֶעוָואלְט לֶערְנֶען: יָא! דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל דָאס וָואס דוּ הָאסְט. דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין מִיט זַיין נְקוּדָה, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף יָא זַיין דַאוְוענֶען אוּן זַיין לֶערְנֶען, אַפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן עֶר קֶען נִיטְאַמָאל גֶעהֶערִיג זָאגְן דִי עִבְרִי, דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ מוֹרָא'דִיגֶער נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר זָאגְט, אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער בְּרוּחָנִיוּת וְכוּ', (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עו, בְּשֵׁם זֹהַר הַקָדוֹשׁ, קְדוֹשִׁים דַף פה ע"ב). דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ד, א): **אֵיזֶהוּ עָשִׁיר? 'הַשָּׂמֵחַ' בְּחֶלְקוֹ.**

ד.

**מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ.** '**מֵאֵת**' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת '**אֱמֶת**'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (בְּהַשְׁמָטוֹת שֶׁמּוּבָאוֹת בְּסוֹף חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אוֹת ב): '**אֲדָר**' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **ר'אשׁ דְּ'בָרְךָ אֶ'מֶת** (תְּהִלִּים קי"ט, ק"ס). וַוייל חוֹדֶשׁ אֲדָר וָואס אִיז דֶער חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה, דַארְף זַיין מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אֱמֶת אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה י, י): **וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת.** אָבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז שֶׁקֶר, אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר: קוּם לָאמִיר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דִיר אַוֶועק פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאס אִינְגַאנְצְן נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה. וַוייל וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ צִיהְט זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז אִין אִים דָא מֶער אֱמֶת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעריסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען אִין שֶׁקֶר.

וֶועגְן דֶעם '**אֲדָר**' וֶוען מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויסְן: **רֹאשׁ 'דְּבָרְךָ' אֱמֶת.** דֶער דִיבּוּר זָאל זַיין מִיט אֱמֶת, אוֹיךְ דִי שִׂמְחָה זָאל זַיין אַ אֱמֶתְ'ע שִׂמְחָה, דָאס הֵייסְט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י): מִיטְן '**שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי**' קֶען מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק מְחַיֶּה זַיין, אוּן קֵיינֶער קֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלּוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, בְּרֶענְגְט (פְּרִי צַדִּיק חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יב): אַז אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער **בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן עָמוּד, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה: **שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי**. אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן גֶעזָאגְט: רֶבִּי! אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה. זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב: אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה, נָאר וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְרָאכְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶעה

אוֹיס, [אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי צַדִיקִים], אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: **שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי**. וָואס מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, אַז וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶעה נָאר אוֹיס, דָאךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט קַיין גוֹי.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג גְרוֹיס, [דֶער הֵיילִיגֶער **צֶמַח צֶדֶק** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב הָאט בַּאשַׁאפְן אַ נַייעֶם הֵיכַל אִין הִימֶעל מִיטְן נָאמֶען: **הֵיכַל הַזְכוּתִים**, וַוייל עֶר הָאט אַזוֹיפִיל **מְלַמֵד זְכוּת** גֶעוֶוען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קצו, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ער): '**פְּאֵר יִשְׂרָאֵל**'. אוּן גֶעזָאגְט: אַז עֶר אִיז דֶער תְּפִילִין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן]. דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין נָאר מִיט '**שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי**'. אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ מִיט דֶעם מְחַיֶה זַיין.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה: **בָּרוּךְ הַשֵׁם** אִיךְ הָאבּ אַ **צֶלֶם אֱלֹקִים**, אִיךְ גֵיי מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, [מֶען זֶעהְט אַנְדֶערֶע הֵייבְּן זִיךְ נֶעבֶּעךְ אָן צוּ שֶׁערְן דִי פֵּיאוֹת אוּן דִי בָּארְד, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן אַ בֶּעסֶערְן שִׁידוּךְ, אָבֶּער בַּיים סוֹף לָאזְט זִיךְ אוֹיס אַז מֶען גֶט זִיךְ לֵיידֶער, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט קַיין קִיוּם], אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט יֶעדֶע פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, בְּרֶענְגְט אִים דָאס נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אֱמֶת. דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן: **בְּרֵאשִׁי'ת בָּרָ'א אֱלֹקִי'ם**. זָאגְן חַזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, ז): דָאס אִיז דִי סוֹף וֶוערְטֶער פוּן "אֱמֶת", צוּ וַוייזְן אַז מִיט דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת רִבִּית, הֲלָכָה ה, אוֹת כח): אוֹיף דֶעם וָואס מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח, ה): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט בַּאשַׁאפְן דִי מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר זִיךְ דָאס דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דִי מַלְאָכִים, הָאט ׳אֱמֶת׳ גֶעזָאגְט: בַּאשַׁאף אִים נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק לִיגְנְט. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶענוּמֶען דֶעם אֱמֶת, אוּן אִים אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דָנִיאֵל ח, יב): **וְתַשְׁלֵךְ אֱמֶת אַרְצָה.** אִיז שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶענוּמֶען דֶעם ׳אֱמֶת׳ אוּן אַוֶועק גֶעוָוארְפְן, חֲזַ״ל זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת נ״ה ע״א): **חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָבָּ״ה אֱמֶת** - דָאס אִיז דֶעם בַּאשֶׁעפֶּערְס זִיגְל?!

נָאר אוֹיבּ אִיז מֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אַ אִיד, אוּן מֶען זָאגְט: דֶער אִיד טוֹיג נִישְׁט. אַפִילוּ עֶס זָאל טַאקֶע זַיין אֱמֶת, אַזַא אֱמֶת אִיז נִישְׁט קַיין אֱמֶת! וַוייל דֶער עִיקָר אֱמֶת אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ תַּקָנָה אוּן עֶר קֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוֹיבּ עֶר וִויל. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה ׳מֵאֵת׳ כָּל אִישׁ וְגוֹ׳** וֶוען מֶען וִויל גֶעבְּן צְדָקָה, זָאל דָאס זַיין מִיט אַן ׳אֱמֶת׳, נָאר צוּ הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד.

ה.

**וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** (שְׁמוֹת כה, ח). זָאגְן חֲזַ״ל (עַיֵין שְׁלָ״ה מַסֶכֶת תַּעֲנִית דַף ס): **בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד.** דָאס הֵייסְט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אַ **בֵּית הַמִקְדָּשׁ**, אַז דִי שְׁכִינָה זָאל אִין אִים רוּעֶן. דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מ״ז, ו; וְעַיֵין בְּרַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית יז, כב): **צַדִיקִים** זֶענֶען דִי **׳מֶרְכָּבָה׳** פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כַּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶּער זִיצְט אוּן רַייט אוֹיף זֵיי (עַיֵין אוֹר יָקָר לְהָרָמַ״ק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בְּרֵאשִׁית [תִּיקוּנֵי זוֹהַר] שַׁעַר ה, סִימָן יג, כְּרַךְ ג, דַף רמו). אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס וִויסְן? אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אִיז אַ סִימָן אַז אִין דֶעם מֶענְטְשׁ רוּהְט דִי בַּאשֶׁעפֶּער! פַארְקֶערְט

אוֹיךְ, אוֹיבּ רַחְמָנָא לִצְלָן אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאר 'נִיבּוּל פֶּה', אִיז עֶר מְגַלֶּה אַז עֶר אִיז דוּרְךְ גֶעפוֹילְט מִיט **נִיאוּף**. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): וֶוער עֶס רֶעדְט '**נִיבּוּל פֶּה**', אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן פוּן דֶעם טְרַאכְט עֶר; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאר פוּן וָואס עֶר טְרַאכְט.

וֶועגְן דֶעם אַפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר נִידֶערִיג אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאל עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר פוּן דָארְט זָאל עֶר רֶעדְן אוּן בֶּענְקֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַ '**מֶרְכָּבָה**' פַאר דִי הֵיילִיגֶע **שְׁכִינָה**, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים: שב, ג, נא), פַּאר אֵיינֶעם וָואס אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "דֶער עִיקָר אִיז '**מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי**' (יוֹנָה ב, ג)". אַפִילוּ מֶען לִיגְט אִין טִיפְן גְרוּבּ, זָאל מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם! וָואס מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מֶען וִויל צוּרִיקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן דֶעמָאלְטְס אַפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל זָאגְן: דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט! מַאכְט מֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּהְן, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט, אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט יֶעדֶער אִיד אַ תַּקָנָה, אוּן יֶעדֶער אִיד קֶען נָאנְט וֶוערְן צוּ אִים, אוֹיבּ עֶר זָאל זִיךְ נָאר נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט בַּיי אִים רוּהֶען אוּן וואוֹינֶען.

ו.

**וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים, אַמָּתַיִם ׳וָחֵצִי׳ אָרְכּוֹ, וְאַמָּה ׳וָחֵצִי׳ רָחְבּוֹ, וְאַמָּה ׳וָחֵצִי׳ קֹמָתוֹ** (שְׁמוֹת כה, י), דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אִיז גֶעוֶוען דִי אָרוֹן, וָואס דָארְט אִיז גֶעלִיגְן דִי לוּחוֹת, וָואס אִין דֶעם שְׁטֵייט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַּארְוָואס זֶענֶען אַלֶע מִדוֹת [מָאסְן] בַּיי דֶעם גֶעוֶוען הַאלְבֶּע אֵיילְן, אוּן נִישְׁט גַאנְצֶע? נָאר דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ וַוייזְן, אַז וִויפִּיל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר לֶערְנֶען, אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶענוּג, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאךְ צוּ לֶערְנֶען.

ז.

אוֹיפְן **אָרוֹן** הָאט מֶען גֶעלֵייגְט דִי **כַּפּוֹרֶת**, אַז דֶער אָרוֹן זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט, צוּ וַוייזְן אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זָאל מֶען דָאס לֶערְנֶען נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט אַרוֹיס צוּ וַוייזְן קַיין בְּקִיאוּת פַאר מֶענְטְשְׁן. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ח, ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ וִוינְקְל אוּן לֶערְנְט תּוֹרָה, אַפִילוּ קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט, אִיז אִים כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מְפַרְסֵם.

אוּן דָאס הָאט מֶען גֶעזֶעהְן בְּחוּשׁ, לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער **׳חֲזוֹן אִישׁ׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין **לִיטָא**, הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן אִים, [עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע סְפָרִים אָן זַיין נָאמֶען], אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף **אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** אִיז עֶר נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, כָאטְשׁ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן זַיין אַ **רַב** אָדֶער אַ **רֹאשׁ יְשִׁיבָה**, דָאךְ אִיז נָאכְדֶעם מוֹרָא׳דִיג בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן זַיין גְאוֹנוּת, עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן לוֹמְדוּת.

ח.

אוֹיף דִי כַּפּוֹרֶת זֶענֶען גֶעוֶוען דִי 'כְּרוּבִים', וָואס פוּן דָארְט אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דֶער קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל (עַיֵּין רַשִׁ"י שְׁמוֹת כה, כב), אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט 'תּוֹרָה לִשְׁמָהּ' אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ 'רוּחַ הַקוֹדֶשׁ', בִּיז צוּ 'נְבוּאָה'. וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער קוֹל פוּן נְבוּאָה דַוְקָא אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן הֶעכֶער דִי אָרוֹן וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה ע"א): **מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא הֲלָכוֹת וְאַגָּדוֹת**, אַלֶעס הָאט שׁוֹין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינַי. וַוייל נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי תּוֹרָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען אוּן עֶר פַארְדֶעקְט דָאס, דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן נְבוּאָה.

ט.

רַשִׁ"י זָאגְט דָא (שְׁמוֹת כה, יח): דִי '**כְּרוּבִים**' הָאבְּן אוֹיסְגֶעזֶעהְן אַזוֹי וִוי צְוַויי קִינְדֶערְלֶעךְ. אָבֶּער אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, נָאכְדֶעם וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ חַוָה, אוּן גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן פוּן גַן עֵדֶן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשְׁטֶעלְט דָארְט דֶעם דְרֵייעֶדִיגְן שְׁוֶוערְד אוּן דִי כְּרוּבִים, עֶר זָאל שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען אַהִין, זָאגְט רַשִׁ"י (בְּרֵאשִׁית ג, כד): '**כְּרוּבִים**' מֵיינְט '**מַלְאֲכֵי חַבָּלָה**'. אִיז דָאס דָאךְ אַ סְתִּירָה? נָאר עֶס אִיז בֵּיידֶע אֱמֶת, זִיצְן דִי כְּרוּבִים בַּיים **אָרוֹן**; דָאס הֵייסְט, מֶען זִיצְט אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אַזוֹי וִוי וואוֹילֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, '**תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא חָטְאוּ**' (שַׁבָּת קי"ט ע"ב), אָבֶּער אוֹיב אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶערְס בַּאפֶעל, אוּן מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אַ '**מַלְאֲכֵי חַבָּלָה**'.

אוּן דָאס קֶען מֶען זֶעהְן בְּחוּשׁ, אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס דִי בָּחוּרִים הָאבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, הָאבְּן זֵיי לִיבּ צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אִין דִי רַייעֶ, מִקְרָא

מִשְׁנָה גְמָרָא מִדְרָשׁ, מְמֵילָא שֶׁעדִיגְן זֵיי גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט פֶּעינְטְן אוּן פַארְרֶעכְטְן שְׁטֶענְדִיג, וַוייל אַז עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען בְּלַייבְּט אַלֶעס זוֹיבֶּער אוּן רֵיין, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט לֵיידִיג אִיז מֶען פָּשׁוּט מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אַלֶעס וֶוערְט גֶעשֶׁעדִיגְט: דִי סִינְקְס וֶוערְן אַרָאפְּגֶעריסְן, אִין דִי וֶוענְט אִיז דָא לֶעכֶער, בֶּענְק זֶענֶען צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצא): עֶס קֶענֶען זִיצְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער נֶעבְּן אַנְדֶערְן, אֵיינֶער אִיז אִין ׳גַן עֵדֶן׳; דָאס הֵייסְט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר זִינְגְט נִיגוּנִים אוֹיף דֶעם. ווידֶערְאוּם דֶער צְוֵוייטֶער וָואס זִיצְט נֶעבְּן אִים אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן, אַז עֶר טְרַאכְט: הַלְוַואי שְׁטַארְבּ אִיךְ שׁוֹין, אוּן נִישְׁט נָאר אִיךְ, נָאר הַלְוַואי וֶוערְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חָרוּב אוּן יֶעדֶער שְׁטַארְבְּט. אַזוֹי לֶעבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אִין גֵיהִנוֹם מִיט בִּיטֶערְנִישׁ.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ג, כד): **וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם** - דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַארְטְרִיבְּן אָדָם אוּן אִים פַארְשִׁיקְט פוּן גַן עֵדֶן, אוּן עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַקֶעגְן דֶעם ׳גַן עֵדֶן׳ דִי ׳כְּרוּבִים׳; וָואס דָאס זֶענֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס פַּיינִיגְן אִים אוּן יָאגְן אִים. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר הָאט **רְצוֹנוֹת וּכְסוּפִים**, אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אֶמֶת׳דִיג זַיין גוּט, נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת וָואס קוּמְט פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין יֶעדֶער מֶענְטְשׁ: **אֵשׁ רוּחַ מַיִם עָפָר**. אוּן עֶר לֵייגְט אִים צוּרִיק אַרַיין אִין גַן עֵדֶן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, טו): **וַיִּקַּח.. אֶת הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְּגַן עֵדֶן**. דָאס הֵייסְט אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר תּוֹרָה, וֶוערְן דִי זֶעלְבֶּע כְּרוּבִים וָואס פַארְדֶעם אִיז עֶס מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, וֶוערְט עֶס יֶעצְט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין חֵטְא, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ פַיינֶע אוּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן.

## דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דַארְף דִיךְ יָא

### י.

אוּן אַזוֹי זֶענֶען אוֹיךְ אַלֶע כֵּלִים פוּנֶעם מִשְׁכָּן דָא בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, נָאר עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וִויל טִיף, וִויל עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, וֶועט עֶר זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּהְן חֶסֶד מִיט יֶעדְן, עֶס וֶועט אִים גֵיין אִין לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד, וַוייל עֶר אִיז אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אוּן אוֹיף שִׂמְחָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה נָאר בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וָואס דָאס אִיז דִי גְאוּלָה, וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הֵייבְּט זִיךְ דִי פוּס אוּן מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען זִינְגְט, אוּן דִי גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶוערְט מַמָּשׁ אַ תַּעֲנוּג, עֶס אִיז בַּיי אִים אַ תַּעֲנוּג דָאס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָּר שְׁלֵימוּת צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען, עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, מְמֵילָא דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין אוּן צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט: אַז פַּאר אַן אֱמֶת'ן מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל גֵייט אִין לֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים בַּיי אִידְן; לֶערְנְט פַּאר אַ יוּנְגֶערְמַאן ווִי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן זַיין "אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ", עֶס זָאל זַיין אַ וואוֹינוּנְג פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

מְלַוֵּה מַלְכָּה עִם סְעוּדַת שֶׁבַע בְּרָכוֹת

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת תְּרוּמָה תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַּארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

זֶעה צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת רוּהְט דָארְטְן דִי שְׁכִינָה, אוּן ווּאוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט אִיז דָארְטְן דָא דִי בְּרָכָה אוּן עֶס פֶּעלְט גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן אַז אַ אִיד זָאל זַיין אַ וַותְּרָן – נָאכְגֶעבִּיג, אִין שְׁטוּבּ, דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאכְגֶעבִּיגְקֵייט מֵיינְט נִישְׁט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט, נָאר אוֹיף מִדּוֹת, אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶער, הֶעלְפְן אוּן גֶעבְּן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן וְכוּ׳, וָואס דָאס בַּאוַוייזְט אַז עֶר הָאט גוּטֶע מִדּוֹת.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ה׳ מִכְתָּב תרמ״ד)

# אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב

**א.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט ז׳ אֲדָר, דִי הִילוּלָא פוּן **מֹשֶׁה רַבֵּינוּ – רַעְיָא מְהֵימְנָא.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): **וֶוער עֶס אִיז אַ ׳רַחֲמָן׳ – עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער קֶען זַיין אַ מַנְהִיג,** אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה מט, י): **כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם.** אוּן אַזַא רַחֲמָן אִיז נָאר גֶעוֶועןְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועןְ דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועןְ דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹיסְלֵייזֶער אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיךְ אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם לֶעצְטְן גָלוּת, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, קיא ע״ב): **׳מֹשֶׁה׳ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מַ׳ה שֶׁ׳הָיָה הֽ׳וּא שֶׁ׳יִהְיֶה** (קֹהֶלֶת א, ט), וָואס אִיז גֶעוֶועןְ דָאס וֶועט זַיין.

וָואס אִיז גֶעוֶועןְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ? זָאגְט דִי גְמָרָא (מְנָחוֹת סה ע״א): **מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה,** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד; אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועןְ גְרֵייט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה (שְׁמוֹת לב, י): **אִיךְ גֵיי פַארְלֶענְדְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גְרוֹיס מַאכְן.** הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ גֶענוּמֶען טַעְנֶה׳ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין פַאר דִי אִידְן, אוּן זֵיי חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָפְּמֶעקְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן (שָׁם, לב): **מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ,** עֶנְדֶערְשׁ מֶעק מִיר אוֹיס, אָבֶּער נִישְׁט דִי אִידִישֶׁע

## אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב

קִינְדֶער! וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער רַחֲמָן, אוּן אַן אֱמֶת׳ער מַנְהִיג.

דֶער מִדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב): פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ צוּ זַיין מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל? וַוייל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ אִיז אַמָאל אַ צִיגֶעלֶע אַנְטְלָאפְן פוּן דִי סְטַאדֶע, אִיז עֶס מֹשֶׁה רַבֵּנוּ נָאכְגֶעלָאפְן, אוּן עֶס אִיז אַלְץ גֶעלָאפְן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז עֶס אִיז גֶעלָאפְן אַפָּאר מַייל אוּן עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ טַייכְל וַואסֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט טְרוּנְקֶען, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט אִים דֶערְגְרַייכְט, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין פְּלֵייצֶע, אוּן גֶעזָאגְט: בִּיסְט דָאךְ נֶעבֶּעךְ אַזוֹי מִיד אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, קוּם וֶועל אִיךְ דִיר טְרָאגְן אוֹיף מַיין אַקְסְל. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: מֹשֶׁה מֹשֶׁה! אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ, גֶעבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער מַיינֶע טַייעֶרֶע שָׁאף, מַיינֶע קִינְדֶער, דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פַּאסְטוּךְ.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲווֹנוֹת; דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיִקְרָא ז ע״ב): אַ **בָּחוּר** אִיז אַ **פְּלַג גוּף** - אַ הַאלְבֶּער גוּף, אוּן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר אַ **אָדָם הַשָּׁלֵם** - אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן זַיין גֶעפֶּענְגֶענִישׁ (עַיֵין בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד) עֶר זָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם דַארְפְן קוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פט): דֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט דֶעם אֱמֶתְ׳ן דַעַת, אִיז דֶער שַׁדְכָן וָואס אִיז מְשַׁדֵךְ אַלֶע שִׁידוּכִים; וַוייל עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זִינְדִיגְן, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַן אֱמֶתְ׳ער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, מַאכְן שִׁדוּכִים פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן זֵיי

חֲתוּנָה מַאכְן וָואס שְׁנֶעלֶער, וָואס אַזוֹי אַרוּם פַארְשְׁפָּארְט מֶען זִיךְ דִי אַלֶע צָרוֹת פוּן דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר. חַזַ״ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט ע״ב): רַב חִסְדָּא הָאט גֶעזָאגְט: דָאס וָואס אִיךְ בִּין מֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר, אוּן אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר וָואלְט אִיךְ מִיךְ גֶעקֶענְט רֵייצְן אָפֶען מִיטְן שָׂטָן.

דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ה, כא): **בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לְחוּפָּה**, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֵזֶר סִימָן א, סְעִיף ג). זָאגְט דֶער בֵּית שְׁמוּאֵל אוֹיפְן פְּלַאץ (סְעִיף קָטָן ג): דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן וֶוען מֶען וֶוערְט זִיבֶּעצְן יָאר מִיט אַ טָאג, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען שׁוֹין אַרַיין אִין דִי אַכְצֶענְטֶע יָאר; וָואס דֶעמָאלְטְס דַארְף מֶען שׁוֹין לוֹיט אַלֶע שִׁיטוֹת חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נִישְׁט וַוארְטְן מֶער, בִּפְרַט אִין דֶעם הַיינְטִיגְן נִידֶערִיגְן דוֹר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער תִּיקּוּן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס פְרִיעֶר.

דָאס הֵייסְט אַן אֱמֶתֶ׳ער צַדִּיק אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֱמֶתְ׳ן דַעַת אִינֶעם מֶענְטְשׁ. וָואס אִיז דֶער דַעַת? **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הֲוָיָה הוּא אֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** (דְּבָרִים ד, לה), אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז גָארְנִישְׁט דָא. חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת נה ע״ב): **אֵין יִסּוּרִים בְּלֹא עָוֹן**, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲווֹנוֹת, אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִסּוּרִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רנ): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט **׳הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוֹת׳**, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ חָלִילָה מֶען שְׁפִּירְט אַ וֵוייטָאג, אָדֶער מֶען הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן אַ מַחֲלָה, קֶען מֶען זִיךְ בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז מִיט אַ הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם שֵׂכֶל אוּן דַעַת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט מֶען אַלֶע מִינֵי צַעַר אוּן יִסּוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן.

## **אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ**

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד קוּמְט פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שַׁיָיךְ אַז עֶס זָאל זִינְדִיגְן, אוּן אוֹיבּ עֶר זִינְדִיגְט יָא חַס וְשָׁלוֹם קֶען עֶר דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אוּן עֶר הָאט מוֹרָא׳דִיגֶע יִסוּרִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז). דֶערְפַאר דַארְף מֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, וַוייל אַז מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף אוּן עֶס אִיז דָא עֲווֹנוֹת אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר אוּן יִסוּרִים. וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת הַדַעַת צוּ טוּעֶן שִׁידוּכִים אוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן פָּאלִיטִיק.

## ב.

אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם זִיווּג אוּן מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁער שְׁטוּבּ, וָואס דָאס לֶערְנֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כה, ח): **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם.** זָאגְט רַשִׁ״י: **וְעָשׂוּ לִשְׁמִי בַּיִת קְדוּשָּׁה,** אִיר זָאלְט מַאכְן פַאר מִיר אַ הֵיילִיגֶע הוֹיז; דָאס הֵייסְט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל מַאכְן פַאר אִים אַ מִשְׁכָּן, נָאכְדֶעם דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ (מְלָכִים-א, קַאפִּיטְל ו), אָבֶּער דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל זֶעהְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ בֵּית הַמִקְדָשׁ; וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ דַארְף אוֹיךְ יֶעדֶע אִיד הָאבְּן.

קוֹדֶם אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ דִי ׳אָרוֹן׳; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאבְּן אַ ׳אָרוֹן׳, עֶר זָאל הָאבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה: חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ״ם, טוּר, שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳. אוֹיף דָרוֹם זַייט פוּנֶעם ׳אָרוֹן׳ אִיז גֶעוֶוען דִי ׳שׁוּלְחָן׳, דָאס גֵייט

אַרוֹיף אוֹיף ׳פַּרְנָסָה׳. און אוֹיפְן ׳שׁוּלְחָן׳ אִיז גֶעוֶוען דִי ׳לֶחֶם הַפָּנִים׳, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לא): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַז דֶער בְּרוֹיט וָואס עֶר עֶסְט זָאל זַיין אַזוֹי ווִי דֶער ׳לֶחֶם הַפָּנִים׳; דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אִין יֶעדֶע גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאךְ אִיז אוֹיךְ דָא רוּחְנִיוּת, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים ח, ג): **כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם, כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה׳ יִחְיֶה הָאָדָם**, דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעצְט זִיךְ צוּם טִישׁ עֶסְן, דַארְף עֶר זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר עֶסְט, אַז אַלֶעס זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן און הָאבְּן גָאר אַ הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (עַיֵּין צָפְנַת פַּעְנֵחַ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְנִרְאֶה דְּשָׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי; דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרָיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וּמַלְתֶּם אֶת עָרְלַת לְבַבְכֶם, בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט חָלִילָה נִכְשָׁל מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, וֶוערְט זַיין בְּלוּט פַארְגְרֶעבְּט און פַארְשְׁמוּצְט רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַריין צוּ נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה.

אוֹיף צָפוֹן זַייט אִיז גֶעוֶוען דִי ׳מְנוֹרָה׳, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זַיין לִיכְטִיג אִין יֶעדְן שְׁטוּב; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ הֵיילִיגְן דִי צְוֵויי אוֹיגְן, צְוֵויי אוֹיעֶרְן, צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, מוֹיל, וָואס דָאס זֶענֶען דִי זִיבְּן לֶעכְט וָואס יֶעדֶע מֶענְטְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ, און מֶען דַארְף דָאס הֵיילִיגְן און רֵיינִיגְן עֶס זָאל שַׁיינֶען און לַייכְטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא), אַזוֹי וֶועט זַיין לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען דִי ׳כִּיּוֹר׳, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבוֹדָה וָואס דֶער כֹּהֵן הָאט גֶעדַארְפְט טוּהְן וֶוען עֶר אִיז אַרייְנְגֶעקוּמֶען אִין מִשְׁכָּן און אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט אָפְּוַואשְׁן דִי הֶענְט מִיט דִי פוּס בַּיים ׳כִּיּוֹר׳, וָואס דֶער כִּיּוֹר אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן דִי שְׁפִּיגְלֶעךְ וָואס דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן מִשְׁכָּן (שְׁמוֹת לח, ח), און מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט

דָאס קוֹדֶם נישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען פוּן זֵיי, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִין דִי זְכוּת פוּן דִי שְׁפִּיגְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ דִי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער שֵׁיין גֶעמַאכְט, וָואס דוּרְכְדֶעם הָאבְּן זִיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעמֶערְט אִין מִצְרַיִם, וָואס אִין דֶעם זְכוּת זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶערְפַאר אִיז דָאס בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר מֶער פוּן אַלֶעם (רַשִׁ"י שָׁם, בְּשֵׁם תַּנְחוּמָא, סִימָן ט). דָאס דַארְף אוֹיךְ זַיין בַּיי יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וְויבַּאלְד יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אִיז אַ מִשְׁכָּן, אוּן דֶער מַאן אִיז דֶער כֹּהֵן, וֶועגְן דֶעם וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, דַארְף עֶר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אָפְּוַואשְׁן דִי הֶענְט אוּן דִי פוּס, וָואס דָאס וַוייזְט אַז דִי 'הֶענְט' זָאלְן נִישְׁט זַיין קַארְג, אוּן מֶען זָאל נוּצְן דִי הֶענְט צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אוּן אִיר גֶעבְּן וָואס זִי דַארְף. דָאס וָוארְט 'וְנָתְנוּ' [זֵיי זָאלְן גֶעבְּן], קֶען מֶען לֵיינֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, דָאס וַוייזְט אַז וֶוען מֶען גֶעט בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק, אָבֶּער אַז מֶען גֶעט נִישְׁט אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת מִקֵּץ): מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ 'קַמְצָן' - קַארְגֶער, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה. וַוייל אִין שְׁטוּבּ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ 'פַּזְרָן', אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין פד ע"ב): אַ מֶענְטְשׁ זָאל אֵייבִּיג עֶסְן וֶוייניגֶער וְויפִיל עֶר הָאט, אוּן אָנְטוּהְן וְויפִיל עֶר הָאט, אָבֶּער פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר גֶעבְּן מֶער וְויפִיל עֶר הָאט.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אָפְּוַואשְׁן דִי 'פוּס', נִישְׁט צוּ זַיין פוֹיל צוּ גֵיין בְּרֶענְגֶען אוּן קוֹיפְן וָואס עֶס פֶעלְט אִיר אוֹיס, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען דַארְף מִיט דִי 'פוּס' גֵיין דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג: שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן אַז מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן, אָדֶער מֶען אִיז אִין כּוֹלֵל, דַארְף מֶען מִיט דִי 'פוּס' נָאכְדֶעם צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן רֶעדְן מִיט אַ חַבֵר, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וְוי אַ חַבֵר, נָאר דִי וַוייבּ אִיז דִי חַבֵר.

אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ אַ לִימוּד בִּכְלָלִיוּת, פָאר אֵיינֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ כֹּהֵן צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, צוּ הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, וָואס אוֹיבּ נִישְׁט אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַ שֶׁקֶר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: עֶר זָאל זִיךְ אָפְּוַואשְׁן דִי ׳הֶענְט׳; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל נִישְׁט אִינְזִינֶען הָאבְּן קַיין גֶעלְט, וַוייל דִי מִינוּט מֶען מֵיינְט גֶעלְט אִיז אַ שָׁאד דָארְטְן צוּ גֵיין, וַוייל יֶענֶער וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר טוּט דָאךְ דָאס פַאר זַיין פַּרְנָסָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָאס אוֹיסְצִיעֶן עֶס זָאל נֶעמֶען כָאטְשִׁיג אַ יָאר צְוֵויי, וַוייל יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אִים מַאכְט עֶר גֶעלְט. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ: עֶר זָאל זִיךְ אָפְּוַואשְׁן דִי ׳פוּס׳; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן, מֶען זָאל נָאכְאַמָאל גֵיין אוּן נָאכְאַמָאל גֵיין אוּן טוּהְן וָואס מֶען קֶען וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

נָאכְדֶעם דֶער ׳מִזְבֵּחַ׳, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט מֶען מַקְרִיב גֶעוֶועזְן קָרְבָּנוֹת, דָאס לֶערְנְט אוּנְז וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (גִיטִין צ ע״ב): **כָּל הַמְגַרֵשׁ אִשְׁתּוֹ רִאשׁוֹנָה אֲפִילוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד עָלָיו דְּמָעוֹת**, וֶוער עֶס ׳גֶט׳ זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, לָאזְט אוֹיף אִים אֲפִילוּ דִי מִזְבֵּחַ טְרֶערְן; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁאֵלָה, פַארְוָואס וֵויינְט פוּנְקְט דֶער מִזְבֵּחַ אוּן נִישְׁט דִי אַנְדֶערֶע כֵּלִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזְן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ?! נָאר דִי מִזְבֵּחַ וֵויינְט: מֶען הָאט שׁוֹין גֶענוּג קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב גֶעוֶועזְן אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט נָאךְ קָרְבָּנוֹת! וֶוער זֶענֶען דִי קָרְבָּנוֹת? דִי קִינְדֶער, וַוייל אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז דִי מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אוּן זִיךְ גֶע׳גֶט, אָבֶּער דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן לֶעבֶּעדִיגֶע יְתוֹמִים, אוּן זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ דִי קָרְבָּנוֹת.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶועזְן דִי ׳מִזְבַּח הַזָּהָב׳, וָואס אוֹיף דֶעם הָאט מֶען מַקְטִיר גֶעוֶועזְן דִי ׳קְטוֹרֶת׳, וָואס דָאס אִיז מֶען מְקַיֵים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגֶעלֶע, מַאכְט מֶען אַ בְּרִית, אוּן עֶס שְׁטֵייט (רַמָ״א, יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רסה, סְעִיף יא): אַז דֶער ׳סַנְדָק׳ אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מַקְרִיב

׳קְטוֹרֶת׳. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כד): דוּרְךְ ׳שִׂמְחָה׳ אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז מַקְטִיר ׳קְטֹרֶת׳, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן גָלוּת; דָאס הֵייסְט, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר נִידֶערִיג, קֶען עֶר דוּרְךְ שִׂמְחָה זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן בִּיז צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה.

ג.

אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ דָא צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיי אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, וָואס אַ חָתָן הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם חַתוּנָה גֶעהַאט אוּן וֶועט אִם-יִרְצֶה-הַשֵּׁם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִיר וֶועט אַלֶע אִם-יִרְצֶה-הַשֵּׁם חַתוּנָה הָאבְּן, נָאר אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט עֶנְדִיגְן ׳מַסֶּכֶת תַּעֲנִית׳ הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוַודַאי רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ. פַארְוָואס עֶפֶּעס דַוְקָא מַסֶּכֶת תַּעֲנִית? נָאר אִין אֶמֶתְ׳ן אַרַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט חֲטאוֹת נְעוּרִים וָואלְט עֶר וֶוען גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אָן אַ שִׁיעוּר תַּעֲנִיתִים (עַיֵּין שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּקּוּן כז), אָבֶּער וֶוער הָאט דֶען כֹּחַ צוּ פַאסְטְן?! וֶועגְן דֶעם אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, וָואס יֶעדֶע ׳סִיוּם מַסֶּכֶת׳ אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר וִוי טוֹיזֶענְטֶער תַּעֲנִיתִים, כָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אִיז דָאס אַ מוֹרָאְ׳דִיגֶער זְכוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן יט): אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דוּרְךְ גֶעפַאלְן מִיט וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן נָאךְ יֶעצְט זֶענֶען זֵיי פַארְזִינְקֶען אוּן פַארְגְרֶעבְּט אִין זֵייעֶרֶע שְׁמוּץ, אוּן קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן דֶערְפוּן, אָבֶּער אוֹיב וֶועלְן זֵיי זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּף וְכַף׳ - אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט דָאס זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן ׳שְׁאוֹל תַּחְתִּית׳. אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז ׳כַּף וְכַף׳ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף

**חַ"י** [אַכְטְצְן] **פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.** דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין בְּסֵפֶר אוֹר הַיָּשָׁר לְמַהֲרַ"ם פַּאפְּארִישׁ, עַמּוּד הַתּוֹרָה פֶּרֶק טו): אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אַ טָאג אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶ'עֱנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע. חַזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): **אֵין כָּל הַגָּלֻיוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת**, אִין דִי זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה. אַזוֹי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט 'מִשְׁנָה' פּוּנְקְט וִויפִיל 'פַּרְנָסָה', אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסאַךְ מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, [עֶר וַוארְט נִישְׁט בִּיז פְרַייטִיג וָואס דֶעמָאלְטְס קֶען עֶר דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, נָאר עֶר הֵייבְּט שׁוֹין אָן פוּן זוּנְטָאג (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג),] אִיז עֶר זוֹכֶה מַעֲבִיר סִדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ. אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב, רֶבִּי יִשָׂשכָר דוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ 'בַּיִת' וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג בַּ'בְלִי, יְ'רוּשַׁלְמִי, תּ'וֹסֶפְתָּא, וָואס דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ"ת, וַוייל דוּרְכְדֶעם בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, [נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל יָארְן דָאס וֶועט נֶעמֶען.] אָבֶּער יֶעדֶע הוֹיז דַארְף דָאךְ הָאבְּן אַ שׁוֹמֵר אוּן אַ 'שׁטֵר' וָואס זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן הוֹיז, דָאס גֵייט אַרוֹיף, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג: רַ'מְבַּ"ם ט'וּר שֻׁ'לְחָן עָרוּךְ וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס וָוארְט שׁטֵ"ר.

אִינֶעם שְׁטֶעטְל רַאדִין וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעוואוֹינְט, אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ עוֹשֶׁר וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט פִיר גְרוֹיסֶע הַייזֶער [פַּאלַאצְן], וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז מֶען אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים אוּן אִים פַארְצֵיילְט דִי נַייעֶס אַז דֶער עוֹשֶׁר ר' אַנְשִׁיל אִיז אַוֶועק, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פִיר פַּאלַאצְן. [פּוּנְקְט יֶענֶע וָואךְ אִיז אוֹיךְ אַוֶועק

**אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב**

אַ אִיד אַן אָרִימַאן ר׳ יוֹם טוֹב,] רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:
ר׳ יוֹם טוֹב הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! נִישְׁט נָאר פִיר פַּאלַאצְן!

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְן אַן אֱמֶתְ׳ן חֶשְׁבּוֹן אַז נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נח, ח): **וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ**, דִי מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, דָאס גֵייט פַאר אִים. אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ו, י): **אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָא תּוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# מִיר אִידְן אִינְאֵיינֶעם

וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דִי שֵׁיינְקַייט וֶוען אִידְן הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם מִיט גְרוֹיס 'שִׂמְחָה', וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַדִיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

אֵצֶל הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה וַחֲנוּכַּת בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ",
עִם סְעוּדַת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, ד' תְּצַוֶה תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהֶם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן פ"ד) דָאס מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נְחוּנְיָא בֶּן הַקָּנֶה (מְגִילָה כ"ח) בַּמֶּה הֶאֱרַכְתָּ יָמִים? דָאס הֵייסְט מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וְויאַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ אַז אַ יֶעדֶער טָאג זָאל דִיר זַיין אַ לַאנְגֶער טָאג? הָאט עֶר גֶעעְנְטְפֶערְט, וַתְּרָן הָיִיתִי בְּמָמוֹנִי, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג אַ וַותְּרָן, אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעגֶעבְּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קְרִיגְן זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ד׳ מִכְתָּב תל"ח)

# מִיר אִידְן אִינְאֵיינֶעם

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ **זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** זָאגְט (עַיֵּין נוֹעַם אֶלִימֶלֶךְ בְּהַעֲלוֹתְךָ, דִבּוּר הַמַּתְחִיל: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה): אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט אַ נֵס פַאר אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן דִי נֵס, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר זֶעהְן נָאךְ נִיסִים. דֶערְפַאר אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט מִיר גֶעטוּהן אַזַא מוֹרָא׳דִיגֶער נֵס, אוּן מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען ׳יְצִיאַת נְשָׁמָה׳, אַזוֹי וִוי דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט: דוּ בִּיסְט אֵיינְס פוּן אַ מִילְיָאן וָואס הָאט בַּאוִויזְן אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן אַזַא שְׁוֶועֶרע הַארְץ אַטַאקֶע. מוּז אִיךְ דַאנְקְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ בִּין דָא.

מִיר גֶעפוּנֶען אַז **יַעֲקֹב אָבִינוּ** הָאט גֶעזָאגְט פַאר **יוֹסֵף** (בְּרֵאשִׁית מח, יא): **רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי** – אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ זֶעהְן דַיין פָּנִים, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ זֶעה נָאךְ דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ. דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאג אִיךְ אוֹיךְ, וַוייל חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט ע״ב): תַּלְמִידִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן קִינְדֶער. אוּן פַאר עֶלֶעף חֳדָשִׁים צוּרִיק, ׳חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח׳, הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ בִּכְלַל זַיין מִיט מֶענְטְשְׁן דָא, אוּן יֶעצְט הָאט מִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ קֶען זִיצְן אִין אַ שֵׁיין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס טַייעֶרֶע יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

## מִיר אִידְן אִינְאֵיינֶעם

דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת, הֲלָכָה א; הֲלָכָה ד, אוֹת ג): דִי טַעַם פַארְוָואס אַ שׁוּהְל וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן **׳בֵּית הַכְּנֶסֶת׳**, וַוייל וִוייבַּאלְד מֶען דַאוְוענְט דָארְטְן, קוּמֶען זִיךְ דָארְט צַאם אַלֶע סָארְטְן אִידְן, אוּן פוּן דֶעם בַּאשְׁטֵייט דֶער מִנְיָן. אַזוֹי וִוי **מֹשֶׁה רַבֵּנוּ** הָאט גֶעזָאגְט (דְּבָרִים כט, ט): **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם וְכוּ כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל וְכוּ.** אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם פוּנֶעם גְרֶעסְטְן אוּן דֶעם חָשׁוּבְ׳סְטְן, בִּיזְן הָאלְץ הַאקֶער אוּן דֶעם וַואסֶער טְרֶעגֶער, שְׁטֵייעֶן הַיינְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מִנְיָן אִין אַ **בֵּית הַמִּדְרָשׁ**, אַפִילוּ מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען נַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, **תְּנָאִים** אָדֶער **אֲמוֹרָאִים**, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן קַיין **קְדוּשָׁה**, **בָּרְכוּ**, אָבֶּער דִי רֶגַע אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ צֶענְטְן פוּן גַאס, זָאל עֶר זַיין סַיי וֶוער, קֶען מֶען שׁוֹין זָאגְן **קַדִישׁ וְכוּ׳**. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וָואס דָאס נֶעמְט צוּזַאם יֶעדְן, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט א), יַעֲקֹב אָבִינוּ רוּפְט צַאם זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר זָאגְט זֵיי: **הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם** וְגוֹ׳. זָאגְט **רַשִׁ״י**: עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן דֶעם קֵץ – וֶוען עֶס וֶועט זַיין דֶער סוֹף פוּן גָלוּת, אָבֶּער דִי שְׁכִינָה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּהְן פוּן אִים, הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַנְדֶערֶע זַאכְן. פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אֲבֵידָה וּמְצִיאָה הֲלָכָה ג, אוֹת יא; פְּרִיָּה וּרְבִיָּה הֲלָכָה ה, אוֹת ד; תַּעֲנִית הֲלָכָה ד, אוֹת יג): **אוֹיבּ** אַזוֹי פַארְוָואס שְׁטֵייט עֶס אוּמְזִינְסְט אִין דִי תּוֹרָה?! נָאר אִין דִי וֶוערְטֶער אַלֵיין הָאט עֶר זֵיי שׁוֹין מְרַמֵּז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה: **הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב** וְגוֹ׳. אוֹיבּ אִידְן וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן הֶערְן וָואס דֶער טַאטֶע אוּן דֶער זֵיידֶע זָאגְן, אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי **מְסוֹרָה** פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר-עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, אוּן מֶען וֶועט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת וואוּ מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם, וָואס אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בַּיי אִידִישְׁקֵייט. דֶערְפַאר זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח ע"א): וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַלְטֶע אִידְן אִין בָּבֶל, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְבָרִים יא, כא): **לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם** וְגוֹ' - מֶען וֶועט לַאנְג לֶעבְּן 'עַל הָאֲדָמָה' - נָאר אִין 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'. אוּן ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִין 'חוּץ לָאָרֶץ' לֶעבְּט מֶען לַאנְג?! אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט קוּמְט מֶען זִיךְ צַאם אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת [שׁוּהְלְן], הָאט עֶר גֶעזָאגְט: דָאס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי לֶעבְּן לַאנְג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא): וואוּ אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, אַפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, בַּאקוּמְט דָארְט דִי לוּפְט, דִי קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען דַאוֶונְט אוּן מֶען לֶערְנְט דָארְט, צִיהְט מֶען אַהִין דִי שְׁכִינָה, מִמֵילָא וֶוערְט דָארְט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער הֵיילִיגֶער 'צֶמַח צֶדֶק' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל: מַאךְ דָא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (עַיֵין הַגָּדָה שֶׁל פֶּסַח מַהֲרַ"י ט"ב): דָאס וָואס מֶען זָאגְט אִין דִי הַגָּדָה: **הַשַּׁתָּא הָכָא** יֶעצְט ווִיבַּאלְד מִיר זֶענֶען נָאךְ אִין גָלוּת, אִיז דָא אִין חוּץ לָאָרֶץ פַארְהַאן דִי קְדוּשָׁה פוּן 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל', נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אֶמֶת'ע גְאוּלָה, דֶעמָאלְטְס: **לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל**, וֶועט מֶען שׁוֹין זַיין מַמָּשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער 'אוֹר שִׁבְעַת הַיָמִים' בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: דָארְט וואוּ צֶען אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, אוּן זֵיי זִיצְן בְּאַחְדוּת

מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה, אַפִילוּ זֵיי רֶעדְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט, הָאט דָאס אַזַא מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ, אַז אַפִילוּ דֶער מַלְאָךְ מִיכָאֵל וָואס אִיז מְלַמֵד זְכוּת אוֹיף דִי אִידְן, קֶען אוֹיךְ נִישְׁט צוּקוּמֶען דָארְט, פוּן דֶעם גְרוֹיסְן לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט. כָּל שֶׁכֵּן אַז צֶען אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, אוּן מֶען דַאוֶוענְט צוּזַאמֶען, מֶען לֶערְנְט צוּזַאמֶען, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם, אִיז אַוַודַאי אַז מֶען אִיז דָארְט מַמְשִׁיךְ דִי שְׁכִינָה. אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ל״ט ע״א): **כָּל בֵּיהּ עֲשָׂרָה שְׁכִנְתָּא שַׁרְיָא.**

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן דִי שְׁטָאט **בְּרֶסְלֶב** אוֹיף אוּמַאן, כְּדֵי נִסְתַּלֵק צוּ וֶוערְן דָארְטְן, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט: אוֹיב וֶועט אִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר נָאךְ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מֶען הַאלְט שׁוֹין הַיינְט מֶער פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס פְּטִירָה, אוּן עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ אַלְץ נָאךְ אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן נָאךְ אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, ווייל אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָארְט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען טַייטְשְׁן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים לא, א): **וַיֵלֶךְ מֹשֶׁה**, אַפִילוּ וֶוען מֹשֶׁה אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דָאךְ אָבֶּער: **וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל**, זַיינֶע דִיבּוּרִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווייל אִידְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

ב.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נֵס פוּן פּוּרִים, נָאכְדֶעם וָואס **׳הָמָן הָרָשָׁע׳** [וָואס שְׁטַאמְט פוּן עֲמָלֵק, אַן אֵיינִיקְל פוּן עֵשָׂיו, וָואס דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂיו אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם] הָאט נָאר גֶעוָואלְט אָפְּטֵיילְן צְווִישְׁן אִידְן, אוּן עֶר הָאט

גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ג, ח): **יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד** - אִידְן זֶענֶען צוּקְרִיגְט אוּן צוּשְׁפְּלִיטֶערְט. וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אַחְדוּת צְוִוישְׁן אִידְן, וֶועגְן דֶעם אִיז זַיין נָאמֶען סַמֶ"ךְ מֶ"ם, ס' אִיז זֶעכְצִיג, מ' אִיז פֶערְצִיג, אַז אֵיינֶער זָאל זִיךְ הַאלְטְן מֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן. אוּן דֶער רָשָׁע הָאט גֶעוָוארְפְן גוֹרָל, אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף **חוֹדֶשׁ אֲדָר**, עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעוָואלְט חַס וְשָׁלוֹם בַּייקוּמֶען דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (עַיֵּין מְגִילָה יג ע"ב): דוּ רָשָׁע! דִי אִידְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע שְׁקָלִים נָאךְ פַאר דַיינֶע שְׁקָלִים. וַוייל מִיט דִי '**מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל**' וָואס אִידְן בְּרֶענְגְן, וַוייזְן זֵיי, אַז אֵיין אִיד אַלֵיין אִיז נָאר אַ הַאלְבֶּע זַאךְ, אוּן עֶר מוּז הָאבְּן אַ צְוֶוייטְן אִיד אוֹיךְ (עַיֵּין אַלְשִׁי"ךְ הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא), וָואס דוּרְכְדֶעם מֶעקְט מֶען אוֹיס **עֲמָלֵק**, וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מְקַטְרֵג אוּן זָאגְט: אִידְן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְגְלַייכְן אִינְאֵיינֶעם, אוּן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג זֶעכְצִיג אוֹיף פֶערְצִיג. וֶועגְן דֶעם גֶעבְּן מִיר אַ **מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל**, צוּ וַוייזְן פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִידְן הָאבְּן זִיךְ יָא לִיבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער **בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** זָאגְט (קְדוּשַּׁת לֵוִי פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיִּרָא): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעט שְׁטֶענְדִיג אַ שֶׁפַע פוּן אַלֶעס גוּטְס פַאר יֶעדְן אִיד, (וְעַיֵּין גַּם לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו), נָאר מִיר קֶענֶען עֶס נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין, וַוייל אִידְן קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט צַאם, וֶועגְן דֶעם אִיז דָא אַ שְׁטֵיין וָואס פַארְשְׁטָאפְּט דִי בְּרוּנֶעם וָואס פְלִיסְט פוּן דָארְט '**שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה**', אָבֶּער וֶוען אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, וֶוערְט אַ מוֹרָא'דִיגֶער **שִׂמְחָה**, אוּן מֶען קֶען אָנְטְרִינְקֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת.

צַדִּיקִים זָאגְן: וֶוען צְוֵויי אִידְן קוּמֶען זִיךְ צַאם, קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען: יְיָ, [וָואס אֵיין י' וַוייזְט אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּנֶעם שֵׁם 'י-ה-ו-ה', דֶער צְוֶוייטֶער י' וַוייזְט אוֹיף דִי לֶעצְטֶער אוֹת פוּנֶעם שֵׁם 'א-

ד-נ״י]. דָאס אִיז דִי מַעֲלָה אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאךְ אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ **לְתִפְאֶרֶת וּלְתְהִלָּה.**

**ג.**

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן וָואס מֶען זֶעהְט בַּיים שְׁרַייבְּן אַ **סֵפֶר תּוֹרָה**, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן צא): אַ **סְגוּלָּה** צוּ **׳הַתְמָדָה׳** - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד, וַוייל עֶס אִיז דָא אִין דִי תּוֹרָה זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט **אוֹתִיּוֹת**, אַקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט הוֹיפְּט **נְשָׁמוֹת** וָואס עֶס אִיז דָא בַּיי אִידְן, קוּמְט אוֹיס, אוֹיב מֶען רֶעדְט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף אַ אִיד, מַאכְט מֶען מִיט דֶעם **פָּסוּל** דִי **סֵפֶר תּוֹרָה**, וַוייל עֶס פֶּעלְט שׁוֹין אֵיין אוֹת, פוּן דֶעם אִיד אוֹיף וֶועם מֶען הָאט גֶערֶעדְט, אוּן דִי **תּוֹרָה** אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ **כַּלָּה,** אוּן אוֹיב מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס אַ פֶּעלֶער אִין דִי כַּלָּה אִיז שׁוֹין דִי לִיבְּשַׁאפְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען רֶעדְט אַקֶעגְן אַ אִיד, אוּן עֶס אִיז דָא אַ פֶּעלֶער אִין דִי תּוֹרָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה.

פָּשׁוּט קֶען מֶען דָאס אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם הָאט מֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט פַארְנוּמֶען צוּ בַּארֶעדְן אַן אַנְדֶערְן.

עֶס אִיז דָא אַ הֲלָכָה בַּיי אַ **סֵפֶר** תּוֹרָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ל״ב, סְעִיף ד. פְּרִי מְגָדִים פְּתִיחָה לְהִלְכוֹת קְרִיאַת הַתּוֹרָה): אַז דִי **אוֹתִיּוֹת** דַארְפְן זַיין **׳מוּקָף גְּוִיל׳** - אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט פַּארְמֶעט פוּן אַלֶע זַייטְן, אוּן אֵיין אוֹת טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אַנְדֶערְן אוֹת, אוּן טָאמֶער רִירְט עֶס יָא אָן אִיז עֶס פָּסוּל. פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען, אַז אֵיין אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ

צְוֵוייטְן, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן, אַז אִין אִים אִיז תָּלוּי אַלֶע **עוֹלָמוֹת** אוּן אַלֶע **תִּיקוּנִים** (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נִזְקֵי שְׁכֵנִים, הֲלָכָה א; וַהֲלָכָה ה).

ד.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (שְׁמוֹת כח, כט), אַז **אַהֲרֹן הַכֹּהֵן** וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער מְקוֹר פוּן **אַהֲבָה** אוּן **שָׁלוֹם**, הָאט אָנְגֶעטוּהְן אוֹיף זַיין הַארְץ דִי **חוֹשֶׁן**, וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֶועלֶעף שְׁטֵיינֶער פוּן אַלֶע קָאלִירְן, אַקֶעגְן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, וָואס דָאס אִיז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן דָאס הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרָאגְן בַּיים הַארְץ, וַוייל עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְן, אַז עֶס זָאל שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוּן מֶען זָאל הָאבְן **שָׁלוֹם בַּיִת**, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן פֶּרֶק יב, אוֹת ד): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס הָאבְן גֶעהֵייסְן 'אַהֲרֹן', נָאךְ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, וַוייל עֶר הָאט שָׁלוֹם גֶעמַאכְט צְוִוישְׁן פָּארְפֶעלְקֶער וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיים צוּשֵׁיידְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת עֶס זָאל זַיין דָארְט שָׁלוֹם, מִמֵּילָא נָאכְדֶעם וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, זֵיי זֶענֶען נִפְקַד גֶעוָוארְן אוּן גֶעהַאט אַ קִינְד, הָאט מֶען אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן נָאךְ אַהֲרֹן. [פוּן דָא אִיז דֶער מְקוֹר אַז מֶען גֶעט אַ נָאמֶען פוּן אַ רֶבִּי'ן אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶעבְּט נָאךְ (וְעַיֵּין מַסֶּכֶת שַׁבָּת קל"ד ע"א)].

נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען מִיר (שָׁם כח, ט-יב) אַז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעהַאט אוֹיף בֵּיידֶע אַקְסְלֶען דֵיימַאנְד שְׁטֵיינֶער, אִין דֶעם שְׁטֵיין פוּן אֵיין אַקְסֶעל אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי נֶעמֶען פוּן זֶעקְס שְׁבָטִים, אוּן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אַקְסֶעל דִי נֶעמֶען פוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע זֶעקְס שְׁבָטִים. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אִינֶעם חוֹשֶׁן, וָואס אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְן הַארְץ, אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, פַארְוָואס הָאט עֶר נָאךְ גֶעדַארְפְט הָאבְן זַייעֶרֶע נֶעמֶען

אוֹיף אוֹיף דִי אַקְסְלֶען?! נָאכְמֶער אִיז שְׁוֶוער, פַארְוָואס דָא הָאט מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעטֵיילְט זֶעקְס אוֹיף אֵיין אַקְסְל, אוּן זֶעקְס אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אַקְסְל?!

נָאר וִוי בַּאקַאנְט אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא בַּיי יֶעדֶע זַאךְ יְמִין אוּן שְׂמֹאל - דִי וָואס צִיהֶען צוּ רֶעכְטְס, אוּן דִי וָואס צִיהֶען צוּ לִינְקְס, וָואס דִי צְוֵויי פַארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מ"ז ע"א): **שְׂמֹאל דוֹחֶה וְיָמִין מְקָרֶבֶת**. אָבֶּער דֶער צַדִיק וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ כֹּהֵן מוּז דָאךְ יֶעדְן הָאבְּן, אוּן עֶר טְרָאגְט אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף זַיין הַארְץ, דֶערְפַאר הָאט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן גֶעמוּזְט טְרָאגְן זֶעקְס אוֹיף דִי רֶעכְטֶע אַקְסְל, אוּן זֶעקְס אוֹיף דִי לִינְקֶע אַקְסְל, וַוייל דֶער צַדִיק דַארְף יֶעדְן שְׁלֶעפְּן אוֹיף זַיין וֶועג.

אוּן אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ זַיין בַּיי דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב, וֶוען **'אַבְרָהָם אָבִינוּ'** וֶועט אַהֵיים רוּפְן זַיין זוּהְן יִשְׁמָעאֵל, אַז עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן פוּן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן גְלוֹיבּוּנְגֶען, אַזוֹי אוֹיךְ 'יִצְחָק' וֶועט צוּרִיק אַהֵיים רוּפְן עֵשָׂיו, וֶועט 'יַעֲקֹב אָבִינוּ' הָאבְּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה צַאמְצוּנֶעמֶען דִי אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁטֵיינֶער אוּן דָאס מַאכְן פַאר אֵיין שְׁטֵיין, דָאס הֵייסְט, צַאם צוּנֶעמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף 'נִסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה', אוּן דָאס מַאכְן פַאר אֵיינְס, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, [בָּרוּךְ הַשֵּׁם, בַּיי מִיר דַאוֶונֶען אַלֶע סָארְטְן אִידְן מִיט אַלֶע סָארְטְן נוּסְחָאוֹת אִין אֵיין בֵּית הַמִדְרָשׁ], אוּן 'דָוִד הַמֶלֶךְ' וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן דֶעם עֲמָלֵק. אוּן דָאס זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען: **לְתַקֵן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַי וְכוּ' לְהַפְנוֹת אֵלֶיךָ כָּל רִשְׁעֵי אָרֶץ וְכוּ'**. מִיר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: יֶעדֶער זָאל שׁוֹין אַוֶועקְוָוארְפְן זַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. חוּץ עֲמָלֵק וָואס עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁלֶעכְטְס וֶועט מוּזְן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן וֶוערְן.

דָאס הָאט אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה [וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה], גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ מָרְדְכַי הַצַדִיק (אֶסְתֵּר ד, טז): **לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְהוּדִים**, עֶר זָאל

צַאמְנֶעמֶען אַלֶע אִידְן. דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אַזוֹי אַרַיינְבְּרֶענְגְן דִי אֶמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְמֵילָא אַז יֶעדֶער וִויל נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז שׁוֹין דָא פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ: עֶס וֶועט זַיין אַזַא 'הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה' אַז מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן, מְמֵילָא וֶועט יֶעדֶער קֶענֶען זַיין דָארְט, מֶען וֶועט שׁוֹין פַארְגֶעסְן: אִיךְ בִּין אַזַא חָסִיד! אִיךְ בִּין אַ לִיטְוִוישֶׁער! אַ סְפַרְדִי'שֶׁער! וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ה, ה): **מֵעוֹלָם לֹא אָמַר אָדָם צַר לִי הַמָּקוֹם שֶׁאָלִין בִּירוּשָׁלַיִם**. וַוייל וִויבַּאלְד מֶען וֶועט דָארְט שְׁפִּירְן אַזוֹי אָפֶען דִי שְׁכִינָה, וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פְּלַאץ פַאר יֶעדְן סָארְט אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער מִשְׁנָה זָאגְט אוֹיךְ (שָׁם): **עוֹמְדִים צְפוּפִים וּמִשְׁתַּחֲוִים רְוָחִים**.

ה.

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן אַ **שֶׁבַע בְּרָכוֹת** וָואס מִיר הָאבְּן יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵׁם, וַוייל דֶער תַּכְלִית פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז, אַז מֶען זָאל לֶעבְּן צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, כד): **עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיָה לְבָשָׂר אֶחָד**. וָואס לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ 'מִצְוֹת עֲשֵׂה' (שְׁמוֹת כ, יב): **כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ** - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מְכַבֵּד זַיין, זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וָואס דִי מִצְוָה גֵייט אָן אַגַאנְץ לֶעבְּן, אַפִּילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן וִוי אַזוֹי זָאגְט דִי תּוֹרָה דָא אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי טַאטֶע מַאמֶע אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי וַוייבּ?!

נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, וִויבַּאלְד דִי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט מִיט דִי קִינְדֶער זַייט זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, בִּיז נָאךְ אַסַאךְ מִיה אוּן פְּלָאג פוּן אַלֶע יָארְן הָאבְּן זֵיי עֶנְדְלִיךְ דֶערְלֶעבְּט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער, ווִילְן טַאטֶע מַאמֶע יֶעצְט זֶעהְן אַבִּיסְל נַחַת פוּן זֵיי, דֶערְפַאר אַוודַאי טָאר מֶען

נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן, נָאר מֶען דַארְף זֵיי זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, אוּן יֶעדְן טָאג אָנְרוּפְן, אַפִילוּ צוּ רֶעדְן נָאר אֵיין וָוארְט: טַאטֶע וָואס מַאכְסְטוּ? מַאמֶע וָואס מַאכְסְטוּ? [אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען רֶעדְן אוֹיף זַיין סֶעלְפָאוֹן מִיט אַ חַבֵר שְׁטוּתִים מִיט נַארִישְׁקֵייטְן שָׁעָה׳ן לַאנְג, אוּן מִיט דִי טַאטֶע מַאמֶע פַארְגֶעסְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּ רֶעדְן, כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ טָאג], אָבֶער דִי תּוֹרָה וִויל אוּנְז לֶערְנֶען מִיט דֶעם אַן עֵצָה, אַז אוֹיב עֶס גֵייט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט אִין שְׁטוּב, וָואס דָאס קֶען זִיךְ אָפְּט מַאכְן, בִּפְרַט אִין אָנְהֵייב נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זָאל מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרֵיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, נָאר עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ אַלֵיינְס צְוִוישְׁן זִיךְ אוֹיסְגְלַייכְן, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס זָאל מֶען גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, [וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע, נָאר צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת], וָואס עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף פִירְן אַ שְׁטוּב, אוּן אַז מֶען דַארְף זַיין אַ וַתְּרָן וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב אוּן עֶס וֶועט זַיין דָארְט שָׁלוֹם בַּיִת.

ו.

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן **יוֹם טוֹב פּוּרִים** וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי ט, ב): **כָּל הַמּוֹעֲדִים יִהְיוּ בְּטֵלִין וִימֵי הַפּוּרִים לֹא יִהְיוּ נִבְטָלִים לְעוֹלָם** - אַלֶע יָמִים טוֹבִים וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן, אוֹיסֶער דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן; אִיז בַּאוואוּסְט דִי קַשְׁיָא, מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט וֶוערְן אַפִילוּ אֵיין טְרָאפּ, אוֹיב אַזוֹי וָואס הֵייסְט אַז עֶס וֶועט בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע יָמִים טוֹבִים?!

נָאר פּוּרִים קוּמְט אַרָאפּ אַזַא מִין אָפֶענֶע לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן אַזַא מִין שִׂמְחָה, בִּיז עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע גְרֶענִיצְן (עַיֵין פְּרִי עֵץ חַיִים, שַׁעַר הַפּוּרִים, פֶּרֶק ה), אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעמְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּ טַאנְצְן וואוּ עֶר

גֶעפוּנְט זִיךְּ נָאר, וֶועגְן דֶעם וֶועט דִי לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן שִׂמְחָה פוּן אַלֶע יָמִים טוֹבִים, בָּטֵל וֶוערְן צוּ דִי פְרֵיילִיכְקַייט פוּן דִי יוֹם טוֹב פּוּרִים. אוּן אוֹיךְּ הָאט מֶען פּוּרִים נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶועןן דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנַיי, פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען פּוּרִים פּוֹעֵלְ'ן מוֹרָא'דִיגֶע זַאכְן.

אִין דִי צַייט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר רוֹקֵחַ, **בַּעַל 'מַעֲשֶׂה רוֹקֵחַ' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַמְסְטֶערְדַאם [הָאלַאנְד], הָאבְּן דִי וִויסֶענְשַׁאפְטְלֶער אוּן פָּארְשֶׁערְס גֶעזָאגְט: זֵיי זֶעהֶען אַז דִי גַאנְצֶע לַאנְד אִיז אִין אַ סַכָּנָה, וַוייל עֶס אִיז דָא בִּילְיָאנֶען וֶוערֶעם אִין דֶער עֶרְד, [מֶען הָאט דָאס גֶעקֶענְט זֶעהְן מִיט אַ פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז], וָואס דָאס וֶועט פַארְנִיכְטְן דִי גַאנְצֶע עֶרְד, אוּן דִי גַאנְצֶע לַאנְד וֶועט אַיינְפַאלְן, וִויבַּאלְד עֶס אִיז אוֹיף אַ אִינְזְל אִינְמִיטְן וַואסֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער הָאלַאנְדִישֶׁער קֵיסֶר הָאט אַיינְגֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אִין אַמְסְטֶערְדַאם אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי אֶלְעָזָר רוֹקֵחַ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, הָאט עֶר זִיךְּ גֶעוָואנְדְן צוּ אִים, אָבֶּער עֶר הָאט אִים עֶטְלִיכֶע מָאל אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוּן גֶעזָאגְט: נִישְׁט יֶעצְט. עֶנְדְלִיךְּ הָאט עֶר אָנְגֶעגֶעבְּן פַארְן קֵיסֶר אַ גֶעוִויסְן טָאג [וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן בַּיי דִי אִידְן **דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים**], וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר דָאס אוֹיס'פּוֹעֵלְ'ן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער קֵיסֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג נַייגֶערִיג וָואס דֶער צַדִיק גֵייט טוּהְן אִין דֶעם טָאג, [וַוייל אַפִילוּ דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעהַאט דֶעמָאלְטְס **'אֱמוּנַת חֲכָמִים'**], הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן וִוי עֶר הָאט צַאמְגֶענוּמֶען אַסַאךְּ אִידְן, אוּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה וואוּ מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען אוּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אַז דֶער קֵיסֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְּ קוּמֶען צוּקוּקֶענְדִיג דֶעם בִּילְד, אוּן בִּשְׁעַת דִי מוֹרָא'דִיגֶע טֶענְץ אוּן

שִׂמְחָה אִיז גֶעוָוארְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, בַּאמֶערְקְן זֵיי צוּ זֵייעֶר גְרוֹיס וואוּנְדֶער וִוי עֶס גֵייעֶן אַרוֹיס אָן אַ צָאל וֶועֶרעם פוּן דֶער עֶרְד, אוּן זֵיי גֵייעֶן גְלַייךְ אִין יַם אַרַיין. אוּן אַזוֹי אִיז מֶען נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן דִי סַכָּנָה.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער קֵיסָר גֶעלָאזְט אוֹיסְגִיסְן אַ מַטְבֵּעַ מִיט דִי צוּרָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן 'מַעֲשֶׂה רוֹקֵחַ' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, לְכָבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן מִיטְן גַאנְצְן לַאנְד, [דִי מַטְבֵּעַ אִיז נָאךְ דָא, אִין דִי גָאר אַלְטֶע בִּיבְּלִיָאטֶעקְן (וְעַיֵּין שׁוּ"ת שְׁאִילַת יַעְבֵּ"ץ סִימָן קע, אוֹדוֹת זֶה)], זֶעהְט מֶען אַז פּוּרִים אִיז אַ טָאג פוּן נִיסִים, וַוייל וֶוען אִידְן טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ, זֶעהְט מֶען אָפֶּענֶע נִיסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נַאדְבוּרְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶער עֶלְטֶער: וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּהְן פּוּרִים נָאר פוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ אִיד, וָואלְט אִיךְ אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַלֶע מַיינֶע עֲבוֹדוֹת פוּן דֶעם טָאג, אוּן נָאר מְשַׂמֵחַ גֶעוֶוען אִידְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אַ דֶערְפְל לֶעבְן דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ קוּמֶען צוּ רֶבִּי מֵאִיר פוּן טֶעפְּלִיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אִיד הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַן עֶלְטֶערֶע פַארְזֶעסֶענֶעם טָאכְטֶער אִין שְׁטוּב, [אַמָאל אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט פַאר נַדָן, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער], וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אוּן מֶען אִיז זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד פּוּרִים, אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, בַּאמֶערְקְט רֶבִּי מֵאִיר וִוי דֶער אִיד זִיצְט אִין דֶער זַייט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טַאנְצְט נִישְׁט מִיט, כַאפְּט עֶר אִים אָן אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין מִיט גֶעוַואלְד אִינֶעם רִינְג, [אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אַז אֵיינֶער אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן טַאנְצְט קֶען עֶר נִישְׁט זֶעהְן וִוי אַ אִיד

זִיצְט אִין דֶער זַייט צוּבְּרָאכְן], רוּפְט זִיךְ דֶער אִיד אָן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן! אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ ׳צְבִיָה׳ אוֹיפְן קָאפּ! עֶנְטְפֶערְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, הָאסְטוּ דִיר גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה צוּ זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג?! אוּנְז הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אַז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, שְׁרַייט מֶען אָט אַזוֹי (תְּהִלִּים כה, יז): **צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ, מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי!** אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אִים אָן מִיט גֶעוַואלְד, אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע מָאל שְׁרַייט עֶר: אַז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט שְׁרַייט מֶען אָט אַזוֹי: **צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ, מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי!** אוּן דֶער אִיד שְׁרַייט נָאךְ אִים מִיט, מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דֶעם פָּסוּק.

אַ קוּרְצֶע צַייט נָאךְ פּוּרִים, אִיז אֵיינֶער פוּן **אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ** דוּרְךְ גֶעפָארְן דֶעם דֶערְפְל אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף שַׁבָּת, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם אִיד, אוּן דִי טָאכְטֶער הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן אוּן אִים בַּאדִינְט, פְּרֶעגְט אִים דֶער גַאסְט: וֶוער אִיז דָאס מֵיידְל? זָאגְט עֶר: דָאס אִיז מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער, זָאגְט יֶענֶער: אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַן עֶלְטֶערֶער זוּהְן, אֶפְשָׁר זָענֶען מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ? בְּקִיצוּר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גְלַייךְ גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס **שִׂמְחַת פּוּרִים** קֶען בְּרֶענְגֶען וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען, אוּן מֶען אִיז זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְשַׂמֵּחַ.

חַזַ״ל זָאגְן (מְגִילָה כ״ט ע״א): הַיינְטִיגֶע צַייטְן זָענֶען אַלֶע שׁוּהְלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אַ מִקְדָּשׁ מְעַט. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (שָׁם): **אַלֶע בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת** אוּן **בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת** וֶועלְן אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט אִיז דָא דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן דֶער תַּכְלִית אִיז אַז אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, דֶערְפַאר אַז עֶס וֶוערְט נִתְרַבֶּה בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת אִיז עֶס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער זְכוּת. **בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַכְשָׁר דָרָא**, הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא אוֹיף

**מִיר אִידְן אִינְאֵיינֶעם**

יֶעדֶער גַאס עֶטְלִיכֶער בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן מִקְוָואוֹת, אוֹיךְ אִיז שׁוֹין דָא מִנְיָנִים פוּן וָתִיקִין בִּיז גָאר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּזַאמֶען מְקַבֵּל צוּ זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זֶעהְן בְּהִתְגַלוּת הַשְׁכִינָה, וּבְבִנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~**

בעזהשי"ת

## קונטרס

# האלט זיך שטארק

וויא עס ווערט ערקלערט אז דער עיקר גרויסקייט און שיינקייט פון א איד איז, ווען ער דערהאלט זיך ביים איבערשטן, ווען עס גייט איבער אויף אים שוועריקייטן רחמנא ליצלן.

פארגעלערנט דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

ליל ששי תצוה תשע"ג

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי, דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט, וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

רוֹב צָרוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִיז וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר אִיז אוֹיכֶעט וֶוערְד, און זַיינֶע תְּפִילוֹת און זַיינֶע מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, און זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ, און עֶר לֵייגְט אִין אִים אַרַיין אַ יִאוּשׁ מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְד צוּ גָארְנִישְׁט, און דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ נָאךְ אִים, און פָאלְגְט אִים, און וֶוערְט צוּבְּרָאכְן און מְיוּאָשׁ און פַארְצְוֵוייפְלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, און לָאזְט זִיךְ אָפּ, און טוּט נִישְׁט אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען טוּהְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**(אַשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ד׳ מִכְתָּב תכ"ח)**

# הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק

### א.

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה) גֶעפוּנֶען מִיר, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה מֶען זָאל אָנְצִינְדְן דִי 'מְנוֹרָה' מִיט "שֶׁמֶן זַיִת זָךְ" – לוּיטֶערֶע אֵיילְבִּירְטְן אוֹיל. וִוי אַזוֹי הָאט מֶען דָאס גֶעמַאכְט? '**כָּתִית לַמָּאוֹר**', מֶען הָאט עֶס גוּט צוּשְׁטוֹיסְן, אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען קְלָארֶע רֵיינֶע אוֹיל, אַז עֶס הָאט גוּט גֶעלָאכְטְן.

דָאס אִיז אַ לִימוּד פַאר יֶעדְן מֶענְטְש, וָואס זַיין **נְשָׁמָה** אִיז אַ '**חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל**' – אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער כַּבְיָכוֹל, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין אַ גוּף וָואס עֶס קוּמְט אַרָאפּ דוּרְךְ דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע (נִדָּה ל"א, ע"א), אוּן זַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז פוּן דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְש צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז **רוּחְנִיוּת** אִיז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי **גַשְׁמִיוּת**? אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז אִים אוֹיךְ שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הֵייסְט אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְש? וַוייל מִיט וָואס אִיז עֶר הֶעכֶער פוּן אַן אַנְדֶערְן?!

נָאר עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים, דַף צד ע"ב): וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבוֹירְן גֶעט מֶען אִים אַ '**נֶפֶשׁ**', אִיז עֶר מֶער זוֹכֶה, גֶעט מֶען אִים שׁוֹין אַ '**רוּחַ**', אִיז עֶר נָאכְמֶער זוֹכֶה, גֶעט מֶען אִים שׁוֹין צוּ אַ '**נְשָׁמָה**', בִּיז מֶען גֶעט אִים '**חַיָּה**' אוּן '**יְחִידָה**' – אַז עֶר וִויל שׁוֹין נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; אוּן דָאס

## האלְט זיך שְׁטַארְק

אַלֶעס איז נָאךְ בַּיי נֶפֶשׁ אַלֵיינְס, און אַזוֹי גֵייט דָאס נָאכְדֶעם וַוייטֶער, הֶעכֶער און הֶעכֶער וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): אוֹיבְן אוֹיפְן יַם זֶעהְט מֶען אַז דִי וַואסֶער איז גְלַייךְ, אָבֶער אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִינֶעם וַואסֶער, זֶעהְט מֶען, אַז אָנְפַאנְג אִיז נָאךְ נִידֶערִיג, אַבִּיסְל וַוייטֶער אִיז שׁוֹין טִיפֶער, און אַזוֹי וֶוערְט דִי יַם אַלְץ טִיפֶער און טִיפֶער, בִּיז אִינְמִיטְן דֶער יַם אִיז דִי וַואסֶער טִיף בִּיזְן תְּהוֹם, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה יא, ט): **וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת הֲוָיָ"ה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים** - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דָאס וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי דִי וַואסֶער, וָואס פוּן אוֹיבְן אִיז דָאס גְלַייךְ, אָבֶער אִין דִי טִיפֶענִישׁ אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק. אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט יֶעדֶער דֶעמָאלְטְס וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אַפִּילוּ לְהַבְדִיל דִי גוֹיִם, אָבֶער דִי טִיפְקֵייט פוּנֶעם שֵׂכֶל וִויפִיל יֶעדֶער וֶועט מַשִּׂיג זַיין, אִין דֶעם וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק.

קוּמְט אוֹיס, אַוַודַאי בִּכְלָלִיוּת הָאט יֶעדֶער אִיד אֱמוּנָה, אָבֶער דָאךְ כַאפְּט אַ חִילוּק צְוִוישְׁן אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן, וַוייל אַז אֵיינֶער הָארֶעוֶועט מֶער, פַארְשְׁטֵייט עֶר מֶער. אַזוֹי וִוי בְּגַשְׁמִיוּת כַאפְּט אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ קוֹים נֶעכְטְן גֶעלֶערְנְט אַ פַאךְ, צוּ אֵיינֶער וָואס טוּט דָאס שׁוֹין פוּפְצִיג יָאר, וָואס עֶר קֶען דָאס שׁוֹין טוּהְן מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן, אִיז דָאךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי בְּרוּחָנִיוּת אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק פוּן אֵיינֶער וָואס הֵייבְּט קוֹים אָן צוּ הָארֶעוֶועןְ, און וִוי נָאר עֶס הֵייבְּט אִים אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין, מֶען אִיז אִים מְבַזֶה, אָדֶער עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, טְרַאכְט עֶר שׁוֹין: מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, און עֶר לָאזְט שׁוֹין אַלֶעס אָפּ, צוּ אֵיינֶער וָואס מֶען פְּרָאבִּירְט אִים גוּט גוּט אוֹיס, און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ און עֶר גֵייט וַוייטֶער, עֶר כַאפְּט פֶּעטְשׁ וְכוּ', און דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ. אַזוֹי וִוי

## האלְט זיךְ שְׁטאַרְק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין קִיצוּר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ו): "דֶער עִיקָר אִיז, 'שֶׁקוֹרִין' דֶערְהַאלְטְן זִיךְ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (כּוֹכְבֵי אוֹר מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים, סִימָן ב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אָרִימֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפַּייזְט דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעגְרָאבְּן לֵיים אוּן דָאס פַּארְקוֹיפְט, אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן גְרָאבְּן הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַ שְׁטִיקְל גְלָאז וָואס שַׁיינְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ, אוּן עֶר גֵייט מִיט דֶעם צוּ אַ סְטָאר, זָאגְט אִים יֶענֶער: דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ הָאסְט? דָאס אִיז דָאךְ אַ דֵיימַאנְד! אוּן עֶר שִׁיקְט אִים צוּ אַ סְטָאר וָואס פַּארְקוֹיפְט צִירוּנְגֶען מִיט דֵיימַאנְטְן, גֵייט עֶר דָארְט אַרַיין, זָאגְט אִים דֶער גֶעשֶׁעפְטְס מַאן: דוּ הָאסְט אַ פַּארְמֶעגְן וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל הָאט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעלְט וִויפִיל דֶער דֵיימַאנְד אִיז וֶוערְד, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שְׁטָאט אַרַיין דָארְטְן וֶועסְטוּ טְרֶעפְן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאנְדְלֶען מִיט דֵיימַאנְטְן, וֶועלְן זֵיי דִיר דָאס קֶענֶען בַּאצָאלְן.

אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אַפִילוּ פַארְן וֶועג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, זָאגְט אִים דָארְט אֵיינֶער פוּן דִי דֵיימַאנְט סוֹחֲרִים: דוּ הָאסְט אַזַא פַּארְמֶעגְן אַז נָאר בַּיי דִי קֶענִיגְלִיכֶער שְׁטָאט אַלֵיין קֶען מֶען דִיר בַּאצָאלְן דֶערְפַאר, אוּן דֶער מֶלֶךְ קֶען עֶס אָפְּקוֹיפְן. הָאט עֶר גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַ שִׁיף, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט דֶערְפַאר, [קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ זִיךְ אָנְצוּטוּהְן, אָבֶער מִיט אַ רָצוֹן קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען], אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף בָּארְטְן, אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיטְן קַאפִּיטַאן. אוּן עֶר וַוייזְט אִים דִי דֵיימַאנְד וָואס עֶר הָאט, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעזֶעהְן וָואסְפַארַא עוֹשֶׁר עֶר אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֶקְסְטֶערְן צִימֶער אִין דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס, מִיט אַ מְשָׁרֵת וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען אוֹיפְן וֶועג.

## הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק

יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט דֶער קַאפִּיטַאן קוּמֶען מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא מֶעכְטִיגֶער עוֹשֶׁר, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֵייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מִיטְשְׁפִּילְן 'מַעֲשֶׂה עוֹשֶׁר', [כָאטְשִׁיג עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען וָואס הֵייסְט אַן עוֹשֶׁר], אוּן בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן פְלֶעגְט עֶר הַאלְטְן דִי דֵיימַאנְד אוֹיפְן טִישׁ, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּטְן אַפֶּעטִיט.

אֵיינְמָאל נָאכְן עֶסְן הָאט אִים גֶעכַאפְּט דִי שְׁלָאף, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין דֶער אָפְּרֵיינִיגֶער, אוּן עֶר נֶעמְט דִי טִישְׁטוּךְ מִיט אַלֶע שְׁמוּץ אוּן בְּרֶעקְלֶעךְ, אוּן שָׁאקֶעלְט עֶס אַרַיין צוּזַאמֶען מִיטְן דֵיימַאנְד אִין יַם אַרַיין ! וֶוען עֶר וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶר זֶעהְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן : אַז דֶער קַאפִּיטַאן וֶועט גֶעוָואר וֶוערְן אַז אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶ'ער שְׁנָארֶער אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם אַרַיין. אָבֶער "עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט", אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיט דֶעם זֶעלְבְּן בְּרֵייטְקֵייט אַזוֹי וִוי פַאְרדֶעם.

וֶוען דֶער שִׁיף הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאנְט בַּיים אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בָּארְטְן, קוּמְט דֶער קַאפִּיטַאן צוּ אִים צוּ, אוּן עֶר זָאגְט אִים : הֶער זִיךְ אַיין ! אִיךְ פִּיר דָא אַסַאךְ זֶעק מִיט וֵוייץ, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא עֶס זָאל זַיין אוֹיף מַיין נָאמֶען, וַוייל מֶען וֶועט זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶע'גַנְבֶ'עט, [עֶר טָאר נִישְׁט טְרָאגְן אַזוֹיפִיל אֵייגֶענֶע סְחוֹרָה], אוּן וִויבַּאלְד אִיךְ זֶעה אַז דוּ בִּיסְט אַן אָרֶענְטְלִיכֶער גְבִיר, שְׁרַייבּ אִיךְ אַלֶעס אַרִיבֶּער אוֹיף דַיין נָאמֶען, אוּן נָאכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם וַואךְ גְרֶענִיץ, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין זַיין אִין שְׁטָאט, וֶועסְטוּ מִיר עֶס צוּרִיק אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן. אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

## האלט זיך שְׁטַארק

ווי נָאר מֶען איז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט דֶער קַאפִּיטַאן גֶע׳פֶּגֶר׳ט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער אִיד הָאט פַארְקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער עוֹשֶׁר. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה: ״דִי דֵיימַאנְד אִיז ׳נִישְׁט׳ גֶעוֶוען זַיינְס, וַוייל עֶר הָאט עֶס פַארְלוֹירְן! דִי וֵוייץ אִיז ׳יָא׳ גֶעוֶוען זַיינְס, וַוייל עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים! אוּן פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן״.

אוּן דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אוֹיב עֶס אִיז אוֹיף אֵיינֶעם נִגְזָר גֶעוָוארְן אַז עֶר דַארְף דוּרְכְגֵיין **צָרוֹת** אוּן **יִסוּרִים**, **בִּזְיוֹנוֹת** אוּן **שְׁפִיכַת דָמִים**, מֶען זָאל רֶעדְן אוֹיף אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן אוּן עֶר וֶועט דָאס מוּזְן דוּרְכְגֵיין.

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית דַף כח ע״א), לֵייגְט צוּ אֵיין וָוארְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, כ): **וּלְאָדָם לֹא מָצָא עֵזֶר, [כְּלְהוֹ] כְּנֶגְדוֹ** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן פַאר **אָדָם** קַיין הֶעלְפֶער בַּיים לֶעצְטְן גָלוּת, נָאר אַלֶע זֶענֶען קֶעגְן אִים; וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען קֶעגְן אִים (כּוֹכְבֵי אוֹר מַאֲמַר חָכְמָה וּבִינָה, אוֹת מב). אוּן עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן פַארְדֶעקְט אוּן בַּאהַאלְטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - וָואס עֶר אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן דִי חֵן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וָואלְט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, וָואלְט פַאר יֶעדְן לֶעכְטִיג גֶעוָוארְן, אוּן יֶעדֶענְס אוֹיגְן וָואלְט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט וְכוּ׳ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן סז). קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר **מֹשֶׁה רַבֵּנוּ**, עֶר זָאל הֵייסְן דִי אִידְן בְּרֶענְגֶען קְלָארֶע אוּן לוֹיטֶערֶע אוֹיל, אוּן דָאס מַאכְט מֶען דוּרְכְדֶעם

וָואס מֶען צוּשְׁטוֹיסְט דָאס גוּט. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי 'מֹחַ' פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אוִיל', [דֶער מוֹחַ הָאט אִין זִיךְ פַּייכְקֵייט אוּן פֶּעטְקֵייט, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט דִי זֶרַע (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס), וֶועגְן דֶעם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן מִיט פְּגַם הַבְּרִית, וֶוערְט אִים דִי מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט, בְּמֵילָא אִיז עֶר נֶערְוֶועז אוּן מְשׁוּגָע (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו)]. אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ לוֹיטֶערְן מוֹחַ? אַז עֶס אִיז 'כָּתִית לַמָּאוֹר'; מֶען הָאט דִיךְ גוּט צוּקְנַאקְט אוּן צוּבְּרָאכְן אוּן דָאךְ הָאסְטוּ דִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶעמָאלְטְס לַייכְט מֶען שׁוֹין גָאר אַנְדֶערְשׁ. אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר חִילוּק פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן חָסִיד; אַזוֹי וִוי מֶען בְּרָאט אוֹיס אַ הִינְדְל [טְשִׁיקְן] אוּן עֶס אִיז גוּט אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַלֶע זַייטְן, אַזוֹי אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוער עֶס דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ. עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (הַקְדָמָה דַף ד ע"א): עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ 'כְּרוּז' פוּן הִימְל, וָואס רוּפְט אוֹיס: "וֶוער פוּן עֶנְק הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ עוֹלָם הַבָּא? וֶוער עֶס קֶען מַאכְן פוּן בִּיטֶער – זִיס, אוּן פוּן פִינְסְטֶער – לֶעכְטִיג". וַוייל נָאר אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט שַׁיְיכוּת צוּ רוּחָנִיּוּת, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן .

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אִינְמִיטְן זֵייעֶר צוּפְלַאקֶערְט, אוּן גֶעזָאגְט אַזוֹי: פַארְוָואס הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט 'דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת'!

[נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אָפֶען וֶוער דִי רוֹמִיִּים זֶענֶען אוּן וִוי שְׁמוּצִיג זֵיי זֶענֶען, אוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי מַאכְן אִיז נָאר פַאר

זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע צְוֶועקְן, אוּן נִישְׁט פַּאר דִי טוֹבָה פוּן דִי אִידְן (עַיֵין עֲבוֹדָה זָרָה ב, ע״ב), אוּן דֶער רוֹמִי׳שֶׁער קֵיסָר הָאט אִים גֶעוָואלְט כַאפְּן דֶערְפַאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ עֶסְן, נָאכְדֶעם וֶוען מֶען הָאט אִים שׁוֹין שְׁטֶערְקֶער גֶעזוּכְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן אֶלְעָזָר: אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט כַאפְּן דִי מַאמֶען אוּן אִיר אוֹיסְפַּיינִיגְן, אוּן זִי וֶועט נָאךְ אוֹיסְזָאגְן, מְמֵילָא לָאמִיר אַנְטְלוֹיפְן. אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ הֵייל אִין שְׁטֶעטְל פְּקִיעִין, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט מִיטְן זוּהְן צְוֶועלֶעף יָאר, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען אִים פוּן הִימְל צוּרִיק גֶעשִׁיקְט אוֹיף נָאךְ אַ יָאר (שַׁבָּת ל״ג ע״ב); צוּ קֶענֶען זִיצְן דְרַייצְן יָאר אִין אַ מְעָרָה אוּן נִישְׁט זֶעהְן דִי לֶעבְּעדִיגְקֵייט, מוּז מֶען דָאךְ הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע כּוֹחוֹת, נָאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן!].

דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט ׳דִי מָאס הִתְחַזְקוּת׳! [עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם פוּן זַיין טַאטֶע אַלְץ קְלֵיין קִינְד, אוּן זַיין מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִצְרַיִם צוּ אִיר בְּרוּדֶער, אִיז עֶר דָארְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בַּיי זַיין פֶּעטֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַלֵיין אִין מִצְרַיִם נֶעבְּן דֶעם נִילוּס, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דֶער וֶועלְט, שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזֶעלְכֶע יְדִיעוֹת, אוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמְט שְׁטֶענְדִיג צוּ אִים לֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם פַּאר וֶועם עֶפֶּעס מְגַלֶה צוּ זַיין. דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶער צַעַר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט ׳דִי מָאס הִתְחַזְקוּת׳].

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט ׳דִי מָאס הִתְחַזְקוּת׳! [אוֹיפְן **בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ** הָאבְּן גֶעקְרִיגְט דִי גְרֶעסְטֶע גְדוֹלִים, אַפִילוּ זַיין אֵייגֶענֶע שְׁוָואגֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֵרְשׁוֹן קִיטוֹבֶ׳ער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִין אָנְפַאנְג גֶעמֵיינְט אַז זַיין

## הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק

שְׁוֶועסְטֶער הָאט גֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַ פַּארְגְרֶעבְּטֶער יוּנְג, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ מוֹרָא׳דִיג אוֹיסְבַּאהַאלְטְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַזַא קוֹיט וִוי דִי גוֹיִם גֵייעֶן, אַרוּמְגֶעבּוּנְדְן מִיט אַ שְׁטְרִיקְל [פַּאר אַ גַארְטְל].

אוּן פַּארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ ׳דִי מָאס הִתְחַזְקוּת׳! הָאט דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** אוֹיסְגֶעפִירְט צוּם סוֹף: אוּן פַּארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען?! וַוייל אִיךְ הָאבּ אִין מִיר דִי מָאס הִתְחַזְקוּת!!!

וֶוען מֶען זָאל וִויסְן הַיינְטִיגֶע צַייטְן וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן... עֶר הָאט אַפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הוּט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ קַאשְׁקֶעטְל [דַאטְשִׁיק], וֶועגְן דֶעם וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט, וַוייל דֶער שֶׁקֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן דָאס זֶעהְט מֶען, מְמֵילָא לוֹיפְט מֶען דָאס נָאךְ.

דָאס אִיז טַאקֶע אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים פַּארְוָואס מֶען פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ פּוּרִים, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז מֶען קֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט גוּט פָּאפְּן מֶענְטְשְׁן אוּן זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע וַוייסֶע בָּארְד וְכוּ׳ אוּן אַזוֹי אַלֶע מִינֵי אָנְטוּעֶכְץ, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען נֶעמְט דָאס אַרָאפּ, זֶעהְט מֶען אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט פַּארְשְׁטֶעלְט.

וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי ר׳ מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** זֵייעֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלַיידְן קַיין גֶעפָּאפְּטֶע זַאכְן, אַמָאל אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, עֶר אִיז גֶאגַאנְגֶען מִיט פֶּעפִּיטֶע הוֹיזְן אוּן אַזוֹי דֶעם גַאנְצֶען רֶבִּי׳שֶׁען לְבוּשׁ אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, פְרֶעגְט עֶר אִים: וֶוער בִּיזְטוּ? זָאגְט עֶר: מַיין עֶלְטֶער זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער אוּן דֶער! זָאגְט

## האַלט זיך שטאַרק

ער אים: איך פֿרעג דאָך דיר, ווער ׳דו׳ ביזט? זאָגט ער: מײַן טאַטע איז דער און דער... זאָגט ער אים: איך וועל דיר דערציילן אַ מעשׂה:

אַמאָל איז אַ הונט געגאַנגען אין וואַלד, און ער האָט דאָרט געטראָפֿן אַ געפּגר׳טן לייב, האָט ער זיך אָנגעטוהן די פעלעכל [הויט] פונעם לייב, נאָכדעם האָט ער געטראָפֿן אַ געפּגר׳טן בער, האָט ער זיך אויך אָנגעטוהן די פעלעכל פונעם בער, און נאָכדעם פון אַ וואָלף, און אַזוי פון נאָך חיות וואָס ער האָט געטראָפֿן, האָט ער אָנגעטוהן אויף זיך, און ווי ער גייט אַזוי אַרום, ווערט אַ רעש אין וואַלד: עס איז יעצט אָנגעקומען אַ באַשעפעניש וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען! אַ לייב, אַ בער, אַ וואָלף וכו׳, אַלעס אין איין חיה. און אַלע חיות האָבן געציטערט פון די חיה, און אַזוי ווי די לייב איז דער מלך פון אַלע חיות, האָט ער געזאָגט פאַרן פוקס: דו ביזט דאָך זייער קלוג, ווער מיר געוואר ווער דאָס איז. איז דער פוקס צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ חכמה, און אים געפרעגט: ווער ביזטו? זאָגט ער: מײַן עלטער זיידע איז געווען אַ לייב. אָבער ווער ביזטו? זאָגט ער: מײַן זיידע איז געווען אַ וואָלף! אַ בער! אָבער ווער ביזטו? זאָגט ער: איך בין אַ הונט.

דער הייליגער רבי מאיר׳ל פון פּרימישלאַן האָט אים מיט דעם געוואָלט אויסלערנען אַז ער זאָל נישט בלאָזן און מאַכן פון זיך אַ גאַנצער עסק, ווייל די אַלע זאַכן איז נאָר אַ שפּיל.

דער עיקר פון אַ צדיק איז, מען זאָל זעהן ביי אים תּכלית, אַז איך האָב ביז יעצט נישט געבענטשט, און יעצט אַדאַנק דעם צדיק בענטש איך שוין בעסער ברוך השם, איך בענטש אין אַ סידור; איך האָב קיינמאָל נישט געליינט קריאת שמע שעל המטה, איך בין אַריינגעפאַלן אין בעט מיט אַ מורא׳דיגן צובראָכנקייט און יאוש, און יעצט ליין איך שוין ברוך השם געהעריג קריאת שמע פאַרן שלאָפֿן.

### האלט זיך שטארק

דער הייליגער רבי נתן זאגט (ליקוטי הלכות קריאת שמע שעל המטה, הלכה ב; עיין פרי עץ חיים שער קריאת שמע שעל המטה, פרק ה): **אפילו א מענטש האט געזינדיגט מיט דעם חטא פון 'הוצאת זרע לבטלה' רחמנא לצלן, און ער ליינט קריאת שמע שעל המטה אזוי ווי דער אר"י הקדוש האט דאס אויסגעשטעלט, און ער זאגט די ווידוי, איז מען אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.**

אזוי אויך איז א אמת'ער ערליכער איד מזכה דעם מענטש, ער זאל אריינקומען אין שוהל און אנטוהן תפילין, דאווענען די דריי תפלות יעדן טאג, אזוי הערט ער קדיש, ער ענטפערט: **אמן יהא שמיה רבה וכו'.** און נאכדעם איז ער אים שוין אויך מזכה ער זאל אנהייבן לערנען: **חומש, משניות, גמרא. דאס הייסט א רבי, ער גיט מיר תכלית.** אויב נישט, איז ער נישט מער ווי א פשוט'ער הונט, נאר ער איז פארשטעלט מיט אלע ערליי פארשטעלעכצער.

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, אויף איינעם וואס איז דעמאלטס געווען באקאנט אלץ א מנהיג: **ער האט גורם געווען אז טויזענט מענטשן זאלן נישט אויפשטיין צו תחיית המתים!** (חיי מוהר"ן סימן תקלז).

ווייל דער עיקר איז אז א איד זאל קומען צו אזא מין מדריגה אין **'אלקות'**, אז עס זאל אים שוין גארנישט אינטערעסירן, און ער זאל שוין גארנישט וועלן נאר דעם באשעפער אליין, ממילא איז שוין ביי אים נישט קיין חילוק צווישן **'ארור המן' צו 'ברוך מרדכי'**, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן לג): **וואס מער א מענטש שפירט דעם באשעפער, פארליבט ער זיך מער אין באשעפער, ביז ער טוט אויס די לבושים וואס פארשטעלן דעם באשעפער, און ער זעהט שוין נאר דעם בורא כל עולמים אליין אן קיין לבושים.**

## האלט זיך שטארק

דער הייליגער **רבי נתן זכרונו לברכה** זאגט (לקוטי הלכות תחומין, הלכה ה, אות כז): יעצט שעמען זיך נאך מענטשן צו רעדן אפען פון באשעפער; און טאמער רעדט איינער פון באשעפער, זאגט מען אים שוין: דו באלאנגסט מן הסתם דארטן! וואס איז? איך טאר נישט רעדן פון באשעפער?!

מען זאגט א ווערטל אז ווען א ליטוואק האלט אינמיטן לערנען, און איינער זאגט: דער אייבערשטער זאגט אין א פסוק, אדער דאס גלייכן, זאגט ער: יעצט לערנט מען, לאז אפ דעם אייבערשטן... ביים הייליגן **רבי עקיבא איגר זכותו יגן עלינו**, [אזוי אויך ביי נאך אסאך צדיקים] ווען ער פלעגט לערנען האט מען געהערט ווי ער זאגט: **שמאי אומר** - שמאי זאגט, אז דאס איז די רצון פון באשעפער, **הלל אומר** - הלל זאגט, אז דאס איז די רצון פון באשעפער. ווייל די גאנצע תורה איז די חכמה פון באשעפער אליין, און איך לערן נאר ווייל דער באשעפער האט אזוי געהייסן, און דער באשעפער איז אין די תורה, וואס דאס הייסט **'תורה לשמה'**.

אבער סתם אז מען זאגט שיינע **דרשות** און שיינע **משלים** און **חידושים** וואס איז געבויעט אויף לופט, דאס הייסט, דער מענטש וואס הערט עס האט פון דעם גארנישט, ער איז א צובראכענער מענטש, וואס האט אפגעטוהן אלע עבירות אין די וועלט, און ער ליגט אין **שאול תחתית ומתחתיו**, און ער דארף האבן איינער זאל אים מחזק זיין, און אז מען קען מחזק זיין אזא איד, און אים ברענגען נאנט צום אייבערשטן דאס איז א חידוש, און דאס איז א אמת'ער **תלמוד-חכם** און **מנהיג**, אויב נישט איז אלעס א שיינער שפיל (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן כח).

אבער דער וואס איז עוסק מיט א רבים און ער העלפט אנדערע מוז ליידן, ווייל ער טשעפעט דעם סמ"ך מ"ם, וואס ער האט שוין יעדן אין זיין טאש, און ער האט נישט מער קיין מורא, און פלוצלינג קומט איינער מיט א קליין

מעסערל און געט אים א שנייד, און ער נעמט ארויס איינעם נאכן אנדערן פון שאול תחתית, אוודאי ווערט דער סמ"ך מ"ם צו ווילדעוועט, און ער מאכט זיכער אז מען זאל אויף דעם ערליכן איד רעדן כל דבר אסור.

דערפאר, פאר דעם הייליגן רבינ'ס נשמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, האט דער סמ"ך מ"ם געמאכט א טומעל און א רעש: אויב די נשמה קומט אראפ, האב איך שוין נישט וואס צוטוהן דא! האט מען אים געזאגט: די נשמה מוז שוין אראפ גיין, און דו געב זיך אן עצה. ביז דערוויל האט מען באשוואוירן דעם הייליגן רבינ'ס נשמה, [אזוי ווי מען באשווערט יעדע נשמה פאר עס קומט אראפ (נדה ל ע"ב)], און דער סמ"ך מ"ם איז נאך אלץ נישט דא, ענדליך איז ער צוריק געקומען מיט אן אלטען איינגעבויגענעם, און ער האט 'געלאכט' און זיך אנגערופן: איך האב שוין געטראפן אן עצה! די נשמה קען שוין אראפ גיין (עיין סיפורי מעשיות, מעשה ז), דאס הייסט זיין עצה איז געווען מען זאל אפלאכן פונעם הייליגן רבינ'ס זאך און דאס צונישט מאכן וכו'.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן קסג): עס איז דא א מענטש וואס ער קומט אן אין יעדענס מויל, און מען קייעט אים אזוי ווי גאם; דאס הייסט, יעדער האט עפעס וואס צו רעדן אויף אים; אפילו ער קען אים ניטאמאל, און אז מען פרעגט אים: וואס רעדסטו? דו קענסט דאך נישט דעם מענטש בכלל?! זאגט ער: איך וויל אים נישט קענען, און איך וויל אים נישט זעהן! רחמנא לצלן.

אבער אז א מענטש האט געהאט א טובה ביים צדיק, דארף ער אוודאי האבן 'הכרת הטוב', און נישט חלילה ווערן קלוגער פון דעם אייגענעם רבי'ן, און רחמנא לצלן אן קיין טראפל בושה, גיין דן זיין, צו ער איז יא א ערליכער איד צו נישט, אזוי ווי חז"ל זאגן (מדרש רות רבה א, א): אויפן פסוק

# האלְט זיך שְׁטַארְק

(רות א, א) **וַיְהִי בִּימֵי שְׁפוֹט הַשּׁוֹפְטִים. שֶׁשָּׁפְטוּ אֶת שׁוֹפְטֵיהֶם**; דֶער תַּלְמוּד גֵייט גָאר מִשְׁפָּטְ׳ן דֶעם רֶבִּי׳ן רַחְמָנָא לִצְלָן. נָאר וָואס דֶען? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רכח): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהְט אַ נְשָׁמָה וָואס קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶן מֶענְטְשְׁן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, שְׁטֶעלְט עֶר אַלֵיין אוֹיף אוֹיף אִים מַחְלוֹקֶת, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּחִירָה.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ מוּז דוּרְכְגֵיין צָרוֹת, און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז זַיין צָרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה, און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין יוּנְגֶעלֶע וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין קַארֶעלֶע, און אֵיינֶער הָאט דָאס אָנְגֶעטְרֶעטְן און צוּבְּרָאכְן, וֵויינְט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק און עֶר הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, און אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ לַאכְט זִיךְ אוֹיס דֶערְפוּן, אָבֶער לָאמִיר זֶעהְן בַּיי אִים אַלֵיין אַז אַ גוֹי וֶועט אַרַיינְקְרַאכְן אִין זַיין קַאר, און דִי אִינְשׁוּרֶענְס וֶועט אַרוֹיפְגֵיין וְכוּ׳, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִי דֶער צַעַר פוּן דֶעם קְלֵיין יוּנְגֶעל פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נָאךְ אַ גְרֶעסֶערְן שֵׂכֶל, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז זַיין צָרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת א, יח): **יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב** – וָואס מֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה און אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ דַארְף מֶען אַרִיבֶּערְגֵיין. אָבֶער דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט שׁוֹין דִי מֹחַ שַׁיינֶען און לַייכְטְן, בִּיז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע מַצָּב.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת כז, כ): **לְהַעֲלוֹת נֵר תָּמִיד**. ׳נֵר׳ בַּאטְרֶעפְט: **יהו״ה-אהי״ה, יהו״ה-אלהי״ם, יהו״ה-אדנ״י**. ׳תָּמִיד׳ אִיז מְרַמֵז אוֹיף: **שִׁוִּיתִי הֲוָיָ״ה לְנֶגְדִּי תָמִיד** (תְּהִלִּים טז, ח). דָאס וַוייזְט אַז וָואס מֶער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ יִסוּרִים אָרִימְקֵייט אָדֶער מַחְלוֹקֶת, און עֶר

הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק
דֶערְהַאלְט זִיךְ, אַלְץ מֶער צִיהְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִין יֶעדְן פַאל.

ב.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר **שַׁבָּת זָכוֹר**, וָואס עֶס אִיז אַ 'מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא' צוּ הֶערְן אוּן גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּמֶעקְן דֶעם עֲמָלֵק, חַזַ"ל הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען זָאל לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן מְחִיַת עֲמָלֵק דַוְקָא פַאר פּוּרִים (מְגִילָה כ"ט ע"א), מֶען זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען, אַז הָמָן שְׁטַאמְט פוּן עֲמָלֵק, וָואס עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן עֵשָׂיו, אוּן דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂיו אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וָואס עֶר רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְש צוּ טוּהְן אַן עֲבֵירָה. אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (דְבָרִים כה, יח): **אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ** - עֶר הָאט דִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חוּרְבָּן, אַז עֶס וֶוערְט קַאלְט בַּיי אַ מֶענְטְש דָאס אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען קֶען עֶס דֶערְקֶענֶען אוֹיף דִי לְבוּשׁ, וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּהְן, כְּאטְשִׁיג עֶס שְׁטֵייט אִין **זֹהַר הַקָּדוֹשׁ** (בְּהַעֲלוֹתְךָ קנ"ג ע"א): טִפְּשִׁים קוּקֶען אוֹיף דִי דְרוֹיסֶענְדִיגֶער לְבוּשׁ, אָבֶּער דִי קְלוּגֶע קוּקֶען וָואס עֶס אִיז דָא אוּנְטֶער דִי לְבוּשׁ. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן מִיר אַ מִצְוָה צוּ גֵיין מִיט אַ אִידִישְׁן לְבוּשׁ, אוּן נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי גוֹיִם אוּן זֵייעֶרֶע וֶועגְן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן קע"ח סְעִיף א). חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ע"ד ע"ב): וֶוען עֶס אִיז דָא אַ גְזֵירָה פוּן שְׁמַד רַחְמָנָא לִצְלָן, דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַפִילוּ אוֹיף אַ שִׁיךְ בֶּענְדְל, לְמָשָׁל אַז דִי גוֹיִם גֵייעֶן מִיט רוֹיטֶע שִׁיךְ בֶּענְדְלֶעךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער מוּז גֵיין מִיט דִי שִׁיךְ בֶּענְדְלֶעךְ וַוייל אַזוֹי גֵייט דִי עֲבוֹדָה זָרָה, דַארְף מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוּן נִישְׁט גֵיין אַזוֹי.

אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפוּנֶען מִיר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן '**חָכָם וְתָּם**' (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשֶׂה ט), אַז דֶער חָכָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי מְשָׁרְתִים גֵייעֶן, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן וִוי

אַזוֹי זַיי גֵייעֶן מִיט דִי שְׁפִּיצִיגֶע שִׁיךְ אוּן דִי שִׁיפֶּע הִיטְן, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אָנְגֶעטוּהְן, אוּן אַזוֹי אִיז אִים דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דָאס לֶעבְּן, בִּיז עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפְן בְּלָאטֶע [זוּמְפּ], אוּן וֶוען דֶער תַּם הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן מַצָב, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס טוּסְטוּ דָא? גֶעבּ אַ קוּק וואוּ אַהִין דֶער רוּחַ [טַייוְול] הָאט דִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעטְרָאגְן! זָאגְט דֶער חָכָם: עֶס אִיז נִישְׁט קַיין רוּחַ, עֶס אִיז פָּשׁוּט מַיין בְּרוּדֶער וָואס עֶר אִיז מַיין שׂוֹנֵא, אוּן עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט נוֹקֵם גֶעוֶוען אִין מִיר. זֶעהְט מֶען וִוי וַוייט עֶר אִיז פַארְקְרָאכְן מִיט זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן זַיין נָאכְמַאכְן יֶעדְן, אַז אַפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוַואלְגֶערְט פַאר יִסוּרִים הָאט עֶר נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר מַאכְט אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז דָא צַדִיקִים וָואס זַיי קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, אַז עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת, עֶר זָאל טְרַאכְטְן: **הֲיֵשׁ הֲוָיָ"ה בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן** (שְׁמוֹת יז, ז), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז טַאקֶע מִיט מִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר טַאקֶע הָאבְּן? וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אַז גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט שׁוֹין (שָׁם, ח): **וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם יִשְׂרָאֵל 'בִּרְפִידִם'** - עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט דִי אִידְן, אוּן וואוּ אִיז דָאס גֶעוֶוען? אִין **רְפִידִים**. וַוייל זַיין עִיקָר כֹּחַ אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְגֶעלָאזְט פוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה (סַנְהֶדְרִין ק"ו ע"א), וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה קֶען מֶען גוּט אָפְּנַארְן אַ מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ צוּ מֶען לֶערְנְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ו): דֶער שָׂטָן אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס גֵייט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטְן הַאנְט, אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ, וַוייל מֶען מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיכֶער וָואס מֶען דַארְף, אוּן צוּם סוֹף

עֶפֶּענְט עֶר דִי הַאנְט, אוּן עֶס אִיז לֵיידִיג, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט; דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ, טֶעג, וָואכְן, חֲדָשִׁים, אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, אוּן נָאנְט בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער בַּיים סוֹף גֵיי אִיךְ אַוֶועק מִיט גָארְנִישְׁט אִין דִי הַאנְט, אִיךְ הָאבּ בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אַיינְגֶעקוֹיפְט.

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק זַיין אִין לֶערְנֶען תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין לֶעבְּן אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן, אוּן עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁמוּץ אִין דֶער וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאל עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וַוייל דֶער זֶעלְבֶּער רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם וָואס הָאט גֶעזָאגְט, וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּהְן, הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעטוּהְן עֶפֶּעס נִישְׁט גוּטְס, זָאל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן אַלֶעס וֶועט פַארָאכְטְן וֶוערְן.

״אוּן דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה״, אַזוֹי וִוי דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): **מִכֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם** - וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה, רֶעכְנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט קֵיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. דֶערְפַאר אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וְכוּ׳, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער תְּשׁוּבָה. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּטוּהְן מַאכְן פוּן דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן: אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט. [אַז אֵיינֶער קוֹיפְט זִיךְ אָן יֶעדֶע וָואךְ פַאר שַׁבָּת אַ גַאנְצֶע פַּאק מִיט צַייטוּנְגֶען, לַאכְט מֶען נִישְׁט, נָאר פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶענוּמֶען אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, מִדְרָשׁ, דַארְף מֶען לַאכְן?]

## האַלט זיך שְׁטאַרק

דָאס זָאגְט מֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה: **הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ 'לְתוֹרָתֶךָ'**; ווייל די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַז מֶען וויל תְּשׁוּבָה טוּהְן, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן: **הֲשִׁיבֵנוּ אָבִינוּ לְתוֹרָתֶךָ** - מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה. אוּן נָאכְדֶעם: **וְקָרְבֵנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ**, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דוּרְכְדֶעם: **וְהַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ**, אִיז מֶען זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אִינְגַאנְצְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת פְּרָיָה וּרְבִיָה, הֲלָכָה א, אוֹת י).

וֶועגְן דֶעם אַז מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַפִילוּ נָאר אֵיין וָוארְט, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן די גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, אוּן אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ דֶעם צוּ, קֶען מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם רֶעדְן אַגַאנְצְן טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער, לְמָשָׁל, אַז מֶען גֵייט אִין גְרָאסֶערִי אַיינְקוֹיפְן, אוּן דֶער גְרָאסֶערִי מַאן פְרֶעגְט דִיר: וָואס ווילְסְטוּ? קֶענְסְטוּ זָאגְן פַארְדֶעם שְׁטִילֶערְהֵייט: [**רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם!**] אִיךְ דַארְף אַ בְּרוֹיט, אַ מִילְךְ. שְׁטֶענְדִיג לֵייג צוּ די וָוארְט '**רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם**', אַזוֹי קֶען מֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ מַאכְן אַ תְּפִלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ה): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אִין אֶמוּנָה, אַז אַפִילוּ וֶוען עֶר רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן זָאל עֶר דֶעמָאלְטְס בֶּאֱמֶת רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער; נָאר מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס נִישְׁט כַאפְּן, אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין אַזַאלֶעכֶע זַאכְן, דֶערְפַאר אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין אַזַא צַדִיק, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל גוּט קוּקֶען, זֶעהְט מֶען אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן, פְּלוּצְלִינְג נֶעמְט דֶער מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ', אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען.

# האלְט זיך שְׁטאַרק

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר **רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שעו): אִיךְ הָאבּ אַ עִנְיָן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: רֶבִּי! אֶפְשָׁר לֶערְנְט אִיר מִיר דָאס אוֹיס? הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אִיךְ קֶען דִיר דָאס נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען. אָבֶּער וִויבַּאלְד רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַן עַקְשָׁן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס? הָאט אִים דִי רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ מִיט דִיר אוֹיךְ מֶער נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן.

אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז דָבוּק צוּם בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים, הֶערְט עֶר גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט וָואס יֶענֶער אִיז, וַוייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין הַארְץ זָאגְט עֶר אַרוֹיס. אוּן אַז אֵיינֶער רֶעדְט חָלִילָה **נִיבּוּל פֶּה** אִיז אַ סִימָן אַז עֶר פוּל מִיט שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א).

דָאס אִיז וָואס מִיר הָאבְּן אִין **'שַׁבָּת זָכוֹר'**, צוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס עֲמָלֵק הָאט גֶעטוּהְן מִיט דִי אִידְן, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם מִיט אַזַאלֶעכֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים, אוּן דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן וְכוּ', הָאבְּן אַלֶע פֶעלְקֶער מוֹרָא גֶעהַאט אוּן גֶעצִיטֶערְט פוּן דִי אִידְן, אַז זֵיי הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זֵיי, אוּן וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט זֵיי, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז גַאנְצֶע אוּמוֹת וָואס הָאבְּן גֶעהַאט צוּ טוּהְן מִיט דִי אִידְן זֶענֶען אָפְּגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן, בִּיז עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מִיט חוּצְפָּה אוּן עַזּוּת, אוּן דָאס אָפְּגֶעקִילְט, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, ט), אַ מָשָׁל: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קָאכֶעדִיגֶער מִקְוָה וָואס קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶט אַרַיינְצוּגֵיין אִין דֶעם, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אַרַיין, אַפִילוּ עֶר אַלֵיינְס הָאט זִיךְ טַאקֶע גוּט אָפְּגֶעבְּרִיהְט, הָאט עֶר דָאס קַאלְט גֶעמַאכְט פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדֶעם אַז עֶס גֶעשֶׁעהְט גָארְנִישְׁט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַואגְט אָנְצוּהֵייבְּן

מיט די אידן, און געוויזן פאַר אַלע אומות העולם, אַז עס געשעהט גאַרנישט אַז מען טשעפּעט חס ושלום די אידן.

און די זעלבע עמלק איז נישט נאָר געווען ביי 'יציאת מצרים' און 'קבלת התורה', נאָר זיי זענען נאָך היינט אויך דאַ, אַזוי ווי מען האָט זיך איבערצייגט ביי דעם ביטערן חורבן פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען אפילו אַלע ביליגע און נידערטרעכטיגסטע גוים, צום ביישפּיל די אוקריינישע, די פּוילישע, און אַזוי די איבריגע אומות ימח שמם, האָבן מורא געהאַט צו טשעפּענען די אידן, ביז די דייטשן ימח שמם זענען געקומען און געוויזן אַז מען קען טשעפּענען די אידן, און אַזוי האָבן אַלע נאָכדעם מיטגעטאַנצן, דערפאַר דאַרף מען דאָס געדענקען אַז עמלק מוז אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן.

און אַזוי ווי בכללִיות ליידן אידן פון עמלק, אַזוי אויך דאַרף יעדע מענטש בפרטיות שטענדיג געדענקען וואָס עמלק וויל טוהן מיט אים, נאָכדעם וואָס דער צדיק האָט אים אַרויסגעהאָלפן און אים אַרויסגענומען פון זיין טיפן פּלאָנטער, און אים מזכה געווען מיט אַלע גוטע זאַכן, און יעצט קומט אָן עמלק און מאַכט ליצנות דערפון, אַזוי ווי חז"ל זאָגן (מדרש שוחר טוב שמואל, פּרשה יב) אויפן פּסוק (משלי יט, כה) **לץ תכה - זה עמלק**; ווייל די כח פון עמלק איז ליצנות. וועגן דעם זאָגט די גמרא (ברכות נ"ח ע"א), אויף דעם פּסוק (דברי הימים-א כט, יא): **לך הוי"ה הממלכה - זו מלחמת עמלק**; דורכדעם וואָס אַ מענטש ווייסט אַז נאָר דער אייבערשטער איז דאַ, און ער איז שטאַרק ביי דעם, מיט דעם האַלט ער מלחמה מיט עמלק, וואָס וויל נאָר אַריינברענגען אין אַ מענטש ספיקות אין אמונה, און אַזוי מעקט מען אים אויס.

## האלְט זיךְ שְׁטאַרק

אָבֶּער דִי מִצְוַת-עֲשֵׂה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק אִיז אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז עֲמָלֵק מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ קַאלְט, און צוּקְלַאפְּט אִים פוּן יוּנְגְוֶוייז אוֹיס, און עֶר רֶעדְט אִים אַיין, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, [אַמָאל קֶען זַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין, אָדֶער אַ מְלַמֵד הָאט אִים צוּקְלַאפְּט], פְּסִיכִילָאגְן זָאגְן: בִּיז דִי זִיבֶּעצְן אַכְצְן יָאר הָאט שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ גֶעהֶערְט עֶטְלִיכֶע פֶערְצִיג טוֹיזֶענְט מָאל דִי ווערְטֶער: בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ שְׁלִי׳מַזָל אֵיינֶער, דוּ טוֹיגְסְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, און דָאס גְלַייכְן. און ווִיבַּאלְד עֶר הֶערְט דָאס אַזוֹי סַאךְ מָאל, גֵייט דָאס אַרַיין אִין אִים, און עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ פוּן זַיין לֶעבְּן, נָאכְדֶעם אִיז אִים שׁוֹין שְׁוֶוער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, און וֶוען עֶר הָאט חַתוּנָה קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ, [מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ], און אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דָאס אַלֶעס הָאט עֲמָלֵק גוֹרֵם גֶעוֶוען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אִים אָפְּצוּמֶעקְן.

### ג.

חַזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א, הַלָכָה ד), אַז אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים ׳כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ׳. מֶען גֶעט צְדָקָה רֶעכְטְס און לִינְקְס פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם, און מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת, [כָאטְשׁ אַגַאנְץ יָאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, און אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן וואוּ צוּ גֶעבְּן דִי אוֹיסְגֶעהָארֶעווֶעטֶע און אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט, דִי צְדָקָה זָאל גֵיין אוֹיף גוּטֶע פְּלֶעצֶער, און דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן און אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ און קִינְדֶער], אָבֶּער פּוּרִים מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת מֶען הֶעלְפְּט יֶעדְן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּהְן צְדָקָה און הֶעלְפְן אִידְן, און דֶער עִיקָר צְדָקָה אִיז

מְזַכֶּה צוּ זַיין, אַז נָאךְ אִידְן זָאלְן וִויסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט זַיינְס אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד צוּ אַ גֶעוִויסְן פְּלַאץ, עֶר זָאל דָארְט מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְן דָארְט זַיין בְּעֶרֶךְ אַ יָאר, קוּמְט עֶר צוּרִיק צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר זָאגְט: אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶע'פּוֹעֵל'ט. פְרֶעגְט אִים דִי צַדִּיק: אַ גְלָאז וַואסֶער קֶענְסְטוּ גֶעבְּן פַאר אַ אִיד? זָאגְט עֶר: יָא. אוֹיבּ אַזוֹי - פְּרֶעגְט אִים דִי רֶבִּי - פַארְוָואס הָאסְטוּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּהְן, אוּן מְזַכֶּה גֶעוֶוען אַ אִיד זָאל מַאכְן אַ 'שֶׁהַכֹּל'?

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט פַאר זִיךְ אַ נְסִיעָה זָאל עֶר פָארְן, אֶפְשָׁר דַארְף עֶר דָארְט עֶפֶּעס אוֹיפְטוּהְן, וַוייל וואוּ אַ אִיד גֵייט, טוּט עֶר עֶפֶּעס אוֹיף; דָא דַארְף עֶר אַרוֹיסְגֵיין, דַארְף עֶר זִיךְ נָאכְדֶעם וַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין וַואסֶער גֵייט עֶר צוּם גוֹי, עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל וַואסֶער, אוּן אַזוֹי מַאכְט עֶר 'אֲשֶׁר יָצַר' אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין אֲשֶׁר יָצַר, אוּן דָא מַאכְט עֶר אַ 'שֶׁהַכֹּל' וְכוּ', וַוייל אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ עֶר גֵייט הָאט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן דָארְטְן מִיט אַ אִיד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס דֶערְפוּן. פַארְן מֶענְטְשׁ דַאכְט זִיךְ נָאר אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּהְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶע'פּוֹעֵל'ט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דִי רֶגַע וָואס מֶען רֶעדְט מִיט אַ אִיד פוּן אֱמוּנָה, אוּן עֶר טְרַאכְט אוֹיף אֵיין מִינוּט: אֶפְשָׁר אִיז עֶר גֶערֶעכְט, עֶס אִיז טַאקֶע דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט! אַפִילוּ אַ מִינוּט נָאכְדֶעם הָאט עֶר שׁוֹין פוּן אַלֶעם פַארְגֶעסְן, דָאךְ אִיז דָאס אִין הִימְל מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקמג), וַוייל יֶעדֶע קְלֵיינֶע רִיר וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אָבֶּער אִין הִימֶעל אִיז

**הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק**

דָאס מוֹרָא׳דִיג מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, אוּן עֶר גֵייט דוּרְכְדֶעם זֵייעֶר וַוייט אִין דִי **קְדוּשָׁה** (עַיֵין בְּשִׂיחוֹת שֶׁאַחַר הַסִּיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת).

ד.

פּוּרִים אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן טְרִינְקֶען ׳**עַד דְּלֹא יָדַע**׳, דָאךְ דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ מְקַיֵים זַיין מִיט **שֵׂכֶל**, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרִינְקְט זִיךְ אָן בִּיז עֶר לִיגְט וִוי אַ ׳**פֶּגֶר**׳ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהְן, נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט דַאוְוענֶען **מַעֲרִיב**, אוּן דָאס טְרוּנְקֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער (עַיֵין כַּף הַחַיִּים סִימָן תרצ״ה ס״ק יז), דֶערְפַאר דַארְף מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת, אוּן נָאכְדֶעם טַאנְצְט מֶען אַזוֹיפִיל, אַז מֶען אִיז שׁוֹין גֶענוּג שִׁיכּוֹר פוּן זִיךְ אַזוֹי סַאךְ דְרֵייעֶן אוּן טַאנְצְן.

דֶער הֵיילִיגֶער **רַמָ״א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** וָואס אִיז גֶעוֶוען **רָב** אִין דִי שְׁטָאט קְרָאקָא, פְלֶעגְט אַלְץ אַחֲרָיוּת זַייעֶנְדִיג דֶער רָב פוּן שְׁטָאט, אַרוּמְגֵיין פּוּרִים בַּיינַאכְט, דֶערְמַאנֶען דֶעם עוֹלָם צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן צוּ דַאוְוענֶען מַעֲרִיב; וַוייל פּוּרִים אִיז אָפֶען אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן מֶען קֶען פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אוּן בַּאקוּמֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל, מֶען דַארְף נָאר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצג; שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן סב): דִי מַחְשָׁבָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אוֹיב טְרַאכְט עֶר מִיטְן גַאנְצְן מַחְשָׁבָה עֶפֶּעס, וֶועט עֶר עֶס הָאבְן, אוּן אַז עֶר וִויל גֶעלְט, וֶועט עֶר הָאבְן גֶעלְט.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שֶׁעדִיגְן אָדֶער שְׁלָאגְן אַן אַנְדֶערְן, וָואס דָאס קוּמְט פָּשׁוּט פוּן רִשְׁעוּת אוּן פוּן זִיךְ וֶועלְן נוֹקֵם זַיין, נָאר אַ גַאנְץ יָאר שֶׁעמְט עֶר זִיךְ דָאס צוּ טוּהְן, טוּט עֶר דָאס פּוּרִים מִיטְן

אויסרייד אַז ער איז שיכּור. אָבער דער סימן אַז מען איז באמת שיכּור איז ווען מען קישט אַ צוויטן, און מען זאָגט אים: איך האָב דיר אַזוי ליב וכו׳.

ה.

אַזוי אויך דאַרף מען זייער אַכטונג געבן פּורים, נישט חלילה צו מאַכן ליצנות און חוזק פון ערליכע אידן, אַזוי ווי מען זעהט ליידער עזות פּנים׳ער וואס וואגן זיך רחמנא לצלן צו מאַכן ליצנות און געשפּעט אין פּראַנט פון גרויסע צדיקים מנהיגי ישראל, וואס האָבן זיך מוסר נפש געוועזן פאַרן באַשעפער, און מען לייגט דאס אָן, אַלץ ׳מנהג ישראל׳ פון מאַכן אַ **פּורים רב**, וואס באמת האָט דאס נישט קיין מקור, אַדרבה אַז מען איז זוכה און מען גייט צו אַ צדיק פּורים, זאָל מען גוט צולייגן דעם אויער און הערן וואס ער זאָגט, וועט מען הערן אַזאַלכע זאַכן וואס אַ גאַנץ יאָר הערט מען נישט. איך האָב אַליין געהערט פּורים פונעם הייליגן סאַטמאַרער רבי׳ן זכותו יגן עלינו בשעת ער איז שוין געווען בגילופין, מיט דעם לשון: איין זאַך ווייסט דער בורא-כּל-עולמים, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שלעכטן געדאַנק.

ו.

דער הייליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן יז): שבּת דאַרף מען זיין מורא׳דיג פריילעך; און מען זעהט אַז דער שטן פאַרלייגט זיך און לויפט אַרום יעדן ערב שבּת אין אַלע אידישע שטובער, און ער אַרבעט אָן אַז עס זאָל זיין דאָרט מחלוקת, מען טשעפּעט זיך מיט די ווייב וכו׳, אַזוי אַז די גאַנצע שבּת איז שוין צושטערט (עיין מורה באצבע סימן ד, אות קמ), דערפאַר דאַרף מען פּרובירן מיט אַלע כּוחות, און אַסאך בעטן דעם אייבערשטן, צו זיין נאָר פריילעך אין שבּת, בפרט דעם שבּת זכור, דאַרף מען שוין זיין זייער פריילעך אין שטוב.

אוּן נָאכְדֶעם פּוּרִים אַלֵיין דַארְף מֶען דָאךְ אַוַודַאי זַיין מוֹרָא׳דִיג פְּרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע נַאדְבוּרְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דִי יוּגֶענְט וָואס הֵייסְט מְשַׂמֵחַ זַיין אַ אִיד, וָואלְט אִיךְ אַ גַאנְץ פּוּרִים נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידְן, וַוייל דֶער עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן פּוּרִים אִיז נָאר ׳שִׂמְחָה׳, אוּן אַפִּילוּ דָאס וֵויינֶען דַארְף אוֹיךְ נָאר זַיין מִיט שִׂמְחָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קעה).

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פּוּרִים: אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ הֶערְן אֵיינְמָאל דִי מְגִילָה לֵיינֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כְּדַאי.

צַדִיקִים זָאגְן: דִי לָשׁוֹן ׳מְגִילַת אֶסְתֵּר׳ וַוייזְט אוּנְז, אַז דִי מְגִילָה אִיז ׳מְגַלֶה׳ אוּן דֶעקְט אוֹיף דִי ׳הַסְתָּרָה׳ וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נו). אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ אֶסְתֵּר רַבָּה ג, י; מְגִילָה ט״ו ע״א): וואוּ עֶס שְׁטֵייט ׳הַמֶלֶךְ׳ אִין דִי מְגִילָה, גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט.

ז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עד): פּוּרִים אִיז דִי הַתְחָלָה פוּן אַלֶע יָמִים טוֹבִים; אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג, וֶועגְן דֶעם אִיז פּוּרִים רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִ׳מִצְרַיִם וְ׳לֹא יֵ׳רָאוּ פָ׳נַי רֵ׳יקָם (שְׁמוֹת כג, טו). אַפִּילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, בִּפְרַט מִיט דִי מִצְוָה פוּן ׳צְדָקָה׳. דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב, רֶבִּי יִשָׂכָר דוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעזָאגְט: אַז אַ אִיד גֵייט נָאךְ צְדָקָה אִין אַלֶע פִיר עֶקְן פוּן שְׁטָאט, פַּטֶר׳ט עֶר פוּן זִיךְ דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין: סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, וְחֶנֶק. וָואס עֶס קוּמְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר טוּט עֲבֵירוֹת.

## הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק

חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ל'): וֶוען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען דִי סַנְהֶדְרִין, אוּן מֶען הָאט דַן גֶעוֶוען יֶעדְן וָואסְפַּארַא מִיתָה עֶס קוּמְט אִים, אָבֶער אַפִילוּ יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא דִי סַנְהֶדְרִין, דָאךְ אִיז אָבֶער דָא דִי עוֹנֶשׁ פוּן דִי ד' מִיתוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, עֶס פַּאסִירְט אַן עֶקְסִידֶענְט מִיט אַ קַאר, אָדֶער אַ 'שְׂרֵיפָה', אָדֶער מֶען אִיז דֶערשְׁטִיקְט גֶעוָוארְן, דֶערטְרָאנְקֶן גֶעוָוארְן, אָדֶער גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאס אַלֶעס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. אָבֶער אַז אַ אִיד גֵייט אִין אַלֶע פִיר עֶקְן פוּן שְׁטָאט נָאךְ צְדָקָה נֶעמְט עֶר דָאס אַלֶעס אַרָאפּ פוּן זִיךְ.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם גְרוֹיסְן טָאג פוּן פּוּרִים, אָדֶער מֶען זָאל גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אָדֶער מֶען זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָדֶער מְחַזֵק זַיין אִידְן אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָבֶער נִישְׁט סְתַּם מַאכְן לֵיצָנוּת אוּן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ.

### ח.

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּקוּנִים נ"ז ע"ב): **פּוּרִים** אִיז גְרֶעסֶער פוּן **יוֹם כִּיפּוּר**, וָואס מֶען רוּפְט דָאס **יוֹם כְּ'פּוּרִים** - אַ טָאג אַזוֹי וִוי פּוּרִים. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין, יוֹם כִּיפּוּר אִיז מֶען דָאךְ מוֹחֵל דִי עֲבֵירוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ?! נָאר וַוייל יוֹם כִּיפּוּר אִיז מֶען טַאקֶע מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת **'בֵּין אָדָם לַמָקוֹם'**, וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט אַקֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוֹיבּ גְלֵייבְּט עֶר אַז דִי טָאג אִיז מְכַפֵּר [אוּן עֶר זָאגְט וִוידוּי] אִיז מֶען אִים אוֹיף אַלֶעם מוֹחֵל (רַמְבַּ"ם שְׁגָגוֹת פֶּרֶק ג, הַלָכָה י). אָבֶער אוֹיף עֲבֵירוֹת פוּן **בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ** - אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַן אַנְדֶערְן, אִיז יוֹם כִּיפּוּר נִישְׁט מְכַפֵּר בִּיז עֶר בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער (יוֹמָא דַף פה ע"ב). כָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ רֶבִּי'ן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, הֶעלְפְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם יוֹם כִּיפּוּר, אוּן מֶען וֶועט נָאךְ טַייעֶר בַּאצָאלְן

דֶערְפַאר דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַמָאל לַיידְט מֶען פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן דִי וַוייבּ, פוּן שְׁכֵנִים, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חָלִילָה זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן, אָדֶער מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן, אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען דִיר אַ טוֹבָה צוּ טוּהְן.

אָבֶּער פּוּרִים טוּט מֶען 'תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה', מֶען אִיז מְחַזֵק אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן '**מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת**', מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגְלַייכְן אֵיינֶער מִיט אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט טַאקֶע, אַז פּוּרִים נֶעמְט מֶען זִיךְ אַרוּם אוּן מֶען קִישְׁט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מְמֵילָא וֶוערְט שׁוֹין פַארְרִיכְטְן דִי עֲבֵירוֹת פוּן '**בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ**', וֶועגְן דֶעם אִיז פּוּרִים נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר.

ט.

חַזַ"ל זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב מִשְׁלֵי, ט): אַלֶע יָמִים טוֹבִים וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן, אָבֶּער פּוּרִים וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שְׁאֵלָה, מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז אֵיינְס פוּן דִי דְרַייצְן עִיקָרִים פוּן אֱמוּנָה אִיז, אַז קַיין אֵיין טְרָאפּ פוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן: **אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה לֹא תְּהֵא מוּחְלֶפֶת, וְלֹא תְּהֵא תּוֹרָה אַחֶרֶת מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ**. אוֹיבּ אַזוֹי וָואס הֵייסְט אַז אַלֶע יָמִים טוֹבִים וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן?!

נָאר דִי הֵיילִיגֶע רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): יֶעדֶע יוֹם טוֹב רוּפְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס אִיז מְגַלֶה פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט אִינְגַאנְצְן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל; אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה. אָבֶּער פּוּרִים וִויבַּאלְד מֶען מֶעקְט אוֹיס דֶעם אֵייגֶענֶעם עֲמָלֵק וָואס

## הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק

מֶען הָאט אִין זִיךְ, וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קַשְׁיוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, מְמֵילָא בַּאקוּמְט מֶען אַזַא מִין שִׂמְחָה, אַז קֶעגְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וֶוערְט בָּטֵל דִי שִׂמְחָה פוּן דִי דְרֵיי יָמִים טוֹבִים, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ צַייט פוּן שִׂמְחָה, דָאךְ וֶועט דָאס בָּטֵל וֶוערְן צוּ דִי שִׂמְחָה פוּן פּוּרִים, אוּן דָאס וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין בַּיי דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶערְלֶעבְן דָאס צוּ זֶעהְן מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קי״א): **ר׳אשׁ בְּ׳נֵי יִ׳שְׂרָאֵל** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ״רֶבִּי״, אוּן פַּארְקֶערְט, **רְ׳שָׁעִים בְּ׳חֹשֶׁךְ יִ׳דָּמּוּ** (שְׁמוּאֵל א, ב): אִיז אוֹיךְ רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ״רֶבִּי״.

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן קֵיין רְשָׁעִים, בֵּיידֶע רֶבִּי׳ס זֶענֶען צַדִּיקִים, דִי חִילוּק אִיז נָאר בַּיי דִי חֲסִידִים, אֵיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים **כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי קֶעפּ פוּן יוּדִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְחַזֵּק, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אַז יֶעדֶער אִיד קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

ווידֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶער רֶבִּי, אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחַ אוֹיסְצוּוֹלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זַיין צַדִּיקִים, אוּן דֶערְפַאר אִיז **רְשָׁעִים בְּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ**, דִי חֲסִידִים בְּלַייבְּן מִיט זֵייעֶר רִשְׁעוּת, מִיט זֵייעֶר חוֹשֶׁךְ, אוּן מִיט זֵייעֶרֶע דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זוּכְן אַזַא צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם קָאפּ, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ כִּי תִשָּׂא תש"ס לפ"ק)

בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט: אַז 'שִׂמְחָה' אִיז דִי 'גְאוּלָה' וָואס לֵייזְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוֹיךְ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן 'אַחְדוּת' אוּן 'שָׁלוֹם' בַּיי אִידְן.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

לֵיל שִׁשִּׁי כִּי תִשָּׂא תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַּארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

איינֶער פון אונְזֶערֶע לַייט הָאט גֶעטְרָאפְן אַ איד וָואס איז אַריינְגֶעפַאלְן אין מָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט עֶר אִיהְם פְּרוּבִּירְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, הָאט אִיהְם יֶענֶער איד גֶעעַנְטְפֶערְט וָואס ווילְסְטוּ פון מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וויאַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? הָאט אִיהְם דֶער פון אונְזֶערֶע לַייט גֶעעַנְטְפֶערְט עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט פון בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זי״ע אַז שִׂמְחָה אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם זַיי פְרֵיילִיךְ, דוּ זָאגְסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, גֶעדֶענְק וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַיין דֶעם לֶעבְּן קְרִיכְט אוֹיף דֶעכֶער און אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, עֶר טוּט מְסוּכָּנְדִיגֶע אַרְבֶּעט עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, און דָא בֶּעהְט מֶען דִיר יֶעצְט גָארְנִישְׁט, נָאר זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ און שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען, און דָאס קוּמְט דִיךְ אוֹיכֶעט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער? הָאט זִיךְ דֶער אִיד זֵייעֶר צוּלַאכְט, און דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִיהְם גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ קֶען גְרַאדֶע דֶעם אִיד.

**(אַשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק ו׳ מִכְתָּב תש״ח)**

# שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): **אַ מֶענְטְשׁ דַארְף** זִיךְ צְוִוינְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת [בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ] קוּמְט נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּבְּרָאכְן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אִים זַיין קָאפּ זֵייעֶר קְלֵיין אוּן אַיינְגֶעצוֹיגְן, מִמֵּילָא נֶעמְט עֶר זִיךְ אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זִיךְ אַלֵיין גוֹרֵם צָרוֹת וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר נִישְׁט מְדַקְדֵק אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעקֶערְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד צְוִוישְׁן 'אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ' **רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** [דֶער שְׁוֶוער פוּן הָרַב הַחָסִיד **רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**], עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרוּם, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ נָאר הַארְטֶע בְּרוֹיט, [הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶערְפוּן טָאסְט אוּן אַרוֹיפְגֶערִיבְּן קְנָאבְּל אוֹיף דֶעם] אוּן טֵיי, דָאס הָאט מֶען גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא לֶעכְטִיגֶע צוּרָה [אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אוּן גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ], כְּאִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יֶעצְט גֶעגֶעסְן אַ פוּלֶע פָּארְצְיֶע בְּהֵמָה פְלֵייש.

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי מִדָּה פוּן ׳שִׂמְחָה׳, אַז עֶר הָאט פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט יֶעדְן אִיד [אַפִילוּ לְהַבְדִיל גוֹיִם], עֶר פְלֶעגְט טַאנְצְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער מֶעְיָאר פוּן דֶעם שְׁטֶעטְל ׳קוּבְּלִיטְשׁ׳ הָאט אִים אַמָאל גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה אַ קוּה, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר אִים אַ גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, וַוייל אַ קוּה גֶעט מִילְךְ, אוּן פוּן דִי מִילְךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט קֶעז מִיט סְמֵייטֶע אוּן פוּטֶער.

זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן [פַאר עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם קוּה]: אַהֲרֹן! וָואס פְרֵייסְטוּ דִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק? דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאךְ נָאר הַארְטֶע בְּרוֹיט מִיט קְנָאבְל, אוּן אַבִּיסְל טֵיי?! הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ גְלֵייבְּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ אַמָאל זַיין גוּט? זָאגְט זִי: אַוַודַאי! זָאגְט עֶר: אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? זָאגְט זִי: אַז מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער אַוַודַאי וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ! זָאגְט עֶר אִיר: ״אִיךְ בָּארְג זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְטְס״.

זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט גְלַייךְ צוּפְרִי ׳וָתִיקִין׳, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעפּוּצְט דִי שִׁיךְ, אוּן זִיךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי בְּגָדִים, אוּן גֶענוּמֶען אַ טַאשְׁקֶע אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְטְן סְפָרִים, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר אַוֶועק גֵיין יֶעדְן טָאג פוּן שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַ תְּמִימוּת׳דִיגֶע פְרוֹי פְלֶעגְט זִי אִים פְרֶעגְן: אַהֲרֹן! וואוּ גֵייסְטוּ? זָאגְט עֶר: אִיךְ הָאבּ גֶעשֶׂעפְטְן צוּ מַאכְן. אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין שׁוּהְל אָדֶער אִין פֶעלְד, בַּיינַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

וַיְהִי הַיוֹם, דִי וַוייבּ גֵייט אַרוֹיס אִין מַארְק אַיינְקוֹיפְן עֶפֶּעס, אוּן זִי הָאט צוּגֶעבּוּנְדְן בִּיז דֶערְוַוייל דִי קוּה מִיט אַ שְׁטְרִיק אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אוּן וֶוען זִי קוּמְט צוּרִיק, זֶעהְט זִי צוּ אִיר גְרוֹיס וֵוייטָאג, אַז דִי קוּה לִיגְט דָארְט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן טוֹיטֶערְהֵייט, עֶס הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַרוּם דִי

שְׁטְרִיק אוּן זִיךְ דֶערְשְׁטִיקְט, זִי אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער, טְרֶעפְט עֶר זַיין וַוייבּ אוּן דִי טֶעכְטֶער וֵויינֶען בִּיטֶערְלִיךְ: דִי גַאנְצֶע עֲשִׂירוּת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִיז אִין אֵיין מִינוּט פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, וַוייל דִי קוּפָּה אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. הֵייבְּט עֶר אוֹיף זַיינֶע צְוֵויי הֶענְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "דַאנְקֶען גָאט אַז נָאר דִי קוּפָּה אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ קִינְד".

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין מִילִיטֶער בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג, אִיז פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ גֶעזֶעץ, אַז וֶוער עֶס הָאט קִינְדֶער קֶען בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן מִילִיטֶער, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין מִילִיטֶער, אִיז זַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בַּאזֶע וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם הוֹיפְּט, אַז זַיין זוּהְן אַהֲרֹן הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען זָאל אִים בַּאפְרֵייעֶן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ בַּאפְרַייאוּנְג, יֶעצְט הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט גֵיין זוּכֶען צְוִוישְׁן דִי טוֹיזֶענְטֶער גוֹיִם...

דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטִיקְל שֶׁטַח אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ סָאלְדַאט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי סָאלְדַאטְן פוּן יֶענֶע פְּלַאץ, הָאט אֵיין סָאלְדַאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן צְוֵוייטְן זַיין נָאמֶען, מֶען זָאל קוּקֶען וואוּ עֶר אִיז, אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט, אִינְמִיטְן הֶערְט זַיין טַאטֶע וִוי אֵיינֶער שְׁרֵייט: **שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא!** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זַיין זוּהְן אַהֲרֹן, וָואס קְלָאגְט אוֹיף דִי צָרוֹת פוּן אִידְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט.

אוֹיךְ פַארְצֵיילְט מֶען אוֹיף אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִילִיטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט נֶעבֶּעךְ זֶעגְן דִיקֶע בֵּיימֶער פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת'ן זֶעגְן (זְמִירוֹת לֵיל שַׁבָּת, זֶמֶר כָּל

מְקַדֵשׁ): **עֲזוֹר עֲזוֹר, עֲזוֹר לַשּׁוֹבְתִים בַּשְׁבִיעִי, "בֶּחָרִישׁ וּבַקָצִיר" עוֹלָמִים** [מִיטְן בַּאקַאנְטְן בְּרֶסְלֶבְ'ן נוּסַח].

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה, אַז כָאטְשִׁיג מֶען אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן מֶען דַארְף נֶעבֶּעךְ אַרְבֵּייטְן שַׁבָּת אִין מִילִיטֶער, דָאךְ זָאל מֶען זִיךְ נָאךְ אַלְץ מְחַיֶה זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

אוּן דָאס אִיז דִי סוֹד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אַפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, אוּן צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

מֶען זֶעהְט אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען עֶנְדֶערְשׁ פַּאסְטְן, זִיךְ קוֹילֶערְן אִין שְׁנֵיי, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מַאכְן אַלֶע אַנְדֶערֶע סִיגוּפִים, אָבֶּער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר נִישְׁט בַּאוַוייזְן, וַוייל דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ).

מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עד): **נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען 'פַּרְשַׁת פָּרָה'**, וָואס דָאס אִיז אַן הֲכָנָה צוּ פֶּסַח, וַוייל אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה לֵיינְט מֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן 'טוּמְאַת מֵת', כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט זַיין טָמֵא אוּן קֶענֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם 'קָרְבָּן פֶּסַח', **אָבֶּער בֶּאֱמֶת פּוּרִים אַלֵיין הָאט שׁוֹין אוֹיךְ אַ שַׁיְיכוּת צוּ פֶּסַח**, וַוייל דִי נָאמֶען פּוּרִים קוּמְט פוּן דִי וָוארְט 'פּוּר' [גוֹרָל], אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין כַּוָונוֹת הָאֲרִיזַ"ל בְּסוֹד הִפִּיל פּוּר וּבְסוֹד פָּרָה אֲדוּמָה): אִין דֶעם לִיגְט דֶער סוֹד פוּן 'פָּרָה'. וַוייל פּוּרִים אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ פֶּסַח וְכוּ', וֶועגְן דֶעם אִיז דִי אוֹתִיוֹת פוּן דֶעם וָוארְט 'פּוּרִים' מְרוּמָז אִין אַ פָּסוּק וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי פֶּסַח, (שְׁמוֹת כ"ג, ט"ו): **שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב, כִּי בוֹ יָצָאתָ מִ'מִּצְרָיִם וְ'לֹא יֵ'רָאוּ פָ'נַי רֵ'יקָם.** וָואס דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער אִיז רָאשֵׁי־תֵּבוֹת: **פּוּרִים**; וַוייל דוּרְךְ **פּוּרִים** קֶען מֶען זִיךְ

אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חָמֵץ אִין פֶּסַח, [מֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט מַסְבִּיר גֶעוֶוען].

נָאר עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִין אָנְפַאנְג אִיז גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶועגְן דֶעם זֶענֶען אַלֶע מִצְוֹת אַ זֵכֶר צוּ 'יְצִיאַת מִצְרַיִם', אָבֶּער 'יֶעצְט'... [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט צוּ גֶעעֶנְדִיגְט].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הָרֵיחַ הֲלָכָה ד, אוֹת כה): אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'פּוּרִים', אַז יֶעצְט פַאנְגְט זִיךְ אַלֶעס אָן פוּן פּוּרִים; אוּן אַלֶע מִצְוֹת אוּן קְדוּשׁוֹת וָואס אַ אִיד הָאט, נֶעמְט זִיךְ פוּן פּוּרִים.

דָאס הֵייסְט, כָאטְשִׁיג אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ מִצְוָה דְרֵיי מָאל אַ יָאר אַרוֹיפְצוּגֵייִן עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן בְּרֶענְגֶען אַ 'קָרְבָּן רְאִיָה', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁם, שָׁם): וְלֹא יֵרָאוּ פָּנַי רֵיקָם - זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט [וַוייל עֶס אִיז דָא דָארְט אָן אַ שִׁיעוּר כֹּהֲנִים, וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן צוּעֶסְן], אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוֹיף דֶעם וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִינֶעם בֵּית-הַמִקְדָשׁ הָאט מֶען גֶעזֶעהְן דִי שְׁכִינָה, אוּן פוּן דֶעם הָאט מֶען בַּאקוּמֶען חַיוֹת פַאר אַ גַאנְץ יָאר.

דָאךְ אָבֶּער יֶעצְט פַאנְגְט זִיךְ שׁוֹין אַלֶעס אָן דוּרְךְ פּוּרִים, וַוייל דֶער עִיקָר פוּן פּוּרִים אִיז דִי שִׂמְחָה וָואס מֶען פְרֵיידְט זִיךְ דֶעמָאלְטְס, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיי אַ אִיד.

ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י): פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין **יִשׁוּב הַדַעַת**, אוּן פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין **יִשׁוּב הַדַעַת**? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט דִי גוּטְס בַּיי

זִיךְ; עֶר טְרַאכְט: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט װערְד, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין גוּטְס אִין מִיר. דֶערְפַאר - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס - דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אַלֵיין: שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי - בָּרוּךְ הַשֵּׁם, ווִי אַזוֹי אִיךְ קוּק נָאר אוֹיס, דָאךְ קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט! אוּן דִי 'נְקוּדָה טוֹבָה' קֶען מִיר קֵיינֶער נִישְׁט צוּנֶעמֶען.

'מַחֲשָׁבָה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת פוּן 'בְּשִׂמְחָה', וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען אַ 'גַדְלוּת הַמּוֹחִין', מְמֵילָא לֶעבְּט מֶען בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַן אַנְדֶערְן.

מֶען זֶעהְט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ פַאר אֵיין דָאלֶער אָדֶער אַפִילוּ פַאר אַ פֶּענִי וועט עֶר זִיךְ הַרְגֶ'ענֶען, עֶר וֶועט גֵיין אַ פָּאר מַייל ווַייטֶער וַוייל דָארְט אִיז דִי פְּרוּכְט בִּילִיגֶער מִיט אַ הַאלְבְּן דָאלֶער, עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז דִי קַאר אָדֶער דִי בַּאן קָאסְט אוֹיךְ גֶעלְט, אוּן סַךְ הַכֹּל הָאט עֶר פַארְדִינְט פִיר פִּינֶעף דָאלֶער, וָואס דָאס קָאסְט אִים שׂוֹין דִי שְׁפֶּעזְן!

חַזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין ג׳ ע"ב; וְעוֹד) וֶוען מֶען נֶעמְט שְׁטְרִיק צוּ מֶעסְטְן דִי שִׁיעוּר פוּן 'תְּחוּם שַׁבָּת' זָאל מֶען נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אוֹיסְגֶעצוֹיגֶענֶע שְׁטְרִיק, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שׂוֹחְקוֹת', אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין אַיינְגֶעצוֹיגֶענֶע שְׁטְרִיק וָואס עֶס הָאט אַיינְגֶעשְׁרִימְפְּט, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'עַצֵיבוּת', וַוייל דֶעמָאלְטְס אִיז עֶס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ.

קֶען מֶען זָאגְן אַ רֶמֶז פַארְוָואס וֶוען עֶס אִיז אַיינְגֶעשְׁרִימְפְּן וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן עַצְבוּת - טְרוֹיעֶרִיג, אוּן וֶוען עֶס אִיז אוֹיסְגֶעצוֹיגְן וֶוערְט עֶס אָנְגֶערוּפְן שׂוֹחְקוֹת - שְׁמֵייכְלְדִיג? נָאר מֶען קֶען זֶעהְן בְּחוּשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת אוּן צוּבְּרָאכְן, אִיז זַיין קָאפּ אַיינְגֶעשְׁרִימְפְּן, אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַטְנוּת, אוּן פַאר אַ נִישְׁטִיגְן דָאלֶער וֶוערְט עֶר אוֹיס

מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׂוֹחְקוֹת - פְרֵיילִיךְ, לֶעבְּט עֶר מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אִין מֹחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ **זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** זָאגְט (פַּרְשַׁת מִקֵּץ): קַארְגְקֵייט אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַחֲלָה, וָואס יֶעדֶער אִיז לֵיידֶער גֶעכַאפְּט דֶערִין אַבִּיסְל, אוּן מֶען מוּז דָאס אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ. אוּן אַסַאךְ מָאל לִיגְט דֶערִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע אַכְזָרִיוּת אוֹיךְ, לְמָשָׁל אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס פַּאר פוֹילְקֵייט שְׁטֵייט עֶר אוֹיף עֶלֶעף אַזֵייגֶער, אוּן הֶערְשְׁט אֵיינְס אַזֵייגֶער שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ דַאוֶוענֶען וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אִיז אִים שׁוֹין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן זַיין וַוייבּ דַארְף נֶעבֶּעךְ אַרְבֶּעטְן, אוּן זִיךְ נָאךְ זָארְגְן פַּאר דִי קִינְדֶער אוֹיךְ, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר נָאךְ צוּ אִיר גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס זִי הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט דֶערְפַאר, מִיט דִי טַעֲנָה אַז עֶר דַארְף דִי גֶעלְט פַּאר זַיינֶע הוֹצָאוֹת, אָדֶער טֵיילְט עֶר אִיר אַיין וָואס צוּ טוּהְן מִיט דִי גֶעלְט, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת. אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען נִישְׁט מְדַקְדֵק אוּן מֶען אִיז מְוַותֵּר אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט.

אוּן אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ שִׂמְחָה, לַיידְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער פוּן קַיין פְּחָדִים, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַז קִינְדֶער שְׁטָאלְפֶּערְן, דָאס אִיז וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (גִיטִין ו׳ ע״ב): אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיפְלֵייגְן אִיבֶּעריגֶע שְׁרֶעק אִין שְׁטוּבּ. וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז אַ קִינְד זָאל וֶוערְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר פַארְלִירְט זַיין זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט [סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ] אוּן עֶר שְׁפִּירְט שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן אַזוֹי וַואקְסְט עֶר נֶעבֶּעךְ אוֹיף פֶּעלֶערְהַאפְטִיג, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערֶענְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קכה), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר הַאלְטְן פוּן זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דִבְרֵי הַיָמִים-ב יז, ו): **וַיִּגְבַּה לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה׳**. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סא; עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמ): אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן **אֱמוּנָה**

אִינֶעם **בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים** אַזוֹי דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן **אֱמוּנָה** אִין 'זִיךְ', אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט: וֶועגְן דֶעם הָאסְטוּ אוֹיף דִיר מַחְלוֹקֶת, וַוייל דוּ גְלֵייבְּסְט נִישְׁט אִין דִיר!

דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶר קֶען יָא! אוּן עֶר וֶועט דָאס יָא בַּאוַוייזְן! אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶער יְסוֹד אִין חִינוּךְ וִוי אַזוֹי אַ טַאטֶע דַארְף מְחַנֵךְ זַיין זַיין קִינְד, לְמָשָׁל: אַ טַאטֶע וָואס אִיז אַן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן, אוּן עֶר וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין קִינְד, אוּן אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג כַאפְּט דֶער קִינְד עֶלֶעקְטֶערִיק שַׁאקְס, אוּן עֶר זָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט טוּהְן! אָבֶּער אַ קְלוּגֶער טַאטֶע זָאגְט פַארְן קִינְד: דוּ קֶענְסְט יָא! אוּן עֶר וַוייזְט אִים נָאכְאַמָאל וָואס יָא צוּ טוּהְן אוּן וָואס נִישְׁט, וֶועלֶעכֶע וַוייעֶרְס מֶען מֶעג צַאמְשְׁטֶעלְן אוּן וֶועלֶעכֶע נִישְׁט וְכוּ', אוּן עֶר לָאזְט אִים נִישְׁט פַאלְן בִּיז עֶר לֶערְנְט זִיךְ עֶס אוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): **הַבָּנִים שׁוֹטִים כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעְסָן** - קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נַארִישׁ, וֶוען זֵייעֶר טַאטֶע אִיז אַ גֶערֶעגְטֶער; וַוייל אַ קִינְד וִויל שְׁטֶענְדִיג וִויסְן זַאכְן, אוּן עֶר קוּמְט פְרֶעגְן זַיין טַאטֶע, אָבֶּער אוֹיב דֶער טַאטֶע אִיז גֶערֶעגְט, אוּן עֶר שְׁרַייט אָן דֶעם קִינְד: גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא! פְרֶעג מִיר נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת! בְּלַייבְּט טַאקֶע דֶער קִינְד אוּמְוִויסְנְד אוּן נַארִישׁ.

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַפִילוּ **בְּגַשְׁמִיוּת**, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ **רוּחְנִיוּת** דַארְף מֶען נָאר מְחַזֵק זַיין אַן אַנְדֶערְן אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין אַן אַנְדֶערְן וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עד): "וְעַכְשָׁיו" - הַיינְט צוּטָאגְס, וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס אִין פּוּרִים, אוּן דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער יוֹם טוֹב. וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְאוּלָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס.

ג.

נָאךְ אַ פְּלַאץ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם לָשׁוֹן (מַאֲמַר 'הִתְגַלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדוּלַּת הַתַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי', תְּחִלַּת לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וְעַיֵּין בִּשְׂפַת הַנַּחַל): "וְעַכְשָׁיו" יֵשׁ 'נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה' שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ דֶעם רִיכְטִיגְן דַעַת, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן, אַפִילוּ אִין דִי בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן, דוּרְךְ דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן בִּפְרַט דֶעם סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן אִים בֶּעטְן וָואס עֶר דַארְף, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען נָאר גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מַתָּנָה אִין אוּנְזֶער דוֹר, דָאס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָא אוֹיף דֶעם וֶועלְט, וַוייל נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵייט אוּנְז, אוּן הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט דִי כֵּלִים פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר מְגַלֶּה זַיין אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וִוי אוֹיךְ וֶועט עֶר אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר יֶעדְן דִי עֵצוֹת וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, אַז מֶען דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וְכוּ'.

ד.

וֶועגְן דֶעם גְלַייךְ נָאךְ פּוּרִים לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת פָּרָה, וואו עֶס שְׁטֵייט וִוי אַזוֹי מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ פוּן 'טוּמְאַת מֵת', וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'עַצְבוּת' רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַּארְבִּיטֶערְט אוּן מְיוּאָשׁ אַז עֶר שְׁפִּירְט מַמָּשׁ דֶעם טוֹיט, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט לֵיידֶער אַז מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט, יֶעדֶער מִיט זַיין צָרָה, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן קֵיינֶעמְס צָרָה.

אוּן אַפִּילוּ וֶוען מֶען ווִיל מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן וִוי אַזוֹי מְחַזֵּק צוּ זַיין אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן רְשׁוּת אוֹיף דֶעם פוּנֶעם צַדִּיק (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הַרְשָׁאָה הֲלָכָה ה), וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, אַמָאל הָאט יֶענֶער צָרוֹת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן פוּן שׂוֹנְאִים, אָדֶער עֶר הָאט חוֹבוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים צוּ, אוּן גֶעט אִים אַ קְלַאפּ אוֹיפְן רוּקְן, אוּן זָאגְט אִים: זַיי פְרֵיילִיךְ! שְׁטַארְק זִיךְ! הָאט עֶר אִים מִיט דֶעם גָארְנִישְׁט פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, נָאר נָאךְ מֶער צוּבְּרָאכְן! עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: דוּ זָאגְסְט אַזוֹי שֵׁיין: 'זַיי פְרֵיילִיךְ', אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ זִיךְ טוֹישְׁן מִיט מִיר?!

מֶען זֶעהְט אַז אַ מֶעדֶעצִין לֵייגְט מֶען אַרַיין אִין אַ קֶעפְּסְל, אָדֶער מֶען מִישְׁט דֶערִין אַרַיין זִיסְקֵייט, וַוייל אַז עֶס אִיז בִּיטֶער ווִילְן דָאס דִי קִינְדֶער נִישְׁט נֶעמֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוער עֶס רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן דַארְף עֶר ווִיסְן וִוי אַזוֹי דָאס מַלְבּוּשׁ צוּ זַיין אוּן פַּארְשְׁטֶעלְן מִיט אַזוֹיפִיל לְבוּשִׁים בִּיז יֶענֶער וִויל שׁוֹין הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶוערְט עֶר שׁוֹין פְרֵיילִיךְ.

ה.

נָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ גֶעשֶׁעהְט **יוֹם-טוֹב פּוּרִים**, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ בַּיי אִידְן, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען זִיךְ צַאם מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אַחְדוּת, וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוֹת פוּנֶעם טָאג: 'מַתָּנוֹת

**לָאֶבְיוֹנִים׳** - אַרוֹיס צוּהֶעלְפְן אָרִימֶעלַייט, אוּן שִׁיקְן **׳מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת׳** אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט וֶועם מֶען הָאט זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּעט, אוּן פַארְמֶערְן לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אַזַא גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב.

אוּן וִוי בַּאוואוּסְט אִיז דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועגְן דֶעם אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, צַאם צוּנֶעמֶען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רז), אַז דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** הָאט גֶעזָאגְט: עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן צְוֵוייִ לֶעכֶער אִין הַארְץ פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן שַׁ״ץ יִמַּח שְׁמוֹ, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

[וִוי בַּאקַאנְט (עַיֵין בְּסֵפֶר צִיצִית נוֹבֵל צְבִי, מהרה״ק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁאשְׁפּוּרְט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אִיז בַּיי שַׁ״ץ רַחְמָנָא לִצְּלָן אַלֶעס גֶעוֶוען מוּתָּר: **שֶׁלִּי שֶׁלָּךְ, וְשֶׁלְּךָ שֶׁלִּי** (אָבוֹת ה, י), כָאטְשִׁיג עֶר הָאט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי הַלָכָה, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דִי צִמְצוּם פוּן אַ אִיד, אִיז רַחְמָנָא לִצְּלָן פוּן דֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ גְרֶעסֶערֶער צִמְצוּם, אַז בַּיים סוֹף הָאט עֶר רַחְמָנָא לִצְּלָן אִינְגַאנְצְן גֶעלֵייקֶענְט אִין בַּאשֶׁעפֶּער אוּן כּוֹפֵר גֶעוֶוען בְּעִיקָר, וַוייל אַז עֶס אִיז דָא **׳רִיבּוּי אוֹר׳** - צוּפִיל לֶעכְטִיקֵייט, אִיז נָאכְדֶעם דָא **׳רִיבּוּי חֹשֶׁךְ׳** - שְׁטַארְקֶע פִינְסְטֶערְנִישׁ.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ **׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳** אוּן דָאס אִיז אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער, פַארְקֶערְט אוֹיךְ, לְהַבְדִיל אַלְפֵי הַבְדָלוֹת דִי אַלֶע מַשְׂכִּילִים אוּן רֶעפָארְמֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויאַזוֹי זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן אִידִישְׁקֵייט, אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט זֵייעֶר זִלְזוּל אוּן לֵיצָנוּת עַפְרָא לְפוּמֵייהוּ, אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּם עֶרְגְסְטֶען.

וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט ? ! נָאר שׁוּלְחָן עָרוּךְ אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן גַאנְץ **תּוֹרָה שֶׁבַּעַל-פֶּה**, דֶער הֵיילִיגֶער **רֹא״ש** הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי תַּמְצִית פוּן דִי גְמָרָא, אוּן זַיין זוּהְן **רֶבִּי יַעֲקֹב 'בַּעַל הַטּוּרִים'** הָאט נָאכְדֶעם גֶעמַאכְט דֶעם 'טוּר', אוּן דָאס מְסַדֵר גֶעוֶוען אִין פִיר חֲלָקִים [**אוֹרַח חַיִּים, יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֵזֶר, חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט**] וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט אַלֶע הַלָכוֹת, אָבֶּער אָן קַיין מְקוֹרוֹת פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער **'בֵּית יוֹסֵף'** אוּן עֶר הָאט צוּגֶעצֵייכֶענְט אוֹיף יֶעדְן שְׁטִיקְל **טוּר** פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דָאס.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט קוּשְׁטַאנְטִינָא אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן **רֶבִּי יוֹסֵף בֶּן לֵב [מַהֲרִיבֵ״ל]** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ רִיזִיגֶע יְשִׁיבָה, הָאט עֶר מְסַדֵר גֶעוֶוען אַז אֵיין גְרוּפֶּע זָאל לֶערְנֶען **מַסֶכֶת בְּרָכוֹת**, אֵיין גְרוּפֶּע **מַסֶכֶת שַׁבָּת**, אוּן אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע תַּלְמִידִים גֶע'חַזֶר'ט אַ גֶעוִויסֶע **מַסֶכְתָּא** אִין **שַׁ״ס**, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט 'טוּר', הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעפְרֶעגְט דִי תַּלְמִידִים: פוּן וואוּ נֶעמְט דָאס דִי טוּר ? אוּן דִי גְרוּפֶּע וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דִי מַסֶכְתָּא וואוּ דָאס שְׁטֵייט, הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער **בֵּית יוֹסֵף** הָאט גֶעדְרוּקְט זַיין חִיבּוּר אוֹיפְן **טוּר**, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ **'חֵרֶם'** אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט לֶערְנֶען, [עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז יֶעצְט וֶועט מֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען קַיין **גְמָרָא**, מֶען וֶועט נָאר לֶערְנֶען טוּר], אָבֶּער וִויבַּאלְד פוּן הִימְל הָאט מֶען דָאךְ גֶעוָואלְט אַז עֶס זָאל נִתְגַלֶה וֶוערְן דִי סֵפֶר **'בֵּית יוֹסֵף'**, הָאט פַּאסִירְט אֵיינְמָאל אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל טוּר, אוּן קַיין שׁוּם תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי מְקוֹר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה הָאט עֶר זִיךְ מַתִּיר גֶעוֶוען דֶעם חֵרֶם [נֶדֶר], אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין 'בֵּית יוֹסֵף' וָואס עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מְקוֹר, אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט עֶר עֶס שׁוֹין גֶעלָאזְט לֶערְנֶען

(שֵׁם הַגְדוֹלִים חֵלֶק ב, מַעֲרֶכֶת סְפָרִים אוֹת ב, סִימָן נט).

נָאכְדֶעם הָאט דֶער ׳בֵּית יוֹסֵף׳ גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ קִיצוּר, וָואס דָאס אִיז דִי ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳, וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע אִידְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער מַגִיד וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ אִים, הָאט אִים אַמָאל פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (מַגִּיד מֵישָׁרִים בְּהַקְדָּמָה; פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח וּפָרָשַׁת אַחֲרֵי): דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי ׳טֵיילוּנְג׳ אִין אוּנְגַארְן, וִוי הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג גְרוֹיסֶע רַבָּנִים, תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר וְכוּ׳, זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיטְן רוּף, אַז אִידְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיט דִי נֶעאָלָאגְן אוּן רֶעפָארְמֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֵיסָר פְרַאנְץ יוֹזֶעף, מַאכְן חוֹזֶק פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן גֶעווִיזְן דִי אַלֶע הַלָכוֹת פוּן ׳בֵּית הַכִּסֵּא׳ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ג), אוּן אַזוֹי אַרוּם צוּ צוּשְׁטֶערְן דֶעם טֵיילוּנְג, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דָאס אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אִידְן זֶענֶען אַזַא הֵיילִיג פָאלְק, אַז אַפִילוּ אִין ׳בֵּית הַכִּסֵּא׳ הָאבְּן זֵיי הַלָכוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים דָאס אִיבֶּערְזֶעצְן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט, מֶען קֶען זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט מִישְׁן, אוּן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּטֵיילְן, אַזוֹי אִיז גֶעלוּנְגֶען צוּ מַאכְן דֶעם טֵיילוּנְג, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעשְׁטֶעלְט צְוֵויי עִיקָר יְסוֹדוֹת וָואס יֶעדֶער זָאל דָאס מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן טָאג: ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, אוּן ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳. ווַייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט אִים צוּבְּיסְלֶעךְ דִי מוֹחַ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, אוּן וָואס מֶער עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ מֶער הֵייבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף נָאךְ אַ טֶפַח אוּן נָאךְ אַ טֶפַח פוּן דִי וֶועלְט, בִּיז עֶר זֶעהְט נִישְׁט אוּן הֶערְט נִישְׁט אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט נָאר דֶעם

בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים, אוּן עֶר רֶעדְט שׁוֹין נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן אֵיין זַייט, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז יֶעדֶע זַאךְ אִין אַ צִמְצוּם.

אוּן עֶס אִיז דָא הַלָכוֹת אוֹיף יֶעדְן פְּרַט אוּן פְּרַט, סַיי בַּיים אַרְבֶּעטְן, צוּ וִויסְן וָואס מֶען מֶעג יָא אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גַנְבֶ׳נֶען אוּן פָּאפֶּען, וָואס דָאס אִיז דִי הַלָכוֹת פוּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט. אַזוֹי אוֹיךְ דִי הַלָכוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין יוֹרֶה דֵעָה, וָואס מֶען מֶעג עֶסְן אוּן וָואס נִישְׁט, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז וַוייטֶער דָא הַלָכוֹת, אוּן נָאכְדֶעם דִי הַנְהָגָה פוּן יֶעדְן טָאג, דִי זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע וּתְפִלָּה, אוּן נָאכְדֶעם דִי הַלָכוֹת פוּן שַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז דִי הַלָכוֹת פוּן אוֹרַח חַיִים.

אָבֶּער אוֹיב גֵייט מֶען נָאר אִין רוּחְנִיוּת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בַּאגְרֶענֶעצוּנְג, קֶען מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן נָאכְדֶעם אַרַיינְפַאלְן אִין אַלֶע שְׁמוּץ אוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי בַּיי שַׁ״ץ יִמַח שְׁמוֹ רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט): יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען גֶעהֶעריג אִין דִי רַייעֶ וואוּ עֶר הַאלְט, דָאךְ זָאל עֶר כָאטְשׁ לֶערְנֶען אֵיין הַלָכָה וואוּ עֶס זָאל נָאר זַיין, אָבֶּער עֶפֶּעס אַ הַלָכָה מוּז מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג; וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט מֶען בְּעֶרֶךְ דִי הַלָכוֹת, אוּן מֶען וֵוייסְט כָאטְשׁ וָואס צוּ פְרֶעגְן. אוֹיךְ אַלֶע טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת סְפָרִים וָואס קוּמְט כְּסֵדֶר אַרוֹיס, אַלֶעס אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נָאר וִויבַאלְד אִין יֶעדְן דוֹר אִיז דָא נַייעֶ עֶרְפִינְדוּנְגֶען מוּז מֶען שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ מְבַרֵר זַיין דִי הַלָכָה בַּיי דֶעם.

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

דָאס זֶעהֶען מִיר אוֹיךְ בַּיי פּוּרִים וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וָואס דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען אָן צוּ אַזַא הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, אַז אַלֶע קְלִיפּוֹת פַאלְן אַוֶועק, אוּן מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אַזוֹי אָפֶען דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶס בְּלַייבְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם לְבוּשִׁים וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען זֶעהְט שׁוֹין אוּן מֶען הֶערְט שׁוֹין נָאר ׳אֱלֹקוּת׳ פוּן יֶעדֶע זַאךְ, מְמֵילָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן ׳אָרוּר הָמָן׳ אוּן ׳בָּרוּךְ מָרְדְכַי׳, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לג), אוּן אַפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה חַס וְשָׁלוֹם אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּהְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דוֹבֶּער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: בֶּערֶע בֶּערֶע! מִיט וָואסֶערֶע מַחְשָׁבוֹת דַאוֶונְסְטוּ?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: מִיט ׳אֲרִיךְ׳ מִיט ׳עַתִּיק׳. זָאגְט אִים זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע: אִיךְ דַאוֶוען מִיטְן שְׁטֶענְדֶער, וַוייל בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס אֱלֹקוּת. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אִים אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט: וָואס זֶעהְסְטוּ? זָאגְט עֶר: אַ דַאךְ מִיט וֶוענְט. זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ זֶעה שׁוֹין גָארְנִישְׁט נָאר אֱלֹקוּת.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רַמָ״א וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט קְרָאקָא אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען פּוּרִים בַּיינַאכְט דֶערְמַאנֶען דֶעם עוֹלָם צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן צוּ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב. וַוייל פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועקְלֵייגְן.

אוּן אִין דֶעם גֵייט אַרַיין דִי גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן ׳יְדִיעָה׳ אוּן ׳בְּחִירָה׳, פוּן אֵיין זַייט דִי יְדִיעָה - אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט דִי בְּחִירָה - אַז מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי בְּחִירָה. אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דִי שֵׂכֶל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט בְּשׁוּם אוֹפֶן

פַארְשְׁטֵיין, ווי אַזוֹי קֶען זַיין דִי צְוֵויי זַאכְן צוּזַאמֶען, נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעֲרֵיינִיגְט זַיין מֹחַ, דֶעמָאלְטְס וֵוייסְט עֶר אַז דִי יְדִיעָה לִיגְט אִין דִי בְּחִירָה, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז דִי בְּחִירָה: עֶר זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא).

ווי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּגֶעזָאגְט, אַז עֶס וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין 'חֶבְלֵי מָשִׁיחַ', ווִיבַּאלְד עֶר מִיט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת אוּן זִיךְ אַזוֹיפִיל מְסַגֵף גֶעוֶוען, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם אַרָאפּ גֶענוּמֶען אַלֶע חֶבְלֵי מָשִׁיחַ. פְרֶעגְט מֶען אוֹיךְ אַ קַשְׁיָא, מֶען זֶעהְט דָאךְ אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, ווִי מֶען הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט מִילְיָאנֶען מִילְיָאנֶען אִידְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע אַכְזָרִיוּת?! נָאר זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוּנְזֶער שֵׂכֶל אִיז צוּ קְלֵיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס וֶועגְן.

אוּן ווִי בַּאקַאנְט הָאבְּן דִי רְשָׁעִים בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה גֶעצְווִינְגֶען אַז אִידְן זָאלְן אוֹיפְגְרָאבְּן זַיין הֵיילִיגְן קֶבֶר, [דִי אַרוּמִיגֶע גוֹיִם הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז אִידְן קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ דֶעם קְלֵיין שְׁטֶעטְל לִיזֶענְסְק, צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ, אוּן לֵייגְן דָארְט אַרָאפּ קְווִיטְלֶעךְ, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז דִי אִידְן בַּאהַאלְטְן דָארְט גֶעלְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם הֵיילִיגְן קֶבֶר, אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעזָאגְט פַאר דִי דַייטְשְׁן, דִי עֲמָלֵקִים יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז אִידְן זָאלְן דָאס אוֹיפְגְרָאבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן], הָאבְּן צְוֵויי אִידְן דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער גוּף פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ אוּן פְרִישׁ, אוּן אַפִילוּ זַיין בָּארְד אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ [אוּן פַארְקְנִיפְּט [קָאלְטֶענֶעס] אַזוֹי ווִי בַּיים לֶעבְּן].

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

דֶערְצֵיילְן עֵדוּת וִוי דִי גוֹיִם הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט: אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶבֶר מוֹרָא׳דִיגֶע בְּרוּמֶען; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי **רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט אוֹיךְ וַוייטֶער מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה, פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ אַיינְרַייסְן מִיט תְּפִלָּה בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** [דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זֵיידֶע], אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַלֶעמָאל אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז **בְּהַשְׁגָּחָה** פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס דַארְף מֶען אַזוֹיפִיל אַיינְרַייסְן, עֶס אִיז מִן הַסְתָּם אַזוֹי נִגְזָר גֶעוָוארְן מִן הַשָּׁמַיִם?!

הָאט אִים דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ** גֶעזָאגְט: נָאךְ אֵיין מַזָל אַז דוּ בִּיזְט נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן הָמָן הָרָשָׁע, וַוייל דוּ וָואלְסְט דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ גֶעזָאגְט פַאר מָרְדְכַי: פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן אַזוֹיפִיל אַיינְרַייסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶעס אִיז דָאךְ סַיי וִוי פוּן בַּאשֶׁעפֶער?!

אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַאר דִי גְזֵירוֹת זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר אַסַאךְ אַיינְגֶעריסְן מִיט תְּפִלָּה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רעז; ו): אַז דִי גְזֵירָה פוּן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין מִילִיטֶער זֶענֶען דִי גְדוֹלִים שׁוּלְדִיג, וַוייל זֵיי הֶעלְפְן מִיר נִישְׁט מִתְפַּלֵל צוּ זַיין דֶערוֹיף, מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז עֶס וֶועט זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא גְזֵירָה. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גְזֵירָה אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אִין יָאר תקפ״ז, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן א): אִיךְ הָאב גֶע׳פּוֹעֶל׳ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אָפְּצוּשְׁטוּפֶּען דִי גְזֵירָה פַאר פוּנֶעף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר. אוּן פּוּנְקְט פוּנֶעף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז טַאקֶע דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן אַרוֹיס, אַז מֶען

הָאט צוּגֶעכַאפְּט דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעצוֹיגְן אַלְץ גוֹיִם כְּדֵי צוּ דִינֶען אִין מִילִיטֶער רַחְמָנָא לִצְלָן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז כָאטְשִׁיג אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט הַשְׁגָחָה דָאךְ אָבֶּער דַארְפְן מִיר טוּהְן אוּנְזֶערְ׳ס, מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ, ״וַוייל וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף, קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט אוֹיפְטוּהְן״.

ו.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ גֶעקוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן אַזוֹי אוּנְטֶערְדְרוּקְט דִי אִידְן מִיט אַזוֹיפִיל גְזֵירוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ אָפֶענֶע אוֹיפְשְׁטַאנְד אַקֶעגְן דִי אִידְן, בִּפְרַט דוּרְכְן חוּרְבָּן וָואס שַׁ״ץ יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ הָאט אָנְגֶעמַאכְט, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ עֶרְקְלֶערְט אַלְץ ׳מָשִׁיחַ׳, אוּן מֶען גֵייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן, מְמֵילָא דַארְף מֶען דָאךְ אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי ׳עוֹל מַלְכוּת׳, דִי יָאךְ פוּן דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג, אוּן אַזוֹי פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת, בִּיז אַפִילוּ שְׁפֶּעטֶער אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען דִי ׳פְרַאנְקִיסְטְן׳ יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם, אָפְּשְׁטַאמִיגֶע פוּן שַׁ״ץ יִמַח שְׁמוֹ וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן דִי גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן אַסַאךְ אַרְגֶער, בִּיז אִידְן זֶענֶען אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן.

אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען דִי צָרוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין פוּן דִי גוֹיִם, הָאט זִיךְ נָאכְדֶעם אָנְגֶעהוֹיבְּן צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת פוּן אִינֶעוֵוייניג בַּיי דִי אִידְן אַלֵיין רַחְמָנָא לִצְלָן, דִי ׳לוֹמְדִים׳ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער פָּשׁוּטְ׳ער הֲמוֹן עַם זֶענֶען ׳עַמֵי הָאֲרַצִים׳, אוּן קֶען מֶען נִישְׁט זַיין מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם וְכוּ׳, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט פַאר דִי ׳לֶערְנֶערְס׳ צוּ דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, מְמֵילָא הָאט מֶען גֶעמַאכְט עֶקְסְטֶערֶע שׁוּהְלְן פַאר זֵיי,

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁנֵיידֶער שׁוּהְל, אַ שׁוּסְטֶער שׁוּהְל, אַ פַארְבֶּער שׁוּהְל, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען און דָאס מְבַטֵל גֶעוֶוען.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען דִי ׳בַּעֲלֵי מוּסָר׳, וָואס זֵיי פְלֶעגְן זֵייעֶר צוּבְּרֶעכְן און אִיבֶּער שְׁרֶעקְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר שַׁארְפֶע מוּסָר-רֵייד וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ הָאט לוֹחֵם גֶעוֶוען אַקֶעגְן זֵיי, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת בְּרֶענְגְט (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים): וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ טַייטְשְׁן, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בַּמִדְבָּר כא, ה-ו), נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער און אוֹיף מֹשֶׁה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט דִי נְחָשִׁים הַשְּׂרָפִים - בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלֶענְג, און זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן דֶעם פָּאלְק, און אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן דֶערְפוּן; אַז דָאס גֵייט הַיינְט אַרוֹיף אוֹיף דִי בַּעֲלֵי מוּסָר, וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם און שְׁרֶעקְן אִיבֶּער און בַּייסְן דִי צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן. וַוייל דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיפְצוּהֵייבְּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, און צוּזַאם נֶעמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים אִין וַואלְד, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט עֶר נֶעלָם פוּן לֶעבְּן דִי תַּלְמִידִים און עֶר גֵייט צוּ אַ בּוֹים, און עֶר הַאקְט זִיךְ זַיין קָאפּ און עֶר וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, דִי תַּלְמִידִים שְׁטֵייעֶן דָארְט אִין דֶער זַייט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן פַּחַד, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, פְרֶעגְן זֵיי: רֶבִּי! וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁעהְן?! זָאגְט עֶר: אִיר זֶעהְט וִויפִיל טוֹיזֶענְטֶער בְּלֶעטֶער און צְוַוייגְן עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם בּוֹים? אַזוֹיפִיל פַאלְשֶׁע רֶבִּי׳ס און מַנְהִיגִים וֶועט לֵיידֶער זַיין פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וָואס זֵיי וֶועלְן פַארְפִירְן דֶעם פָּאלְק און אָנְמַאכְן אַ חוּרְבָּן.

און אוֹיף דֶעם אִיז דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט: מְאַחֵד צוּ זַיין כְּלַל יִשְׂרָאֵל; און אַפִילוּ אַז אֵיינֶער קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען

דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִים מְקָרֵב זַיין און לֶערְנֶען מִיט אִים וְכוּ׳.

בִּיז דֶערְוַוייל אַנְטְשְׁטָאטְס חֲסִידוּת זָאל צַאמְנֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז פוּן דֶעם אַלֵיין גֶעוָוארְן גְרוּפֶּעס מִיט גְרוּפֶּעס, בִּיז אֵיין חֲסִידוּת קֶען זִיךְ לֵיידֶער נִישְׁט פַארְטְרָאגְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע חֲסִידִים, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: וֶוען צְוֵויי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם חַס וְשָׁלוֹם, און שְׁטֶעכְן זִיךְ מִיט וֶוערְטְלִיךְ אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, שְׁטֶעכְן זִיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אִין יֶענֶער עֶק וֶועלְט מִיט מֶעסֶערְס רַחְמָנָא לִצְלָן!

דָאס הֵייסְט, כָאטְשִׁיג יֶעדֶער מֶעג הַאלְטְן אַז זַיין פְּשַׁט אִיז גֶערֶעכְט, און זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם בִּיזְן סוֹף, אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן שׂוֹנְאִים צוּלִיבּ דֶעם, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי דִי מַחְלוֹקֶת שַׁמַאי וְהִלֵל, וָואס כָאטְשִׁיג ׳שַׁמַאי׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מִדָה פוּן ׳גְבוּרָה׳ און עֶר הָאט אַלְץ גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט לְחוּמְרָא, און ׳הִלֵל׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי מִדָה פוּן ׳חֶסֶד׳ און אַלֶעס גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט ׳לְקוּלָא׳ (עַיֵין שַׁעַר הַגִּלְגוּלִים, הַקְדָמָה לד), און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעגֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, דָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי מִשְׁנָה (יְבָמוֹת י״ג ע״ב), אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זִיךְ. נָאר וֶוען עֶס הָאבְּן זִיךְ פַארְמֶערְט תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶענוּג אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם לִימוּד פוּן זֵייעֶר רֶבִּי׳ן, אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ און מַחְלוֹקֶת (סוֹטָה מ״ז ע״ב).

ז.

דָאס זֶעהְט מֶען אוֹיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מְחַזֵק זַיין, מְעוֹדֵד זַיין און מְשַׂמֵחַ זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, און יֶעדְן אוֹיפְהֵייבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן אַזוֹיפִיל כִּיתּוֹת, כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי

מוֹהֲרַ"ן סִימָן שיט): אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן עֶנְק כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת. הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אֵיין גְרוּפֶּע וֶועט זִיךְ קְרִיגְן אוֹיפְן אַנְדֶערְן, נָאר יֶעדֶע גְרוּפֶּע זָאל נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לוֹיט זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת, אָבֶּער נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דֶעם צְוֵוייטְן. נָאר וִויבַּאלְד מֶען לֶערְנְט נִישְׁט גֶענוּג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְקְרִיכְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דֶערְפַאר אַז מִיר לַיידְן אַזַאלֶעכֶע צָרוֹת אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, לָאמִיר זִיךְ כָאטְשׁ יֶעצְט צַאמְנֶעמֶען, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן דִי גוֹיִם נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אוּנְז, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי דִי מְגִילָה (אֶסְתֵּר ג, ח): **יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד** - וֶוען אִידְן הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען, דֶעמָאלְטְס: **מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים** - וֶוערְן דִי גוֹיִם צְוִוישְׁן זִיךְ צוּשְׁפְּלִיטֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן כד): וֶוען עֶס אִיז דָא אַחְדוּת צְוִוישְׁן אִידְן, פַאלְט אַ פַּחַד אוֹיף דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען דִי אִידְן.

## ח.

דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן שְׁפְּרִיצְן דִי 'אֵפֶר הַפָּרָה' כְּדֵי זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע 'טוּמְאוֹת', אוּן דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יט, ב), אַז דָאס אִיז אַ 'חֹק' וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין מִיטְן שֵׂכֶל, וַוייל דָאס אִיז **מְטַהֵר טְמֵאִים** - עֶס רֵיינִיגְט דִי טָמֵא'נֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז עֶס אוֹיךְ **מְטַמֵּא טְהוֹרִים** - דֶער כֹּהֵן וָואס שְׁפְּרִיצְט דֶערְפוּן וֶוערְט טָמֵא.

דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אַז עֶס קוּמְט אַ בָּחוּר וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן פוּן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער צַדִּיק גֶעט זִיךְ אָפּ מִיט אִים, אוּן גֶעט אִים הִתְחַזְקוּת, כָאטְשִׁיג עֶר כַאפְּט נָאךְ אַרַיין דֶערְפַאר בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע: הַיִתָּכֵן מֶען הָאט פַארְכַאפְּט זֵייעֶר זוּהְן?! [בִּשְׁעַת דִי עֶלְטֶערְן וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וִוי צוּבְּרָאכְן זֵייעֶר זוּהְן אִיז גֶעוֶוען, אוּן וואו עֶר וָואלְט

### שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

אָנְגֶעקוּמֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס מֶען קֶען נִיטְאַמָאל אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען, דֶערְפַאר קוּמֶען זֵיי מִיט טַעֲנוֹת: דֶער זוּהְן אִיז דָאךְ גֶעוֶועןאַזַא לַמְדָן און אַ עֶרְלִיכֶער. און עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי אוֹיפְצוּקְלֶערְן דֶעם אֱמֶתְ'ן מַצָּב פוּן דֶעם זוּהְן], אָבֶּער דֶער זוּהְן אַלֵיין וֵוייסְט דָאךְ יָא גַאנְץ גוּט וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶועןאון אִין וָואסְפַארַא שְׁאוֹל תַּחְתִּית עֶר אִיז גֶעלִיגְן: נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִלִּין, נִישְׁט גֶעהִיטְן שַׁבָּת, גֶעגֶעסְן טְרֵיפוֹת, און פוּן לֶערְנֶען רֶעדְט מֶען שוֹין נִישְׁט. און אַ דַאנְק דֶעם צַדִּיק הָאט עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלִיךְ צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין, הִיטְן שַׁבָּת, אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, בִּיז עֶר אִיז שוֹין גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער לַמְדָן.

קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר גֶעוֶועןמוֹרָא'דִיג טָמֵא, און אֵיינֶער הָאט אִים מְטַהֵר גֶעוֶועןדָאךְ זֶעהְט מֶען אַז עֶר אַלֵיין זָאגְט שְׁפֶּעטֶער אוֹיף דֶעם צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעפָּארֶעט מִיט אִים, און אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר אִיז גָאר טָמֵא! און עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן!!! דָאס אִיז אַ חֹק וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

נָאר דָאס קוּמְט פוּן גַאֲוָה, אַז עֶר וִויל זַיין אַ מַנְהִיג, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג וִויסְן און אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ, אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים, מְמֵילָא אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, פַאלְט שוֹין אַוֶועק דִי אַלֶע שְׁטוּתִים און נַארִישְׁקֵייטְן פוּן גֵאוּת און כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): אוֹיבּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט פַאר אַ מֶענְטְשׁ זַיין אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, און אַפִילוּ אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים שְׁוַוייגְט עֶר, וֶוערְט דוּרְךְ דֶעם פַארְמֶערְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס כָּבוֹד, און אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט נֶעבֶּעךְ.

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

## ט.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, בַּיי דִי עֵגֶל, וָואס דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעשֶׁעהְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, א): **כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ** - פְּלוּצְלִינְג גֶעדֶענְקְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעעְן מִיט אִים. וִוי אַזוֹי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ דָאךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם.

אוּן נָאךְ גְלַייךְ בַּיים אָנְפַאנְג, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי אִידְן שְׁלָאגְן זִיךְ, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען מַאכְן שָׁלוֹם, אוּן מֶען הָאט אִים נָאךְ גֶע'מַסֶר'ט דֶערְפַאר, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים שׁוֹין גֶעשִׁיקְט אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי אִידְן, הָאט עֶר קוֹדֶם נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת ד, יג): **שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח**. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעצְווּינְגֶען דֶערְצוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ פַּרְעֹה, אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דִי אִידְן, וַוייל פַּרְעֹה הָאט אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת י, כח): **אַז דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען וֶועל אִיךְ דִיר הַרְגֶ'ענֶען**! אוּן אַלֶעס הָאט עֶר נָאר גֶעטוּהְן כְּדֵי צוּ הֶעלְפְן דִי אִידְן.

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע בַּאוִויזְן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן שְׁפַּאלְטְן פַאר זֵיי דֶעם יַם, אוּן זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה, אוּן נָאךְ אַלֶעם גֵייט מֶען אוּן מֶען מַאכְט אַן עֵגֶל, אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אַז דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְגֶעקוּקְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה נא, סִימָן ו), אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת לג, ח): **וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי מֹשֶׁה**. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: **מֹשֶׁה אִיז אַ גַנָב**! עֶר עֶסְט זִיךְ אָן פוּן אוּנְזֶער גֶעלְט, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אַזַא דִיקְן הַאלְז. דָאס בַּאצָאלְט מֶען פַאר דִי אַלֶע טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן?!

**שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ**

**וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע חֹק פוּן פָּרָה אֲדוּמָה וָואס אִיז מְטַהֵר טְמֵאִים, וּמְטַמֵא טְהוֹרִים.**

**י.**

דֶערְפַאר מוּז זִיךְ אַ מֶענְטְש מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק זַיין, אוּן אַז עֶר טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן, זָאל עֶר שׁוֹין זַיין צוּגֶעגְרֵייט אוּן וִויסְן אַז יֶענֶער וֶועט אִים צוּרִיק צָאלְן שְׁלֶעכְטְס, אוּן אַ מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט צוּטוּהְן מִיט אַ צִיבּוּר, דַארְף וִויסְן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען וֶועט הָאבְּן אוֹיף אִים קְרִיטִיק, [אוּן אַ מֶענְטְש וָואס וִויל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין קְרִיטִיק, זָאל עֶר גָארְנִישְׁט טוּהְן...] דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְש נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ צְוֵוייטְן.

דָאךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ (מִשְׁלֵי יז, יג): **מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ** - וֶוער עֶס בַּאצָאלְט צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַאר אַ טוֹבָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, וֶועט זִיךְ דִי שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט אָפְּטוּהְן פוּן זַיין הוֹיז. דֶערְפַאר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט כְּדַאי צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט פוּן אֵיינֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ טוֹבָה, וַוייל מֶען וֶועט נָאכְדֶעם בַּאצָאלְן דֶערְפַאר זֵייעֶר טַייעֶר.

אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע וָואס דֶער עֵגֶל הָאט נֶעבֶּעךְ גוֹרֵם גֶעוֶוען, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, לד): **וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי**. זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ״ל (סַנְהֶדְרִין קב ע״א): עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין צָרָה וָואס אַ מֶענְטְש הָאט, וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דֶערִין אַ חֵלֶק פוּן דִי עֵגֶל. פַארְקֶערְט זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דִי שְׁכִינָה הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג בַּאגְלֵייט (שְׁמוֹת לג, ח. וְעַיֵין בְּרַשִׁ״י) אוּן זַיין פָּנִים הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעלָאכְטְן, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָארְשְׁטֶעלְן זַיין פָּנִים מִיט אַ מַאסְק (שָׁם לד, כט).

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ
## יא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ר"א): **צְ'דָקָה תַּ'צִיל מִ'מָּוֶת** (מִשְׁלֵי י, ב), אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן 'מַצֹּת'. נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם), אַ סְגוּלָה פַאר '**חוֹלִי נוֹפֵל**' (עֶפֶּעלֶעפְּסִי) רַחְמָנָא לִצְלָן, צוּ טֵיילְן **צְדָקָה**, דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קיב, ט): **פִּ'זַּר נָ'תַן לָ'אֶבְיוֹנִים**. וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת '**נֹפֵל**'; וַוייל דוּרְךְ צְדָקָה קֶען מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן אַרָאפְּפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיף אַ גֶעוִויסְן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט דִי מַחֲלָה, אוּן יֶענֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טֵיילְן צְדָקָה, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע נִיצוֹל גֶעוָוארְן דֶערְפוּן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס אוֹיף גֶעבְּן **צְדָקָה** פַאר **מַצּוֹת**, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעט גֶעלְט פַאר '**מָעוֹת חִטִּין**', אַז אִידְן זָאלְן הָאבְּן אוֹיף פֶּסַח, אִיז דָאס אִים מַצִּיל פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר בַּיי '**חוֹלִי נוֹפֵל**'.

עֶס שְׁטֵייט אִין **שׁוּלְחָן עָרוּךְ** (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן תכ"ט, ס"ק ב), אַז **פּוּרִים** זָאל מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען **הִלְכוֹת פֶּסַח**. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער **רַמָ"א** הֵייבְּט אָן הִלְכוֹת פֶּסַח (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תכ"ט סְעִיף א, הַגָ"ה): **נוֹהֲגִים לִיתֵּן מָעוֹת חִיטִּין** - מֶען פִירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח. דֶערְפַאר דַארְף מֶען שׁוֹין בַּאזָארְגְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, אוּן אַז מֶען גֶעט פַאר יֶענֶעם, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הָאט אוֹיךְ פַאר זִיךְ אַלֵיין, אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַ רֶמֶז, אַז דָאס וָוארְט '**וְנָתְנוּ**', קֶען מֶען לֵיינֶען דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף בֵּיידֶע זַייטְן, אַהִין אוּן צוּרִיק; צוּ וַוייזְן אַז וֶוען מֶען גֶעט צְדָקָה בַּאקוּמְט מֶען דָאס צוּרִיק פוּן הִימֶעל.

## שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג זַיין מַשְׁפִּיעִים - גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם, און נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ טוֹבוֹת פוּן יֶענֶעם, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קְלָלָה, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהֶען אַז אֵיינְס פוּן דִי תְּפִלּוֹת וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אֵיין מָאל אַ יָאר, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין לִפְנֵי וְלִפְנִים אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים, און עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט גָאר אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן: **שֶׁלֹּא יִצְטָרְכוּ עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל זֶה לָזֶה** - אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן. וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה, צוּ זַיין אַ מַשְׁפִּיעַ, און שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן נָאךְ און נָאךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): **דוּרְךְ צְדָקָה** מַאכְט מֶען אוֹיף אַ טִיר פַארְן מֶענְטְשׁ. און וָואס מֶער צְדָקָה מֶען גֶעט אַלְץ מַאכְט מֶען אִים אוֹיף נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע טִיר; דֶערְפַאר אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן צְדָקָה בִּפְרַט אוֹיף פֶּסַח.

זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין 'מָעוֹת חִיטִין' אוֹיף פֶּסַח, מְמֵילָא וֶועלְן מִיר שׁוֹין אַלֶע הָאבְּן שֶׁפַע. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן מִיר קֶענֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן מְחַזֵק זַיין, און דֶער עִיקָר זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ שִׂמְחָה.

**~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~**

# מַפְתֵּחַ שְׁמוֹת אֲנָשִׁים וּסְפָרִים


רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מְלִיזֶ׳ענְסְק זי״ע 37, 48, 160, 167, 219, 228

רֶבִּי אֶלְעָזָר רוֹקֵחַ זי״ע..............177

אוֹתוֹ הָאִישׁ..............................22

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זי״ע.........213

אוֹר הַיָּשָׁר לְמַהֲרַ״ם פַּאפָּארִישׁ זי״ע 163

אֶחָד מֵאַנַ״שׁ............................178

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.................178, 179

אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זי״ע 5, 98, 99, 115, 127, 163, 189, 192, 216.

אוֹר יָקָר לְהָרָמַ״ק זי״ע..............147

רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי״ע.........11

אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ.....55, 58, 123, 171

רֶבִּי אַבְרָהָם חַיִּים מִזְלָאטְשׁוֹב זי״ע [בַּעַל אוֹרַח לְחַיִּים]........................66

בֵּית יוֹסֵף........................36, 224

בֶּן מֶלֶךְ..................................71

בַּעַל עֲגָלָה...............................40

בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע 59, 117, 159, 169, 189, 223 229, 230, 231, 289.

הָרֶבִּי רֶבִּי בּוּנָם מִפְּרְשִׁיסְחָא זי״ע.....54

בִּרְכַּת פֶּרֶץ..............................30

בְּנֵי יִשָּׂשכָר..............................43

בַּעֲלֵי מוּסָר..............................231

בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע 36, 38, 53, 73, 109, 227.

גִּבּוֹר.......................................35

גָּלָח........................................37

הָרֶבִּי מִגָּארְלִיץ זי״ע..........100, 140

הַגַּבַּאי שֶׁל הָרֶבִּי מִצַּאנְז זי״ע........100

רֶבִּי גֶּרְשׁוֹן קִיטוּבֶ׳ער זי״ע..........189

גְּדוֹלֵי וּמַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל................128

דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרָיִם.....................159

הרה״ק רֶבִּי דוּבֶּער זי״ע [בֶּן שֶׁל בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע]..........................227

הַפְלָאָה זי״ע.............................67

וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה.......................22, 73

הרה״ק רֶבִּי זוּשָׁא זי״ע..............228

רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מִטְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי״ע.......................................117

חֲזוֹן אִישׁ זי״ע..........................149

חַבּוּרָה [חַבְרַיָא] ......................53

רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זי״ע...........105,18

הַחִינּוּךְ..................................65

חָכָם.......................................42
חָכָם וְתַּם.................................196
חָפֵץ חַיִּים זי"ע......................... 163
חֲתַם סוֹפֵר זי"ע...........................225
טוּבֵי הַקָהָל...............................66
רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְׁפְּטִיוְוקֶע זי"ע 118
רֶבִּי יִשָּׂכָר דֹּב מִבֶּעלְז זי"ע... 163, 206
רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ"ל........ 96
רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּוֶער זַצַ"ל..... 25, 72
רֶבִּי יַעֲקֹב בַּעַל הַטּוּרִים זי"ע......... 224
רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער אוֹדֶעסֶער זַ"ל.......78
רֶבִּי יוֹסֵף בֶּן לֵב [מַהֲרִיבַּ"ל] זי"ע...224
יְהוּדִים מִפּוֹלִין.........................100
רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁשְׁפּוֹרְט זי"ע............223
רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל...........213
ר' יוֹנָה לֶעבְּל ז"ל.......................52
יְסוֹד וְשׁוֹרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זי"ע............32
כַּף הַחַיִּים...............................204
כּוֹכְבֵי אוֹר................71, 185, 187
כַּוָּונוֹת הָאֲרִיזַ"ל.......................216
כִּתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל........................38
לִיקוּטֵי אֲמָרִים תַּנְיָא...................109
רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע145, 171
מַגִּיד מֵישָׁרִים.......................36, 225
מַגִּיד מֵסִטְרָא אַחְרָא.....................36
רֶבִּי מֶענְדְל מִפְּרִימִישְׁלַאן זי"ע......118
הַמַּגִּיד הַגָּדוֹל מִמֶּעזְרִיטְשׁ זי"ע 39,169
מְלַמְּדִים..................................110
מְחַנְּכִים..................................110
הַמִּנְחַת אֶלְעָזָר מִמּוּנְקַאטְשׁ זי"ע....140
מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ זי"ע........................93
מְגַלֶּה עֲמוּקוֹת זי"ע......................38
מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע............................205
רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע נַאדְבוּרְנֶער זי"ע178, 206
רֶבִּי מֹשֶׁה יְהוּדָה לַייבּ זי"ע [מִסְטְרִיזְשׁוּב]140
רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוּב זי"ע 66, 125
רֶבִּי ר' מֵאִיר פְּרִימִישְׁלַאן זי"ע.....190
רֶבִּי מֹשֶׁה קוֹרְדְבִירוּ זי"ע.............108
רֶבִּי מֵאִיר מִטֶּעפְּלִיק זי"ע............178
מַהֲרִ"י טַ"ב..............................169
נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ........... 37, 160, 167

רֶבִּי נַחְמָן אַבַ"ד טְשֶׁערִין זי"ע.........90
נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ..........................41
רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער זי"ע..117, 229
סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זי"ע..................29
אַדְמוּ"ר מִסַאטְמַאר זי"ע 22, 38, 70, 73, 89, 108, 128, 169, 205, 206.
סֵפֶר הַבְּרִית..................18, 114
עֵרֶב רַב.......................... 21, 138
רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע...............193
פְּרַאנְקִיסְטְן.............................230
פְּרִי עֵץ חַיִּים...........130, 176, 192
רֶבִּי פֶּסַח לַאנְזַאם זי"ע.............. 43
הָרַב הַקָדוֹשׁ מִצַאנְז זי"ע [דִבְרֵי חַיִּים] 68, 92, 99, 140.
צַדִיקִים7, 15, 24, 44, 48, 58, 135, 137, 171, 206, 232, 237.
צַדִיק אֱמֶת.............................157
רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זי"ע......145
הַצֶּמַח צֶדֶק מִלְיבַּאוִויטְשׁ זי"ע146,169
הַצַאר שֶׁל רוּסְלַאנְד.................136
צִיצִית נוֹבֵל צְבִי........................223
צָפְנַת פַּעֲנֵחַ............................159
קַב הַיָשָׁר................................112
קֵיסָר פְרַאנְץ יוֹזֶעף..................225
קֵיסָר מֵהָאלַאנְד........................177
קְדוּשַׁת לֵוִי...............................171
קְרֵיינָא דְאַגְרְתָא.........................30
רֶבִּי יִצְחָק אֵייזִיק מִקָאמַארְנֶע זי"ע 41
רַשְׁ"י הַקָדוֹשׁ.............................106
רַמְבַּ"ם זַ"ל................4, 159, 207.
רֹא"שׁ......................................224
רַמָ"א זי"ע..............204, 227, 237
רֵאשִׁית חָכְמָה.........................115
שַׁ"ע................38, 223, 226, 230
שֵׁד..........................................36
שו"ת שְׁאִילַת יַעֲבֵ"ץ................178
שֵׁם הַגְדוֹלִים............................224
שַׁעַר הַגִלְגוּלִים........................232
שַׁעַר הַכַּוָונוֹת..........................114
שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.............115, 162
שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב........................38
שַׁעֲרֵי הַגִלְגוּלִים.......................106
רֶבִּי שְׁלֹמֹה קַארְלִינֶער זי"ע...........40

רֶבִּי שִׂמְחָה [אָבִיו שֶׁל רַבֵּנוּ] זי"ע...119

עַשִׂר גָּדוֹל...8

הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְשִׁינָאוֶוע זי"ע...140

שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ...147

הרה"ק בַּעַל שֵׁם שְׁלֹמֹה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ...140

תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זי"ע...231

תּוֹמֶר דְּבוֹרָה...108

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִצְלַן

בּרסלב

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

# תִּיקּוּן הַכְּלָלִי

יִסְּדוֹ, תִּקְּנוֹ, גִּלָּהוּ וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

הוּבָא לִדְפוּס עַל-יְדֵי
חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

היכל הקודש

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, **רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

טז א מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ:
ב אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ:
ג לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־
בָם: ד יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ בַּל־אַסִּיךְ
נִסְכֵּיהֶם מִדָּם וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי:
ה יְהֹוָה מְנָת־חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי:
ו חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי:
ז אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי אַף־לֵילוֹת יִסְּרוּנִי
כִלְיוֹתָי: ח שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד כִּי מִימִינִי
בַּל־אֶמּוֹט: ט לָכֵן | שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף־
בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: י כִּי | לֹא־תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל
לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: יא תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח
חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ
נֶצַח:

לב א לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה׃
ב אַשְׁרֵי־אָדָם לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן וְאֵין
בְּרוּחוֹ רְמִיָּה׃ ג כִּי־הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי
כָּל־הַיּוֹם׃ ד כִּי | יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ
לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה׃ ה חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֹנִי
לֹא־כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה וְאַתָּה
נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה׃ ו עַל־זֹאת יִתְפַּלֵּל
כָּל־חָסִיד | אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים
אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ׃ ז אַתָּה | סֵתֶר לִי *) מִצַּר תִּצְּרֵנִי
רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה׃ ח אַשְׂכִּילְךָ | וְאוֹרְךָ
בְּדֶרֶךְ־זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי׃ ט אַל־תִּהְיוּ |
כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם
בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ׃ י רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ
בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ׃ יא שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ
צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃

מא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ ב אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־
דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה׃ ג יְהֹוָה | יִשְׁמְרֵהוּ
וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ וְאַל־תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו׃
ד יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל־עֶרֶשׂ דְּוָי כָּל־מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ
בְחָלְיוֹ׃ ה אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי רְפָאָה נַפְשִׁי
כִּי־חָטָאתִי לָךְ׃ ו אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת
וְאָבַד שְׁמוֹ׃ ז וְאִם־בָּא לִרְאוֹת | שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ

*) אחר אתה סתר לי — צריך להפסיק מעט (עיין בלקו״מ ח״א סי׳ ריג)

יִקְבׇּץ־אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: ח יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ
כׇּל־שֹׂנְאָי עָלַי | יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: ט דְּבַר־בְּלִיַּעַל
יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: י גַּם־אִישׁ
שְׁלוֹמִי | אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי
עָקֵב: יא וְאַתָּה יְהֹוָה חׇנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם:
יב בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי
עָלָי: יג וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ
לְעוֹלָם: יד בָּרוּךְ יְהֹוָה | אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם
וְעַד־הָעוֹלָם אָמֵן | וְאָמֵן:

מב א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח: ב כְּאַיָּל תַּעֲרֹג
עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים:
ג צָמְאָה נַפְשִׁי | לֵאלֹהִים לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא
וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: ד הָיְתָה־לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם
וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כׇּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: ה אֵלֶּה
אֶזְכְּרָה | וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי | נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר | בַּסָּךְ
אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן
חוֹגֵג: ו מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי | נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי
לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: ז אֱלֹהַי עָלַי
נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכׇּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן
וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר: ח תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא
לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כׇּל־מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ:
ט יוֹמָם | יְצַוֶּה יְהֹוָה | חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי
תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: י אוֹמְרָה | לְאֵל סַלְעִי לָמָה

שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב: יא בְּרֶצַח ׀
בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל־הַיּוֹם
אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: יב מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי
עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי
וֵאלֹהָי:

נט א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ
שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: ב הַצִּילֵנִי
מֵאֹיְבַי ׀ אֱלֹהָי מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: ג הַצִּילֵנִי
מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: ד כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־
חַטָּאתִי יְהוָה: ה בְּלִי־עָוֺן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה
לִקְרָאתִי וּרְאֵה: ו וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים ׀ צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן
כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: ז יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב
וִיסוֹבְבוּ עִיר: ח הִנֵּה ׀ יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת
בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: ט וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: י עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה כִּי־
אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: יא אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים
יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: יב אַל־תַּהַרְגֵם ׀ פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי
הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: יג חַטַּאת־
פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה
וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: יד כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ
כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה:

טו וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר: טז הֵמָּה
יְנִיעוּן לֶאֱכֹל אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: יז וַאֲנִי ׀
אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי
וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר־לִי: יח עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי־אֱלֹהִים
מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

עז א לַמְנַצֵּחַ עַל־ יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: ב קוֹלִי *)
אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין
אֵלָי: ג בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי יָדִי ׀ לַיְלָה נִגְּרָה
וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: ד אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים
וְאֶהֱמָיָה אָשִׂיחָה ׀ וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: ה אָחַזְתָּ
שְׁמֻרוֹת עֵינָי נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: ו חִשַּׁבְתִּי יָמִים
מִקֶּדֶם שְׁנוֹת עוֹלָמִים: ז אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה
עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: ח הַלְעוֹלָמִים
יִזְנַח ׀ אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: ט הֶאָפֵס לָנֶצַח
חַסְדּוֹ גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: י הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל
אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: יא וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא
שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: יב אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי־יָהּ כִּי־אֶזְכְּרָה
מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: יג וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ
אָשִׂיחָה: יד אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ מִי־אֵל גָּדוֹל
כֵּאלֹהִים: טו אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים
עֻזֶּךָ: טז גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ בְּנֵי־יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה:
יז רָאוּךָ מַּיִם ׀ אֱלֹהִים רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ

---

*) באמרך אל אלהים תכווין המילוי כזה אל״ף למ״ד אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם

תְהֹמוֹת: יח זֹרְמוּ מַיִם | עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים
אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: יט קוֹל רַעַמְךָ | בַּגַּלְגַּל הֵאִירוּ
בְרָקִים תֵּבֵל רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: כ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ
וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ:
כא נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד־מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

צ א תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה
הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: ב בְּטֶרֶם | הָרִים יֻלָּדוּ
וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל:
ג תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם:
ד כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר
וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: ה זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ בַּבֹּקֶר
כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: ו בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל
וְיָבֵשׁ: ז כִּי־כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ:
ח שַׁתָּה עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ: ט כִּי
כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה:
י יְמֵי־שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת |
שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי־גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה:
יא מִי־יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: יב לִמְנוֹת
יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: יג שׁוּבָה יְהֹוָה
עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ: יד שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: טו שַׂמְּחֵנוּ
כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: טז יֵרָאֶה אֶל־
עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־בְּנֵיהֶם: יז וִיהִי | נֹעַם

# אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

קה א הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים
עֲלִילוֹתָיו׃ ב שִׁירוּ־לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל־
נִפְלְאוֹתָיו׃ ג הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב ׀
מְבַקְשֵׁי יְהוָה׃ ד דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו
תָּמִיד׃ ה זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹפְתָיו
וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃ ו זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב
בְּחִירָיו׃ ז הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
מִשְׁפָּטָיו׃ ח זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף
דּוֹר׃ ט אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃
י וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃
יא לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת־אֶרֶץ־כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃
יב בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃
יג וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר׃
יד לֹא־הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃
טו אַל־תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ׃
טז וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל־מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃
יז שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף׃ יח עִנּוּ
בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃ יט עַד־עֵת
בֹּא־דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ׃ כ שָׁלַח מֶלֶךְ
וַיַּתִּירֵהוּ מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ כא שָׂמוֹ אָדוֹן
לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ כב לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ

וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ כג וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר
בְּאֶרֶץ־חָם׃ כד וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ
מִצָּרָיו׃ כה הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃
כו שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר־בּוֹ׃ כז שָׂמוּ־
בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ כח שָׁלַח
חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא־מָרוּ אֶת־דְּבָרוֹ׃ כט הָפַךְ אֶת־
מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת־דְּגָתָם׃ ל שָׁרַץ אַרְצָם
צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ לא אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב
כִּנִּים בְּכָל־גְּבוּלָם׃ לב נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ לג וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ
גְּבוּלָם׃ לד אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃
לה וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃
לו וַיַּךְ כָּל־בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃
לז וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃
לח שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃
לט פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ מ שָׁאַל
וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ מא פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ מב כִּי־זָכַר אֶת־
דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ מג וַיּוֹצִא עַמּוֹ
בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת־בְּחִירָיו׃ מד וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת
גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ מה בַּעֲבוּר ׀ יִשְׁמְרוּ
חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ הַלְלוּיָהּ׃

קלז א עַל־נַהֲרוֹת | בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם־בָּכִינוּ
בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: ב עַל־עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ
כִּנֹּרוֹתֵינוּ: ג כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר
וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: ד אֵיךְ נָשִׁיר
אֶת־שִׁיר־יְהֹוָה עַל אַדְמַת נֵכָר: ה אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ
יְרוּשָׁלָםִ תִּשְׁכַּח יְמִינִי: ו תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי | לְחִכִּי
אִם־לֹא אֶזְכְּרֵכִי אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת־יְרוּשָׁלַםִ עַל
רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: ז זְכֹר יְהֹוָה | לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם
יְרוּשָׁלָםִ הָאֹמְרִים עָרוּ | עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ:
ח בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־
גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: ט אַשְׁרֵי | שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־
עֹלָלַיִךְ אֶל־הַסָּלַע:

קנ א הַלְלוּיָהּ | הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ
עֻזּוֹ: ב הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ:
ג הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר:
ד הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב:
ה הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה:
ו כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים יאמר זה:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: